STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10039

DURKH FAYER UN VASER

Jose Rabinovich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דורך פײַער און װאַסער

איבערדרוקן פארבאָטן.

יוסף ראַבינאָוויטש

דורך פייער און וואַסער

ראָמאַן

בוכהאנדלונג און פארלאג

ש. סגל

ב. ע. אוריבורו 510 — בוענאס איירעס

1931

Copyright 1931
By José Rabinovich

CAMINO DEL DOLOR
por **José Rabinovich**
Editado por la Librería
S. SIGAL
J. E. Uriburu 510 Buenos Aires, 1931

ערשטער קאַפּיטל

דאָס שטעטעלע האָט שוין איינמאָל געהאַט באַוויינט דעם טויט פון גיטלען, רודיס ווייב. איצט, ווען רודי איז אַראָפּגעקומען פון קריג, האָט זיך דאָס שטעטעלע מיט יונג און אַלט ווידער פאַרזאַמלט אַרום רודין און זיין שטיבעלע און נאָך אַמאָל באַוויינט פון דאָס ניי.

*

דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט איז געווען רודי, ווען פאַר אים האָט זיך געעפנט דער בלוטיקער טויער פון קריג און מען האָט אים געהייסן גיין וואו אים געפעלט, וואו ער וויל.

וואו רודי וויל! זאָל מען פרעגן די ערד וואו רודי איז געלעגן טעג מיט נעכט באַגראָבן לעבעדיקערהייד, וועט די ערד זאָגן וואו רודי וויל! ער וויל נאָר דערווישן זיין שטיבעלע און זיין פאַרמעגן! זיין ווייב און זיינע דריי קינדערלעך. מער, זאָגט רודי, וויל ער ניט און וועט מער גאָרניט וועלן: ער וועט ווייטער פון זיין שטיבעלע ניט אַוועקגיין. ער וועט זיצן צווישן זיינע ליבע פיר ווענט און היטן זיין פאַרמעגן. האָט זיך אָבער דער גורל אָן אים נוקם געווען, ווייל, מסתמא, איז דאָס געווען צופיל וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. אָנשטאָט צו באַגעגענען זיין ווייב האָט ער געפונען א קבר. ער קלאָגט ניט, ער ברעכט ניט מיט די הענט. ער שטייט לעבן זיין שטיבעלע. מיטן פעקל לעבן זיך און אַלע אַרום אים, ווייבער, מענער און קינדער און מען ברעכט מיט די הענט און מען קלאָגט פאַר אים.

זיינע דריי קינדערלעך, קלייניקע נאָך, האָבן שוין אָבער שכל צו וויינען. זיי ווייסן אַז זייער טאַטע איז געקומען צו זיי, אָבער זיי גייען ניט

אַרוים פון שטיבעלע: ליגן אַלע דריי אַפן בעט און באַוויינען זייער מאַמען און זייער טאַטן.

רודי איז אַריין אין זיין שטיבעלע און באַלד אַרוים צוריק:

— איך פאָר אוועק פון דאַנען.

דאָס שטעטעלע האָט ניט געוואָלט אַז ער זאָל אוועקפאָרן. ווען ער שטעלט זיך אין שטעטעלע ניט אָפּ, נאָר פאָרט גלייך ווייטער אוועק, וואָלט עס קיין רושם אין שטעטעלע ניט געמאַכט, אַזוי אָבער האָט מען אים גענומען באַקלאָגן שוין באַצייטנס ווי ער וואָלט געהאַלטן באַם שטאַרבן.

ניין, קיינער וויל ניט אַז ער זאָל אוועקפאָרן. די עלטערע, די חשובערע אידן זאָגן עס אים, גיבן אים צו פאַרשטיין, רעדן אים איין, ווער מיט טרערן אין די אויגן און ווער מיט טרערן אין קול, אַז ער זאָל ניט אוועקפאָרן. אָבער זייערע רייד קלעפּן זיך צו זיין האַרץ ווי אַרבעס צו דער וואַנט. די אידן פלאַגן אים און פלאַגן זיך אַליין. ער קוקט ווי אַלע ווייבער פונם שטעטל שטייען און קלאָגן ווי אויף אַ לויה. ער ווייסט ניט פאַרוואָס זיי קלאָגן אַזוי פיל. איין זאַך ווייסט ער: ער מוז וואָס גיכער אַנטלויפן — מער גאָרניט.

פינף יאָר האָט אים דאָס שטעטעלע ניט געזען. ווען ער איז אוועק אין קריג און אַלע מענטשן האָבן זיך געזעגנט מיט אים האָבן זיי דאָך גאַנץ גוט געוואוסט, כמעט ווי זיכער געווען, אַז זיי געזעגענען זיך מיט אים צום ערשטן און צום לעצטן מאָל. דאָך, איז דער טרויער נאָך אים ניט געווען אַזוי גרוים ווי דאָס מאָל. ווייל ווען ער איז געגאַנגען אין קריג האָבן די מענטשן פאַרשטאַנען אַז אויב ער וועט דאַרפן שטאַרבן, וועט עס עפּעס ניט זיין קיין אמתער טויט. זיי האָבן געזען אַז דער מענטש גייט ניט אוועק מיט אייגענעם, מיט גוטן ווילן: ער איז גרייט זיך אומצוקערן צו יעדער שעה, צו יעדער רגע. ער שניידט נאָך ניט אַרוים זיין האַרץ פון שטעטעלע. אָבער דאָס מאָל, ווען רודי האָט מיט צאָרן אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אַלץ וואָס ער האָט געזען, ווען ער האָט זיך געזעצט אויף דער פור און אַ געשריי געטון צום פורמאַן ער זאָל אַ טרייב טון די פערד, דאָס מאָל, דאָס

מאָל איז געוואָרן אַזאַ יללה ווי מען וואָלט געפירט צום בית־עולם דעם רב אַליין.

נאָך אַזאַ אַוועקפאָר, האָבן אַלע געוואוסט אַז ער וועט זיך שוין ניט אומקערן.

אומגעריכט איז עס געקומען פאַר אַלעמען און פאַר אים אַליין אויך. האָט ער דען געזאָלט אויסרעכענען אַז עס וועט אים אפּוואַרטן בײַ זײַן טיר אַזאַ אומגליק וואָס וועט חרוב מאַכן דעם ליכטיקן געצעלט פון זײַנע האָפענונגען? אַלץ האָט דאָך אַזוי אים געשײַנט אַנטקעגן. מיט יעדן מײַל און מיטן יעדן וויאָרסט נענטער צו דער היים, איז דאָך אַלץ ליכטיקער געוואָרן פאַר זײַנע אויגן. ער האָט ניט געוואָלט עסן, ער האָט ניט געוואָלט שלאָפן, כדי ניט צו שטערן די גרויסע ליכטיק־פינצטערע באַגעגעניש מיט ווײַב און קינדער וואָס זײַנען געשטאַנען אַזוי קלאָר און אַזוי אומקלאָר פאַר די אויגן.

צום סוף — — —

אַלע מענטשן זײַנען אַנגעלאָפן פון איין עק שטעטל ביז צום צווייטן צו זען אים. אַלע, אויסער זײַן שווער און שוויגער. זיי האָבן פאַרהאַנגען די פענצטער כדי זיי זאָלן אים ניט זען טאָמער וועט ער דורכגיין. נאָר ווען ער האָט זיך געזעצט אַף דער פור, זײַנען די אַלטע לײַט אַרויס פון שטוב און האָבן זיך מיט אים געזעגנט. זיך געזעגנט ווי מיט אַ טויטן וואָס ליגט אַף דער ערד און מען בעט אים ער זאָל קיין פאַראיבל ניט אַוועקטראָגן אַף יענער וועלט. זיי האָבן אים ניט געקוקט אין די אויגן אויך דערפאַר, ווײַל יעדער האָט זיי געזאָגט אַז זיי זײַנען שולדיק אין זייער טאָכטערס טויט: זיי האָבן זי ניט צו דער רעכטער צײַט געראַטעוועט. דערפאַר האָבן זיי אים צוגעזאָגט אַז זיי וועלן נעמען צו זיך די דרײַ קינדערלעך זײַנע און זיי אָפּהיטן און דערציִען ביז גאָט וועט העלפן, ווען דער טאַטע זייערער וועט זיך צוריקקערן בשלום.

די פור פאָרט און די מענטשן גייען נאָך, ביז רודי האָט געטון אַ געשריי צום פורמאַן אַז ער זאָל מיט אַ שטעקן געבן די פערד. רודי האָט זיך געטון אַ שטעל אויף אין וואָגן און אַליין געוואָלט איבערנעמען די מאַכט

איבער די פערד, נאָר דער פורמאַן האָט אים באַלד באַוויזן אַז ער קען אויך אַנגיין מיט פערד און די פערד האָבן טאַקע באַלד געפאָלגט און אַוועקגע־טראָגן דעם זינלאָזן פּאַסאַזשיר זייערן מיט אַ שטורעם.

רודי פאַרט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

ער איז געבליבן אָן האָפענונגען, אַט דאָס איז אַלץ. גייענדיק אין קריג איז אים געווען אַזוי טייער דאָס לעבן. געוואַרט אַזוי לאַנג און געציילט די נעכט און די טעג אויף די פרעמדע פעלדער. צווישן אַזוי פיל פייערן גערופן צו הילף דאָס געבעט פון ווייב און קינדערלעך. אַליין, אַזוי פיל געבעטן די פליענדיקע קוילן אין נאָמען פון אַ מאַן און אַ טאַטן. דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מעכטיק און ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך דעם טויט. און אין יעדער רואיקער מינוט, פאַרצייכנט פלענער. און די האָפענונגען האָבן פיל מאָל זיך באַוויזן אין הערלעכערווירקלעכקייט. און אויב דאָס איז אַלץ געווען אַ חלום, איז דאָך אָבער צוגעקומען די שעה און באַוויזן פון נאָענט דעם היי־מישן וואַלד, און דעם היימישן זאַמד — —

עס ווייסט ניט דער מענטש וואוהין ער פאָרט. עס בענקט שוין ניט דאָס האַרץ אין ערגעץ. מיט אַמאָל האָט אַ ווינט אויסגעלאָשן דאָס ליכט אויפן טיש פון זיין שבת. אויסגעלאָשן ווי ער האָט נאָר די ברכה געמאַכט. אַ קליין רויכעלע זאָל זיך כאָטש אויפהויבן פאַר די אויגן. דאָס איז אויך ניט. ווי גליקלעך וואָלט ער איצט געווען, ווען ער זעט נאָך ניט די היים. אָדער ווען ער דערזעט אָנשטאָט דעם וואַלד פאַרן שטעטעלע — אַ וואַנט, אַצאָס פונם זאַמד ביז צום הימל. וואָלט ער געלויערט. געזוכט אַ שפּאַרעלע אויף איין בליק צו טון. געלויערט און וואָלט געהאָפט צו דערזען כאָטש דעם שאָטן פון זיין ווייב אָדער זיינס אַ קינד.

געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. געקראַצט זיך אָן די ווענט פון פיל וואַקזאַלן. נישט געווען קיין סיבה וואָס זאָל אים טרייבן צו זוכן אַרבעט. איבעראַנדערשן דאָס לעבן. און אויב אַ סיבה איז דאָך געקומען, איז עס צו פאַרדאַנקען דעם סטודענט יאַראָסלאַוו.

נאָך איידער יאַראָסלאַוו האָט זיך צו אים באַוויזן, האָט שוין רודי אָנגעשפּאַרט ביז שערבורג. ביי רודין האָט עס געהייסן אַז ער פאָרט זוכן אַרבעט. ס'איז אמת, מיט דעם געדאַנק איז ער טאַקע געפאָרן. אָבער קו־מענדיק אין אַ שטאָט אין אַ פרעמדער, פּלעגט פונם געדאַנק גאָרניט ניט ווערן. דערזעענדיק אין די גאַסן אַן אומגליקלעכן מענטשן אַן אומצופרי־דענעם פּונקט ווי ער, פּלעגט ער שוין האָבן פאַר זיך אַ תּירוץ, אַז דאָ, קען מען ניט געפינען קיין אַרבעט. מען מוז נאָך פאָרן ווייטער.

זיין פּנים און זיין גאַנג האָט ניט אויסגעגעבן אים צו זיין אַ וועלכער לומפּ. פאַרשטייט זיך אַז דאָ מיינען מיר ניט דעם אַריסטאָקראַטישן לומפּ. דער לומפּ פון דער אַרבעטער קאַטעגאָריע טראָגט ניט קיין מאַסקע אויף זיין דערשלאָגענעם פּנים. ער באַמיט זיך אפילו ניט צו זוכן וואו אַ נאָדל אויף צו פאַרריכטן זיינע הויזן. רודי האָט ניט קיין שיכות צו אַזעלכע פאַר־שוינען. זיין פּנים דריקט נאָך אויס גענוג ענערגיע און אפילו ווירדע וואָס דערלאָזט ניט קיין צוטריט פון קיינעם און צוטרוי צו אים.

ער האָט געוואָרט אַז מיט אים זאָל עפּעס פאָרקומען. אים אַ שליידער טון אַז ער זאָל זיך אויפכאַפּן און זיך דערפילן. דערפילן אַ ווייטיק. ער זאָל זיך דערמאַנען וואָס האָט אים געטריבן אַהער. און זיך דערמאַנען אַז ערגעץ וואו שטייט אַ שטיבעלע צווישן גראָזן, און קינדערלעך דריי קוקן דאָרט אָפּט אין פענצטערל צום הימל און זוכן אַ שטערן צו וועלכן די מאַמע פּלעגט שטענדיק וויינען פריייטיק צו ליכט־בענטשן.

אויב ער האָט זיין ענערגיע ניט אויסגענוצט האָט זי זיך אָבער אין אים געזאַמלט אַזוי ווי עס זאַמלט זיך אַן עלעקטריק אין די וואָלקנס פאַר אַ שטורעם. יאַראָסלאַוו איז אויך ניט געווען קיין יונג פון הינטערן אויוון. איז אויך געווען אַ יונג מיט פייער ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן און ער האָט זיך אויפגעטראָפן מיט רודין אין דער ריכטיקער צייט. אין אַזאַ צייט וואָס רודי האָט אים שוין ווי אָפּגעוואָרט.

זיי האָבן זיך אויפגעטראָפן אין אַ קאַבאַרע און אָט אויף וועלכן אופן:

אין אַן אָוונט, ווען רודי איז געווען אין שערבורג און האָט אין אַ גע־שעפט אויסגעביטן זיין לעצטן אויסלענדישן באַנקנאָט האָט ער געזען, פון

זעלבן געשעפט איז אַרויסגעגאַנגען אַ דאַמע מיט אַ הינטל אַף אַ קייטעלע. ער האָט ניט איבערגעטראַכט אַז ער גייט זי נאָך. ער איז געווען פאַרנומען מיט דעם געדאַנק צו זוכן אין ערגעץ אַ ביליקערן אוונט-ברויט, ווי אין דעם דערהערט ער אַ קוויטש פון דער דאַמע וואָס גייט פאַר אים: פונם קייטעלע בא איר האָט זיך אָפּגעריסן דאָס הינטל. שולדיק איז אין דעם געווען אַ געפּלעקטער, אַ מיאוסער הונט, וואָס האָט אים אַ לעק געטון און דאָס הינטל, זיך אויפרעגנדיק מסתמא פון דעם לעק, האָט זיך אַרויסגעריסן און זיך גענומען טראָגן מיט יענעם צוזאַמען.

רודי האָט קיין זאַך ניט אויסן געווען וואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, כאָטש דאָס איז געווען אַ פּראַכטפולע פרוי. זי האָט זיכער ניט באַדאַרפט האָבן דאָס געלד אַף זיך כדי עס זאָל איר צוגעבן מער שיינקייט. זיי האָבן זיךביידע צוגעקוקט ווי ביידע הינט טראָגן זיך. זיך אָפּשטעלנדיק טוען זיי זיך בלויז אַ שפּיל און טראָגן זיך ווידער. און כאָטש זי שטייט פאַרצווייפלט און דאָס פנים פאַרלירט בא איר דאָס פאַרב, קען ער זיך דאָך ניט באַהערשן אום אויב זיך ניט צעלאַכן, איז כאָטש אַ שמייכל צו טון. ער וואָלט מיט אומגעוויינלעכער קראַפט זיך איצט אַוועקגעלאָזן נאָך די הינט, ווען ער הערט נאָר פון איר דעם ערשטן וואָרט דערצו. אָבער צום טייוול! אָט לויפט אָן אַן אויטאָ, זי שטעלט אים אָפּ, און דער אויטאָ יאָגט נאָך די הינט. רודי פאַרלירט דעם שמייכל מאָמענטאַל. ער גייט אין דער ריכטונג וואו דער אויטאָ פאָרט. ס'איז נאַכט, און דער נעפל שטערט נאָך מער פון דער נאַכט. ער גייט, ער וויל זען וואָס דער נאַרישער אויטאָ וועט אויפטון. רודי איז זיכער, ווען זי פאַרלאָזט זיך אַף אים, וואָלט עפּעס גיכער דערפון אַרויסגעקומען, זיין זיכערקייט איז ניט אָן אַ גרונט. ס'איז אַ פראַגע צו אין שערבורג וועט זיך עמיצער אויסזוכן, וועלכער זאָל זיין פעאיק אַף דעם געביט אַזוי ווי ער. ער האָט, וואָס אַן אמת, נאָך הינט ניט געיאָגט זיך, אָבער פאַקטן האָט ער בעסערע וואָס קענען באַרעכטיקן זיין זיכערקייט.

רודי פלעגט דעריאָגן שעפסן. דאָס פלעגט אים אפילו אנקומען שווער, אָבער ער פלעגט זיי פאַרמאַטערן. שעפסן פאַרמאַטערן און כאַפּן אין פעלד, איז ניט גאָר פון די גרינגע זאַכן. שעפסן זיינען פלינק ווי די האָזן. ער פלעגט

אַזוי פּאַרמאַטערן אַ שעפּס, אַז זי פּלעגט זיך שוין שטעלן קעגן אים און וואַרטן דערשעפּט, אַז ער זאָל זי שוין נעמען.

ס'איז געווען שיין און אַנגענעם זיך צוצוקוקן ווי אַזוי דער אויטאָ פּאָרט נאָך פּאַמעלעך נאָך די הינט. פּלוצים פּלעגן זיי זיך געבן אַ דריי אוים און איידער דער אויטאָ פּלעגט זיך אויסקירעווען, פּלעגן שוין די הינט וואו פאַרטראָגן זיך. אין אַזאַ פּאַל איז רודין ניט שווער געווען צו האַלטן אָפּן אויג דעם אויטאָ און די הינט. נאָך אַזאַ לאַנגן ווילדן פאַרגעניגן האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ זעלטענע געלעגנהייט זיך צו צערודערן. ס'וואָלט נאָך פּאַר אים געווען בעסער ווען דאָס שפּיל גייט אָוועק מיט דער גאַנצער נאַכט, נאָר דער אויטאָ איז, ווייזט אוים מיד געוואָרן און דער שאָפער האָט מער ניט געוואָלט האָבן צו טון מיט די הינט, ווייל, דער אויטאָ האָט זיך פאַרבלאָטיקט אין די מיאוסע אָרעמע געסלעך. און די הינט האָבן זיך שוין מער ניט געוויזן.

ווען די מאַדאַם האָט אויסגעשטיגן, האָט זי דערזען דעמזעלבן מענטש וואָס פריער. צי זי האָט ניט געוואַגט, צי זי האָט געהאַט אויף אים אַ חשד, נאָר זי איז צו אים ניט צוגעגאַנגען.

— זייט זיכער — רופט אוים רודי אַביסל אומנאַטירלעך — אַז מען קען נאָך דעם הונט געפינען.

די מאַדאַם האָט אים אָפּגעענטפערט פונם ווינקל־גאַס וואו זי איז געשטאַנען:

— ס'וועט אייך לוינען אויב איר וועט אים געפינען.

— איר גיט נאָך צו — זאָגט רודי אויפגעמונטערט — וואו אים צו ברענגען.

ער האָט צוגענומען די וויזיט־קאַרטע וואָס זי האָט עפּעס אַזוי ניט גערן אים געגעבן און איז נעלם געוואָרן.

ער איז אָוועק צום אָרט וואו די הינט זיינען דורך אַ לאָך אַריינגעקראָכן אין אַ טויער. דער טויער איז שוין געווען פאַרשלאָסן. ער האָט געגלויבט אַז די הינט מוזן נאָך דאָרטן זיין. ער איז אונטערגעשטאַנען אַ צען מינוט און דערנאָך האָט ער געפּרואווט אַ סקאַוואַויע טון. באַלד האָט ער

דערהערט א הינטישן ענטפער און זעענדיק ווידער אמאל אז דער טויער איז פארשלאסן איז ער אויפגערעגט געווארן און האט שוין געוואלט אנ־קלינגען. ער האט אבער מורא געהאט צו פארלאזן די לאך אפילו אף איין רגע. ער האט נאך אמאל א ביל געטון און באלד האט זיך באוויזן דער קאפ פונם געפלעקטן פארשיוון הונט. יענער איז געשטאנען הינטער דעם. ער האט מורא געהאט אנצוכאפן פארן קאפ מיט די הענט דעם פאסקודנעם הונט. ס'האט אבער גארניט לאנג געדויערט ווי דער הונט האט זיך אליין ארויסגעכאפט פון אינעווייניק. אבער דער קליינער הונט, צום טייוול, וואס פון אים האט געשמעקט ווי פון דער דאמע, איז צוריק אפגעשפרונגען ווי נאר ער האט דערזען פרעמדע הענט לעבן אים. ער האט ניט געוואלט דאס הינטל צערייצן איז ער געשטאנען רואיק און געווארט. געווארט ווי א קאץ לעבן א נארע פון מייז. דער געפלעקטער הונט איז פון טויער ניט אפגעטראטן. ס'האט אים, זוייזט אויס, אויך געשמעקט דאס שמעקעדיק פעט הינטל. ער האט שוין, ווייזט אויס, אף אזא בישן לאנג געווארט. רודי האט אים אבער ניט געלאזן ארייננקריכן ווידער צו אים, און רודי אליין, האט זיך ארפגעזעצט לעבן טויער און זיך געמאכט פארגליווערט. מארנע: דאס הינטל האט אפשר א שעה צייט געקוקט אף אים דורכן לאך און ניט געמאכט די מינדסטע באוועגונג אף דורכצוכאפן זיך. רודי איז געזעסן ווי פארגליווערט און האט זיך אנגעקוקט אויג אין אויג מיטן הינטל. אריבער א שעה צייט איז אזוי אוועק. דער פרעמדער, דער פאסקודנער הונט האט רודין אויך אנגעקוקט און האט זיך אלע מאל געוואלט צו יענעם ארייננכאפן, האט אים אבער רודי אוגטן מיטן פוס ניט דערלאזן. רודי האט שוין עפעס געוואלט זוכן א ניי מיטל, ס'איז אים שוין געווארן קאלעמוטנע אפן הארצן צו זיצן אזוי, האט ער באשלאסן, צולאזן דעם געמיינעם הונט ארייננשטעקן דעם קאפ אין לאך, און ווען ער וועט וועלן ארייננקריכן אהין אינגאנצן, זאל ער אים גיך געבן א שלעפ ארויס פאר די פיס. ער האט שוין אפילו פאר דעם צוגעגרייט דעם פאס פון זיינע הויזן. אף אזא אויפן איז עס טאקע באלד פארגעקומען. דער געמיינער הונט איז האלב ארייננגעקראכן אין לאך, אבער ווי נאר ער האט גענומען שלעפן נאך זיך די הינטערשטע פיס, האט

אים רודי פאַרפּעגטעט מיטן פּאַס. דער הונט האָט אויפגעהויבן אַ ווילדן גוואַלד. רודי איז שוין אָבער געשטאַנען אויף די פיס, ווייל ער האָט שוין דערזען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. שווער איז געווען אַרויסצושלעפּן דעם הונט, ווייל דער הונט האָט מיט די פעדערשטע פיס געהאַלטן אַרומגענומען יענעם. יענער האָט אים, ווייזט אויס, געשלעפּט צו זיך, אין טויער. מיט אַ גוואַלדיקן כוח האָט זיי רודי געשלעפּט. אבער ווי עס ווייזט אויס, האָבן ביידע הינט נאָך פאַרמאָגט אַ גרעסערן כוח. וואָלט דער מיאוסער הונט ניט אַזוי ווילד געשריגן, וואָלט רודי ניט אַזוי אַריינגעפאַלן אין צאָרן. אַזוי האָט ער אָנגעווענדעט זיין גאַנצן כוח אויף צו מאַכן אַ סוף, און ס'האָט זיך אים איינגעגעבן. ווי נאָר דאָס הינטל האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, האָט רודי פלינק אים אַ כאַפּ געטון און דעם מיאוסן פון זיך אַ שפּאַר געטון מיטן פוס און ער איז באַלד אוועקגעטראָגן געוואָרן ווי אַ ווינט. און דאָס הינטל, זוכנדיק איין האַנט און די אַנדערע וועלנדיק בייסן, האָט אבער באַלד דער־פילט אַז עס שטיקט עפּעס דעם קאָפּ. רודי האָט אַרויפגעוואָרפן זיין היטל אויף אים און אַז ער איז שוין געבליבן זיכער מיט זיינע הענט, האָט ער אים אָפּן האַלדז אַרויפגעטון זיין פּאַס און אַראָפּגעלאָזט, פירנדיק אים נאָך זיך ווי אַ בעלעבאָס.

ער האָט געהאַט נאַכטלעגער אין אַן ענגער אָבער ציכטיקער אכסניה. ער מיט נאָך צוויי, זיינען געשלאָפן אין איין צימער. רודי האָט מורא געהאַט אַריינצופירן דאָס הינטל מיט זיך, עס זאָל ניט אָנמאַכן די שלאָפנדיקע, מידע צוויי אַרבעטער, קיין טומל. ער האָט אים צוגעבונדן פון יענער זייט טיר, אַוועקגעלייגט פאַר אים אַ וואורשטל וואָס ער האָט אָפּן וועג פאַר אים געקויפט. יענער האָט עטלעכע מאָל באַנאַכט אַ ביל געטון, ס'האָט אָבער קיינעם ניט געוועקט. ס'האָט זיך געדוכט ווי דאָס קומט פון ערגעץ גאַנץ ווייט. אַ דינער פייף אַזאַ און אַ נאָגנדיקער ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו פון ווייט, פון זייער ווייט.

צען אַזייגער אינדערפרי, גייט רודי און האַלט די וויזיט־קאַרטע אין איין האַנט און מיט דער צווייטער שלעפּט ער נאָך זיך אָפּן פּאַסעק דאָס

הינטל. ער קלינגט אָן, ס'באַווייזט זיך די דינסט. די דינסט האָט נאָך אפילו ניט אַ קוק געטון אויף דעם מענטשן וואָס האָט אנגעקלונגען, נאָר ווי גיך זי האָט דערזען דאָס הינטל, איז זי גלייך אַרויפגעפאַלן אויף אים. זי האָט אים געוואָלט אַ כאַפּ טון. אפשר האָט זי אים טאַקע שטאַרק ליב און אפשר האָט זי געוואָלט דערפרייען איר מאַדאַם. אַזוי צי אַזוי, רודי האָט איר ניט געלאָזט אַרויפפאַלן אויפן הינטל. ער האָט זי לייכט אויפגעהויבן און אַליין זיך אָפּגערוקט. ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט איר אויסצוזידלען, ווי גיך די מאַדאַם אַליין טאַקע, די זעלבע פון נעכטן באַנאַכט, איז אים געלאָפן אַנטקעגן. זי איז אויך באַלד צוגעשפּרונגען צום הונט, אבער זי האָט אויך רודין געהאַלטן פאַר דער האַנט. און ווי גיך נאָר דער ערשטער רעש אירער איז אַריבער, אַזוי גלייך האָט זי אים פאַרבעטן אין שטוב.

טאַקע אַ קליין שטעטלדיקער איז רודי, אבער די מלחמה האָט אים גע־מאַכט גרויס־שטעטיש. די מלחמה האָט אים געגעבן גענוג געלעגנהייטן דערצו. דערפון איז דאָ זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן אים צו דער־ציילן. מיר וועלן זיי דאָ דורכלאָזן דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען צופיל געמיין און מיאוס, כאָטש זיי זיינען אַרויסגערופן געוואָרן ניט דורך אים, נאָר דווקא דורך די פרויען, פּרעזענטירטע פון גאָר די הויכע פענצטער. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז די פאַקטן באַשטעטיקן אַז זיי זיינען נידערי־קער — אין זייערע נעכט מיט די מענער — פון גאַסן־פרויען. דאָס ווייסט צו דערציילן גראַד דער אָרעמער רודי. יאָ, דער אָרעמער רודי האָט שוין פון אַלע אומגליקן פאַרזוכט, דורכגייענדיק אַלע קלאַזעטן פון גהינום ביז צום „גן־עדן".

— ווען האָט איר אים געקריגן? — פרעגט זי אים מיט אַזוי פיל ליב־לעכקייט, אַז עס גייט פון אירע אויגן צו אים אַ פייער.

— ערשט איצט, געשעצטע פרוי.

ער פילט זיך ניט שלעכט דאָ, רודי. באַ אַן אַנדערן וואָלטן געציטערט ניט נאָר די ציין דערזעענדיק אַזאַ לוקסוס, נאָר אפילו די שפּיצן פינגער אין די שיך. ער דערשרעקט זיך אָבער ניט. מאַכט עס אויך ניט קינסטלעך. ער איז נאַטירלעך און פילט זיך גוט. אין אַ מאַסקע טראָגט ער שוין איצט

זיין לעבן נאך אלע אומגליקן. ער שטעלט זיך אויף פון שטול און מאכט זיך צורעכט די האר מיט דער האנט פאר איר אין די אויגן. ער זעט אין שפיגל ווי זי קוקט אף אים און ער טוט זיך זיינס.

און אין צימער איז קיינער ניטא חוץ זייביידן. א דריטער איז נאר דער הונט. זי פרעגט אים אויס און ער גיט איר קורצע און קלארע ענטפערן פון זיין אמתדיק לעבן. עס זעט זיך אבער אן, אז זי פרעגט אים ניט אף שפאס נאר זי פאראינטערעסירט זיך מיט אן אמת. זי פרעגט אים איבער עטלעכע מאל ער זאל איר זאגן פון וואס זיין פרוי איז געשטארבן און אז ער זאגט אז ער ווייסט ניט, בלייבט זי ניט צופרידן. זי פרעגט אים פארוואס האט ער זיך ניט נאכגעפרעגט וועגן דעם, זאגט ער, אז אים האט ניט אינ־טערעסירט. ער זאגט איר אז ס'איז איבעריקע רייד, און זאגט איר אויך אז די איבעריקע רייד וועלן מיטגיין נאך אים אלע יארן און אונטערגראבן נאר מער דאס געמיינע לעבן וואס איז שוין אזוי אויך אן דעם צעפוילט, און וויל זיך שוין ניט האלטן אף דער וועלט.

— פרעגט ניט — זאגט ער צו איר מיט פשוטקייט און גוטסקייט — פרעגט ניט. איר דארפט ניט וויסן פון אזעלכע זאכן. איר, זעט זיך אן, האט ניט געהאט דאס גליק צו באוואונדערן דאס לעבן מיט די פיס ארויף, ס'איז ניט שיין.

— כ'האב געהערט — זאגט זי — אז ס'איז געווען זייער שלעכט, טאקע, אין יענע יארן, די זעלנער זיינען ניט געווען צופרידן אף די פראנטן. זיי האט פשוט אויסגעפעלט עסן. כ'האב עס געלייענט. אפשר איז דאס ניט געווען איבערטריבן.

— ניין.

רודי האט מער ניט געוואלט געבן קיין ענטפערן. ער האט געזען שוין און פארשטאנען, אז ס'איז איבעריק איר צו דערציילן אפילו אייןווארט פון דעם, פון דאס וואס איז פארגעקומען.

זי האט אים צוגעטראגן ציגארן. זיי האבן ביידע פארויכערט. און אין א ווייכע ארום, האט זי אוועקגעשטעלט אפן טיש ליקאר. דורכן שמעקעדיקן רויך פון ביידע ציגארן און דורך דעם טריבן זיס־שלעפערדיקן טומאן, וואס

די אויגן האָבן דורכן ליקאָר פאַרצויגן, האָבן זייערע רייד אַלץ שטילער און שטילער פאַרגאַנגען. זי האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף איר לעבן. זי האָט דערציילט אַז ס'איז שוין באַלד צוויי יאָר ווי זי איז אַליין. דער מאַן איז אַוועק פון דער וועלט.

זי זעט אין זיינע אויגן אַז ער הערט שוין ניט. ער זיצט שוין אין אַ פּאָזע פון אַ סטאַטוע. ער קען שוין ניט ענטפערן מיט קיין וואָרט. זי פרעגט אים צי ער וואָלט זיך וועלן צולייגן אָבער ער ענטפערט ניט. זי גיט אַ גלעט זיין שטערן און ער שווייגט און דרייט נאָר אויס צו איר זיינע אויגן. זיי קוקן זיך אָן פון אַזוי נאָענט, אַז זיי אָטעמען איינער פון אַנדערנס מויל. זי שפּילעט אויף זיין רעקל, זי שפּילעט אויף זיין העמד און ער דערפילט אַ ליכטיקע ווארימקייט אויף זיין לייב, פון איר ליכטיקער האַנט וואָס גלעט זיין האָריק לייב. זי לייגט אַרויף זיין קאָפּ אויף זיך. ער לאָזט ניט אַרויס קיין וואָרט, אבער, לויט די בליקן פון זיינע אויגן איז ער באַם פאַרשטאַנד. ער קוקט זי אָן ווי אַ מערדער מיט אומנאַטירלעכע גרויסע אויגן. אבער ער דערשרעקט זי ניט. איר ברוסט אָטעמט מיט אַזאַ מאַכט, ווי זי וואָלט גע־פירט אין זיך אַ קאַמף מיט אַ שרעקלעכן געוויין וואָס וויל זיך אַרויסרייסן. זיין מויל איז פאַרשלאָסן, אבער ער רעדט זייער פיל. אמת, קיינער הערט ניט. אין די שוואַרצע פונקן פון אירע אויגן זעט ער זיך ווי אין אַ שפּיגל. ער זעט זיין פאַלשן לעבן. זי לאָזט אים אבער ניט מער אַריינצוקוקן אין אירע אויגן. זי מיינט, אַז דאָס זעט ער איר לעבן. און איר לעבן פאַראינ־טערעסירט אים. זי שטעלט זיך אויף און פירט אים אַוועק אויף אַ סאָפע. לייגט אַרויף זיינע פיס און ציט זיי אויס. ס'איז איר עפּעס אַנגענעם פאַר־וואָס ער רירט זי ניט אָן. אבער ווי זיינע אויגן האָבן גענומען אַריינגיין אין שלאָף, האָט זי אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אים איינגעגעבן דאָס בעסטע פון איר לעבן: קאָקאַין.

אַזוי איז שוין מיט רודין. שטענדיק ווען עס שטייט פאַר אים אַ צופאַל, זאָגט ער צו זיך מיט קלאָרן געדאַנק, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן פירן נאָך יענעם און דאָך טוט ער און גייט. ער איז ניט פאַרזיכטיק. לאָזט זיך

אָפּט אַף געפּערלעכע וועגן. איצט אויך וויל ער ניט מיטן פאַרשטאַנד פאָלגן דער דאַמע צו גיין מיט איר אין אַ קאַבאַרע און אָנטון דעם פראַק פון איר אומגעקומענעם מאַן. אָבער, זיין האַרץ שטעלט ניט קיין ווידערשטאַנד. יאָ, ווען ער געפינט זיך אין אַ שלעכטער לאַגע, דעמאָלט וואָרנט אים שוין יאָ זיין האַרץ און ער נעמט שוין אָן מיטלען, אָבער דאָס איז דעמאָלט, ווען ער שטייט שוין פאַרן פייער פון געפאַר.

זי זעט אַז ער איז ניט צופרידן מיטן גיין מיט איר, אָבער טאַקע דער־פאַר, איז זי נאָך מער צופרידן.

די דאַמע, ווען זי בלייבט מיט איר לעבן אַף פיר אויגן, ווען זי פרעגט פראַגן, און דאָס לעבן גיט איר פאַרשאָלטענע ענטפערן, דעמאלט פאַרגינט זי ניט די מענער דעם פאַרגעניגן וואָס זיי האָבן פון איר. נאָך אַלעמען, בלייבט איר איבער אַ מאַסקע און ניט קיין האַרץ, און ניט קיין נשמה. אָבער אַזוי ווי רודי און נאָך פיל אַזעלכע מענטשן, קען זי זיך אויך ניט אַרויסהעלפן ווען זי שטייט פאַרן כאַאָס פון זודיקן לעבן. דעמאלט איז די פראַגע, און דער ענטפער קומט דאָך שוין נאָך אַלעמען, שפּעטער ווען דאָס בלוט איז שוין אָפּגעקילט און פאַר די אויגן זעט מען שוין דאָס וואָס עס שטייט. איר גאַנצע שיינקייט, איר גוף און דאָס האַרץ, האָט זי זיך איבער־צייגט, קריגט פאַר קיינעם גאָרניט די ווערט ווען זי גייט נאָר אַרויס פון בעט. און דאָס גליקלעכע בעט אַז מען דאַרף זי אנקוקן אָפּט, ווערט זי פאַרשאָלטן. דאָס בעט מאַכט מער אַ תל די נשמה ווי דעם גוף. דער ווילן ברענט אויס, און דער זין פון לעבן פאַרלעשט זיך אין בלוט און עס ווערט קאַלט און צו פאַרשטענדלעך די וועלט.

אַזאַ מענטש ווי רודי איז פאַר איר גוט, אָבער אַזאַ פרוי איז פאַר רודין ניט גוט. איר נשמה וועט קיינמאָל ניט ווערן נאָענט זיינער. אים אינטערעסירט נאָר אַזאַ לעבן ווי זיין. די אויגן פון זיין פרוי זיינען געווען פאַרשטענדלעך און מען האָט געזען אין זיי דאָס לעבן. און אין דערם אויגן איז ניטאָ דער אינהאַלט פון קיין גליקלעכן און ניט פון קיין אומ־גליקלעכן מענטשן. ער וואָלט געווען צופרידן ווען ער וואָלט זיך ניט האָבן באַגעגנט מיט איר. ווען ער זאָל אין זיין לעבן זי קיינמאָל ניט האָבן געזען.

כאַטש אים זעט זיך אָן, אַז דער פרוי קען מען פאַרטרויען ליידן אבער זי וועט עס ניט קענען אפשאַצן. זי וועט ניט קענען דאס ליידן פאַרוואַנדלען, דערהויבן צו פרייד. זיין פרוי וואלט עס געקענט. דאס ווייסט ער, ער איז זיכער. אירע אויגן זיינען די זעלבע ווען זי ליגט אין בעט און לאַכט און ווען זי הערט אויס אַ קאַפּיטל פון זיין פאַראַנטוואָרטלעך לעבן אין די ווילדע יאָרן. זיי צינדן זיך ניט אָן און זיי פאַרלעשן זיך ניט. איר שיינ־קייט, איר גוף? דעם ווערט פון איר גוף קען ער ניט שאַצן. איר גוף האָט ניט אויסגעזויגן קיין איין טראָפּן יסורים פון זיין בלוטיקן נעכטן. אויב רודי קען ניט אָפּשאַצן ווי אַנדערע איר גוף, וועט אָבער קיינער ניט קענען אָפּשאַצן און אויסשעפּן איר נשמה ווי ער, רודי. ער ווייסט, אַז מיט איר וועט ער זיך אַפילו ניט קענען שפּילן. אויך דערפאַר, ווייל איר האַרץ איז שוין אפגעריבן פון צופיל שפּיל, פון צופיל הענט און פון צופיל קאַקאַאין. אָפּגעריבן ווי אַן אָפּגעריבענע מטבע וואָס מען ווייסט ניט צי זי איז אַ ריכטיקע צו אַ פאַלשע. זי דאַרף האָבן אירס גלייכן. און קיין בעסערן אמת פאַר איר קען גאָר בעסער ניט זיין ווי איר הינטל. סוף כל סוף טראָגט דאָס הינטל ניט קיין מאַסקע. און אַזאַ פרוי ווי זי, קען אַ מאַן אָן אַ מאַסקע ניט קריגן. אַ מענטש מיט אַ נשמה וועט לאַנג ניט קרעכצן פאַר אירע שיינע נאַקעטע פיס. וואָס צו זאָגן האָט זי ניט. אמת, ס'האָט זיך רודין אויסגעוויזן אַז זי האָט ליב אויסצוהערן טרויעריקע געשיכטן, אָבער ער האָט באַשלאָסן בעסער לאָזן אויסהערן זיינע געשיכטן אַפילו אַזאַ געמיינעם מיאוסן הונט פון נעכטן באַנאַכט איידער איר. ווייל ער האָט געזען, אַז זי האָט זיך אין זיי באַלד פאַרגעסן ווי אַ פּשוטע קאַץ. און אויב ער האָט אַביסל רחמנות אַף איר, איז עס דערפאַר, וואָס זי איז שיין. האָט אַ פּנים אַ געראָטענעם. דאָך פאַרווייל קען זי ניט אַז עס זאָל אַרויסקומען פרייד. זי קען אַרומגיין שיין איבערן שטוב, אבער עס ווערט ניט היימלעכער און ניט רואיקער אַפן האַרצן. אַזאַ איז זי, די דאַמע.

זיי זיצן ביידע אין קאַבאַרע. ער ווערט פון דעם אַף אַ האָר ניט אַנדערש. ער פילט זיך ניט גוט און ניט שלעכט. אים איז נאָר אומבאַקוועם

אין דעם הילך וואָס ער טראָגט אויף זיך. דער קאַלנער איז צו גרויס און ס׳רוקט זיך אים אַראָפּ. אבער אַן איינדרוק אַ שיינעם מאַכט ער אויף די לייט, וועלכע ווארפן אויף אים בליקן. ס׳איז זיכער, אַז ער אינטערעסירט זיי בלויז צוליב איר אַנוועזנהייט. קיינער קען ניט באַשטימען פון וועלכן לאַנד ער קומט. פאַר אַ דייטש, איז ער ניט אַזוי בלאָנד. פאַר אַן ענגלענדער, איז ער צו נידעריק. פאַר אַן איטאַליענער, האָט ער צו דינע שטריכן. אבער פאַר קיין אדלמאַן נעמט אים קיינער ניט אָן. ער איז פאַר פיל אויך אַ צווייפל דערפאַר, וואָס אים אינטערעסירט ניט די פּראַכט פון די פּאַריזער שיין־מיידלשע היפטן. ער באַנוגנט זיך מיט אַ בליק פון מאָל צו מאָל און דרייט אַוועק דעם קאָפּ. אַנדערע ברענגט ער מיט דעם אַריין אין שלעכטער שטימונג און בײַ אַנדערע ווערט ער מיט דעם חשובער. פאַר קיין געמיינעם, רופט ער בײַ קיינעם ניט אַרויס קיין פאַרדאַכט. ער איז ניט ליבלעך צו זיין דאַמע און דאָס איז אויך שיין פון זיין זייט אין אַלעמענס אויגן. בײַ אַנדערע, פאַררעכנט ער זיך אַלס קלוגער מאַן. זיין דאַמע שפּירט ניט איבעריק דעם איינדרוק וואָס אַנדערע האָבן וועגן אים. איר איז אַלץ איינס, ערשטנס מיט דעם, וואָס זי איז פון אים צופרידן. צווייטנס, קען זי ניט באַאומרואיקט ווערן, ווייל, איר געדאַנק דערלויבט זיך ניט אַריינצודרינגען אין די פינצ־טערע באַהעלטענישן פון מענטשלעכן אונטערבאַוואוסטזיין. איר לעבן בלאַנדזשעט קיינמאָל ניט אַוועק ווייט פון איר פאַרשטאַנד. און איצט איז איר גאַנץ גוט. זי דערפילט עפּעס אַ שוץ אין די אומפאַרשטענדלעכע אויגן פון דעם פרעמדן מאַן רודי. זי ווייסט, אַז ער וואָלט זי איצט ניט פאַרלאָזן ווען זי דאַרף בעטן הילף. נאָר זי ווייסט ניט איין זאַך, צי וואָלט ער איצט צוגעלאָזן אַ פרעמדן מאַן איר אַוועקצונעמען פון אים. אמת, ניט נאָר זי וואָלט עס געקענט באַשטימען, נאָר אפילו קליגערע פון איר וואָלטן עס ניט געוואוסט. איידער די מלחמה האָט אים צעשראָקן, האָט מען געדאַרפט לערנען זיין פּסיכאָלאָגיע אויף צו קענען אורטיילן זיין האַנדלונג איצט. נאָך מער, איצט וועט זיין אינערלעך לעבן ניט שטימען מיט קיין טעאָריע. אפשר האָבן די טעאָריעס באַצייכנט יאָ אַזאַ מענטש, וועט אבער אַלץ בלייבן פעלערן אין זייער באַצוג. עס קען זיין, אַז ווען צו איר זאָל צוקומען

אַ מאַן, זי אָוועקנעמען און ער זאָל אַפּילו ניט אַרויסנעמען פאַר רואיקייט דעם ציגאַר פון מויל, אָדער, עס זאָל גאָר שלעכט אָפּשניידן פון אים יענער מענטש. איצט, ווען ער זאָל אַפּילו קלערן וועגן דעם, וועט ער ניט וויסן און ניט קענען באַשטימען אַליין זיין האַנדלונג אין אַזאַ פאַל. אין דעם אָנגעקומענעם מאָמענט וואָלט ספּאָנטאַן אין אים רעאַגירט אַ כוח. דאָס וואָלט געווען אַ צופאַל וואָס וואָלט אים ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו טראַכטן. זיין האַלטונג, רופט אַרויס אין אַ געוויסער מאָס ווירדע און שטאָלץ, ווייל ער קוקט אָן לאַנג אַ מענטש אין די אויגן און זיינע אויגן גיבן זיך ניט אונטער און יענער האַלט ניט אויס און דער באַזיגט. דאָס איז אַ זיכערער מיטל אַף אַרויסצורופן יענעמס פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן דעם אונטערשייד פון אַ שוואַכלינג ביז צו אַ העלדישע נאַטור. אויב רודי גיט אַמאָל נאָך אַ מענטשן, איז עס ניט פון שוואַכקייט, נאָר אַזוי טוט ער, אָן דענקען.

נאָענט לעבן זייערע שטולן האָבן זיך צוגעזעצט צוויי יונגע מענער. זיי האָבן באַגריסט די פרוי און די פרוי האָט זיי באַלד באַקאַנט געמאַכט מיט דעם נייעם גאַסט, מיט רודין. צו די צוויי, איז באַלד צוגעקומען א דריטער. דער דריטער, כאָטש ער איז געווען אָנגעטון אין א סמאָקינג, האָט ער דאָך ניט אויסגעזען צו זיין פון די געבאָרענע אַדל־לייט. זיינע זיטן האָבן אים פאַראַטן. ער איז נאָך ניט געזעסן קיין צוויי מינוט ווי ער האָט מיט אַ גרויסן מויל אַ געניץ געטון און צעפירט די הענט פראָסט ווי אַ פאַרדרימעלטער פורמאַן אין אַ שענק. איינער האָט אים דערביי אַ דריק געטון דעם מוסקל באַם עלנבויגן, און זיי האָבן איינשטימיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. דער לעצטער האָט עפּעס אַ וואונק געטון צו דער דאַמע, מסתמא וועגן דעם נייעם פאַרשוין, ווייל די פרוי האָט אים באַלד פאַרגעשטעלט:

— זייט גוטע באַקאַנטע. הער רודי, יאַראָסלאַוו.

לויט דעם שמועס, וואָס די דריי יונגעלייט האָבן צווישן זיך געפירט האָט רודי פאַרשטאַנען אַז דער יאַראָסלאַוו, צי ער איז פון אַדל־לייט, צי ניט, נאָר אַ מענטש מיט געלט איז ער, ווייל אַלע האָבן אים געמוסרט און

צוגעגעבן חשק אַז ער זאָל שטעלן שאַמפּאַן. יאַראָסלאַוו האָט אָבער דעם שמועס באַלד אַריינגעצויגן אין די לעצטע נייעסן פון ספּאָרט. די דאַמע האָט זיך נענטער צוגערוקט צו רודין און האָבן צווישן זיך שטיל וועגן עפּעס גערעדט. רודי האָט אָבער אויך צוגעלייגט אַן אויער צו די לייט. אים האָט קענטיק פאַראינטערעסירט זייער שמועס וועגן ספּאָרט. באַלד האָט ער דערהערט ווי יאַראָסלאַוו זאָגט:

— איך וואָלט זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט צופוס.

איינער פרעגט אים:

— האָסט שוין דען געפּרואווט ווייזן אַז דו קענסט?

— נו, איך שטעל צען פלאַש שאַמפּאַן אויב דו פאַרגלייכסט זיך מיט מיר.

— ס'איז באַלד אַ פּלאַן — שמייכלט איינער צו און הויבט זיך אַזש אונטער פון שטול.

— גיב אָבער צו — זאָגט יאַראָסלאַוו — אויב דו וועסט עס ניט באַווייזן, דאַן נעמען איבער די צען פלאַש שאַמפּאַן דיינע הענט.

יענער ווערט שוין ערנסטער און פרעגט:

— וויפיל זאָלן מיר זיך אונטערנעמען איינגיין אין אַ טאָג?

דאָ האָט מען געקענט באַמערקן אַן ענדערונג באַ רודין אַפן געזיכט צום גוטן, ווי עס וואָלט אים עפּעס אַרומגענומען אַ פרייד. ער האָט אויפגעהערט צו ענטפערן די דאַמע אַף אירע רייד און האָט עטוואָס אומערקבאַר צוגערוקט צו יענע זיין שטול.

— מען זאָל באַשטימען.

עס רופט זיך אָפּ אַ צווייטער:

— זאָל זיין זעכציק קילאָמעטער.

ביידע שווייגן אַ ווײַלע. דאָס האָט זיי, ווייזט אויס, ביידע דערשראָקן. אָבער יאַראָסלאַוו קומט באַלד צו זיך און הויבט אָן רייבן די הענט.

— געמאַכט.

דעם צווייטן שמייכלט עס און קרענקט. ער מאַכט באַוועגונגען אַף יאָ

און אַף ניין. אָבער מען זעט, אַז דער יונג וועט שוין ניט ביישטיין דעם נסיון. אין דער שטיל־שווייגנדיקער רגע איז אַריינגעקומען רודי.

— מיט אייער דערלויבניש הער, שרייב איך אונטער דעם קאָנטראַקט און נעם אונטער דעם מאַרש.

יענער האָט זיך מיט אַן אמת דערפרייט און האָט אויסגעשטרעקט צו רודין זיין האַנט.

יאַראָסלאַוו גאָרניט צעטומלט האָט אַ דריק געטון רודין די האַנט.

— ווען? — פרעגט רודי.

— אַפילו מאָרגן קען עס זיין — זאָגט יאַראַסלאַוו און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו:

— צען פלאַש.

— אויב איר וועט אַנעמען, דאַן ווערט נאָך צוגעטראָגן טויזנט פראַנק.

פאַר יאַראסלאַוון איז עס שוין געווען, ווייזט אויס, אַביסל צופיל. ניט וועגן דעם געלט האָט אים געקימערט. ער קען צוטראַגן צען טויזנט פראַנק און פאַרשפילן אַז אים זאָל גאָרניט ארן. אין זיין פאָטערס קאַנטאָר פון שיפּס־קאַרטן האָט עס ניט קיין גוואַלדיקן ווערט. עס קען זיך נאָר זיין פאָטער אַף אים אָנבייזערן דערפאַר ניט מער, נאָר ס'האָט אים צעטומלט דערפאַר, וואָס דאָס נעמט שוין אָן אַ גאָר ערנסטן כאַראַקטער. ס'איז שוין עפּעס מער ווי אַ שפּיל. אָבער זעענדיק אַלע נייגעריקע אויגן האָט שוין באַ אים ניט געקענט זיין קיין רייד פון אָפּצוזאָגן זיך אַפילו ווען עס זאָל שטיין אין קאָן טאַקע צען טויזנט פראַנק. בפרט, אַז ער אַליין האָט דעם פּלאַן אָנגעגעבן.

יאַראָסלאַוו האָט אַ פּאַטש געטון אַ האַנט אָן אַ האַנט און דאָס האָט פאַרזיכערט דעם וועט.

דער וויכטיקסטער פונקט איז אָבער געווען אומקלאָר. און דאָס האָט טאַקע איינער אויפמערקזאַם געמאַכט. ס'איז טאַקע אומפאַרשטענדלעך: זעכציק קילאָמעטער די ווייט.ביידע וועלן זיכער איינגיין. מען דאַרף אָבער באַשטימען די צייט. איז אַנגענומען געוואָרן פון ביידן, אַז ווער עס וועט

אנקומען פריער צום פונקט פון די זעכציק קילאמעטער, יענער איז, פאַר־שטייט זיך, דער בר־מזל.

אַף אַכט אינדערפרי האָבן זיי עס באַשטימט. און איינער וועט מאָרגן, האלבן טאָג, אַוועקפאָרן מיט דער באַן צום פונקט וואו די ריכטונג וועט זיין פאַר זייער מאַרש.

באַגייסטערט פון דעם געוועט, פון צופרידנקייט, האָט איינער פון די זייטיקע געשטעלט אַ פלאַש שאַמפּאַן.

די באַגייסטערונג בא יאראסלאוון האָט זיך אַרויסגעוויזן גיך צו זיין פאַלש, כאָטש זיין פּנים האָט מיט אַלעמען מיטגעלאַכט, אבער זיינע אויגן האָבן מיט רציחה אַלע מאָל אַ קוק געטון אַף רודין. דאָס האָבן אַלע באַ־מערקט, רודי אויך. אבער ס'האָט אים גאַרניט געערגערט. מען האָט ניט געקענט זאָגן אַף רודין צי ער איז צופרידן צי ניט. ער האָט זיכער געמוזט זיין צופרידן, אבער אויסערלעך איז בא אים ניט געווען קיין שפור פון צופרידנקייט. יאראסלאוו האָט אים אַנגעגאָסן שאַמפּאַן, אבער רודי האָט בלויז אויסגעטרונקען העלפט און מער זיך אָפּגעזאָגט צו טרינקען.

אויב אַף דער דאַמע האָט קיינער ניט געלייגט קיין אַכט אין זייער פּאַרטומלעניש, האָט זיך אבער געפונען שוין אַזאַ אין זאָל וואָס זאָל זי האָבן אומבאַמערקט פון זיי צוגענומען. רודי האָט איר אַרומגעזוכט מיט די בליקן און זי האָט פון וויטן זייער בלאַנדזשעניש דערזען און איז באַלד צו־געקומען.

זי האָט געוואוסט אַף זיכער אַז ער וועט זיך לעבן איר ניט האלטן, פונדעסטוועגן האָט זי אים געוואלט האָבן לעבן זיך אָט די וויניקע צייט. ניט נאָר קיין גלעט האָט זי געקענט פון אים דערוואַרטן, נאָר זי איז געווען אַפילו גרייט אים אויסצוהאַלטן מיט איר געלט. אַז זי האָט דערזען פאַר זיך דעם מענטש רודין, האָט זי אים ליבער געקראָגן פון איר הינטל. איר איז געווען ליב צו הערן זיינע טריט.

זיי האָבן אָפּגערעדט, די צוויי העלדן, זיך צו טרעפן פאַר אַכט אינ־

דערפרי באַם וועג פון דער רעכטער זייט באַן־ליניע און גיבנדיק זיך די הענט זיינען זיי זיך צעגאַנגען.

רודי האָט זיך געבעטן באַ איר אַז זי זאָל אים לאָזן שלאָפן. ווען זי האָט אים געוואָלט געבן אין מויל איר טייערן קאַקאַאין האָט ער זי אַ פּאַטש געטון איבער דער האַנט. זי האָט כמעט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און האָט אים אויך געשטערט. ער האָט זי בשום אופן ניט פאַרשטאַנען. קיין ליידנשאַפטלעכע איז זי ניט געווען און רוען האָט זי אים ניט געלאָזט. אפשר מיט אַנדערע באַגייט זי זיך אַנדערש, נאָר מיט אים האָט זי זיך אַזוי אויפגעפירט.

זי האָט באַשלאָסן אים ניט אויפצואוועקן. ער האָט עס אָבער ניט באַדאַרפט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט זיבן, אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרזאָגט. דער מענטש האָט אַבסאָלוט ניט באַדאַרפט האָבן קיין זייגער. ער האָט קיינמאָל די דאָזיקע עמפּפינדלעכקייט פאַר קיינעם צופעליק ניט אַרויסגעוויזן. ער האָט געוואוסט ווי דער האָן שטענדיק די צייט. כמעט פּונקטלעך. דאָס איז אים פון קריג ניט צוגעקומען. ער געדענקט אַליין ניט ווי אַזוי ער איז צו דער אומפאַרשטענדלעכקייט געקומען.

זיי האָבן זיך דאָרטן געטראָפן. יאַראָסלאַוו איז געשטאַנען אין אַ פּאָר געלע לאַנגע געשנורעוועטע שטיוול, אַ ברוין סאַמעטן רעקל און שמאָלע הויזן, אַ גרויסע סקויטישע הוט מיט אַ לעדערל פאַרנומען אונטערן האַלז, אַ ראַניץ אנגעהאַנגען אַף די פּלייצעס. אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדנונג. ער האָט זיך אָנגעטון לויט די פאָרשריפטן פון די ספּאָרט־זשורנאַלן. ס׳איז נאָר געבליבן צו וואַרטן און זען, צי זיינע פיס זיינען אויך אַזוי אויסגעשטאַט. דאָ דאַרפן מיר שוין ניט האָבן די פאַרשריפטן נאָר די פּראַקטיק. וועט ער אונז באַווייזן.

רודי האָט אים באַגריסט און שוין געווען גרייט צו שטעלן פיס. צוויי פאַרשוינען וואָס זיינען אָנגעקומען מיטן וועג האָבן זיך, עטלעכע טריט ווייט פון זיי, זיך אָפּגעשטעלט אַף זיי קוקן. יאַראָסלאַוו מיט זיין הילך האָט גערופן די אויפמערקזאַמקייט אפילו פון אַ הונט. דער הונט האָט אים

מסתמא פאַרביטן אַף אַ יעגער, האָט אַ טעות געהאַט, ער האָט אים ארומ־געשמעקט און ווי געוואַרט אַף זיין באַפעל, ווייל אַף רודין איז אייגנטלעך ניט געווען וואָס צו זען. דעם נעכטיקן פּראַק האָט ער שוין ניט געטראָגן. מיטן פּראַק, וואָלט ער אפשר אויך גערופן די אויפמערקזאַמקייט, אבער אַף זיין איצטיקן הילך איז זיך ניט געווען אַף וואָס צו פאַרקוקן. ער איז געגאַנגען אין מיליטערישע הויזן, אַ רוסישן קאַפּטל, געשטריקטע שיך און דאָס איז אינגאַנצן, אויב ניט צורעכנען אַ סאַראַטאָנעם קאַשיק און אַ ווער־בענעם שטעקן.

יאַראָסלאַוו האָט זיך געשטעלט אין מיטן וועג, אויסגעגלייכט דעם הוט און אזוי איז ער געשטאַנען אין אַ פּאָר מינוט שווייגן און פאַרגליווערטקייט און רודי, שוין גאָרניט אַזוי ווי ער. ער האָט געוויקלט אַ ציגאַר. יאַראָסלאַוו האָט אויסגערופן:

— מיר גייען?

—גייט — זאָגט רודי — כ'וועל אייך מסתמא אָניאָגן.

ניין, יאַראָסלאַוו האָט ניט אויסגענוצט דעם מאָמענט. ער האָט ניט געוואָלט אוועקגיין פריער פון אים. ער האָט זיך געטראַכט אין געדאַנק, אַז אויב ער וועט פאַרשפּילן זאָל כאָטש ניט הייסן נאָך אַז ער איז פון צווייטן אוועק פריער. רודי האָט געזען אַז יאַראָסלאַוו גייט ניט אָן אים, האָט ער זיך שוין צוגעאיילט. רודין וואָלט ניט פאַרדראָסן ווען ער גייט נאָך אים אוועק מיט אַ צען מינוט שפּעטער. אַפן ערגסטן פאַל, האָט ער אַ צוזאָג פון דער דאַמע די נויטיקע סומע צו קריגן פאַר אים.

יאַראָסלאַוו איז מסתמא אַ גענוגער שוטה אין דעם זין אַז ער פאָלגט אוים די פאָרשריפטן, אַז ער האָט נאָך געדאַרפט אויסרופן: איינס, צוויי, דריי. אבער ניט רודי איז פון די מענטשן וואָס זאָל מיט נאַרישקייטן זיך קוויקן. ער האָט אפילו אַ שמייכל געטון. יאַראָסלאַוון האָט שוין דאָ געהאַלטן אַ קאַפּריז. ער האָט שוין ניט אנדערש געוואָלט אַז נאָר רודי זאָל אַרויסגיין דער ערשטער מיט עטלעכע טריט. פאַרשטייט זיך, רודי האָט אים צוליב געטון. ווי גיך נאָר רודי האָט גענומען גיין אַזוי האָט ער באַלד דערזען דעם שאָטן פונם שפּאַנער. עס איז ניט אריבער קיין צען מינוט ווי יאַראָס־

לאַוו איז אַוועק פֿאָרויס. רודי איז געגאַנגען רואיק מיט ריטמישע באַווע־
גונגען ווי אַ זייגער. אָבער די עטלעכע טריט, וואָס יאַראָסלאַוו איז פֿון אים
אַוועק, וואָלט פֿאַר רודין געווען מיט אַן אמת ניט לײַכט אָנצויאָגן, סײַדן
ער זאָל אונטערלויפֿן. אָבער דאָס וואָלט רודי פֿאַר קיין פֿאַל געטון ווען ער
זאָל שוין אַפֿילו זײַן פֿאַר דעם ענד־פּונקט. ער גייט מיט דעם גאַנג אַזוי ווי
ער האָט געשטעלט דעם ערשטן טראָט. יאַראָסלאַוו איז, ווײַזט אויס, אויך
ניט אַזאַ נאַר: ער לויפֿט ניט. אַבי ער גייט נאָר פֿאָרויס גייט ער מיט זײַן
גאַנג. אָבער עס זעט זיך, אַז יענער טראַכט איצט וועגן גאָרניט אויסער
דעם גאַנג און קוקט אַף גאָרניט און רודי, פֿאַרקערט: ער באַטראַכט די
פּרימאָרגנדיקע לאַנדשאַפֿט. דעם געוועלבטן הימל און ראָזע שטרײַפֿן פֿון
דרום. די ווײַטע קוימענס און די שפּיצן זעגלען פֿון ווײַטע און נאָענטע
שיפֿלעך און שיפֿן. אים איז גוט אַפֿן האַרצן. גרינג און גוט. ער האָט ליב
גוואַלדיק צו גיין. ער האָט זיך אַף אַזאַ געלעגנהייט גאָרניט געריכט. אים
ערגערט ניט איבעריק און וועט אים איבעריק ניט ערגערן אַפֿילו ווען ער
זאָל פֿאַרשפּילן. ערשטנס פֿאַרלאָזט ער זיך רואיק אַף זײַנע פֿיס. צווייטנס,
ליגט ערגעץ אָנגעגרייט פֿאַר זײַנעטוועגן די טויזנט פֿראַנק. ער ווייסט אויך,
אַז די טויזנט פֿראַנק וועלן בײַ קיינעם ניט אַוועקגערויבט ווערן. זיי וועלן
ווערן אַרײַנגעשיקט אין די שיינע הענט פֿון דער מאַדאַם נאָך מיט אַ דאַנק
בריוועלע. ס'וועט קיינעם ניט ברענגען קיין שאָדן. ס'וועלן בלויז אומקומען
עטלעכע פֿײַנלעך צופֿרידענע, צעבײַסענע נעכט מיט עפּעס אַ געמיינעם
אָנהאָריקן עלטערן געשעפֿטסמאַן אָדער באַנקירל. זאָלן דערווײַל זינגען די
פֿייגל. זאָלן דערווײַל קרייען די הענער פֿון די מיסט־קאַסטנס אַרום און פֿון
די גרעזער. זאָל נאָר דער הימל ניט רעגענען. אַף דעם ווײַזט זיך ניט. כאָטש
וואָלקנס זײַנען דאָ, אָבער זיי זײַנען ניט פֿון פֿאַרע נאָר פֿון שטויב. און זיי
שווימען ניט. ניטאָ קיין ווינט אין דער טיפֿער הויך. און דאָס וואָס די הענער
קרייען, ניט אין דער ריכטיקער צײַט, וועט דער אומבייט פֿון וועטער אפשר
קומען מאָרגן. דער הײַנט וועט זיך ציען צווישן בוימער און פֿויגל. אין אַזאַ
געראָטענעם טאָג איז דער שפּאַציר אַ וואונדערבאַרער. ער וועט אַפֿילו אויס־
מאַטערן באַם אָנקום פֿון פֿאַרנאַכט, אָבער דערווײַל זינגען די טריט ניט

מיט ווייניקער פרייד ווי די אויסגעפוצטע הענער אַרום זייערע הויפן. די שיפן זיינען שיין פון דער ווייט, זיי גיבן צו מוט, אָבער זייער טרובען איז ניט ווי אַפן אָרט אין דעם רואיקן אויפגעוואַכטן מאָרגן. דאָס טרובען רעגט אויף אַביסל דאָס געמיט. די טריט דערשרעקן זיך און פארלירן זייער ריט־מישן שפּאַן. עס וואָלט זיך גיכער אַריינגעפּאַסט אין אַרום דער פייף פון אַ פּאַסטוכלס האָרן. אָבער דאס באַאומרואיקט ניט. דאָס טראַכטן דאָס נאָ־טירלעכע, גייט בלויז איבער אַף אַן אַנדער וועג. עס זאָל נאָר ניט פּלאַצן קיין אומגעוואונטשענער מכשול וועט דער טאָג קומען בשלום צום ברעג.

רודי האָט זיין סאַראַטענעם קוישל אנגעהאנגען אף א שטעקל איבערן אַקסל און איז אַזוי געגאַנגען. אומבאַמערקט, האָט זיך יאַראָסלאַוו דערוויי־טערט נאָך אף עטלעכע טריט. אבער רודין האָט עס דערווייל ניט געאַרט, ווייל, ער האָט נאָך געהאַט צו גיין און צו גיין. נאָך זיין רעכנונג, האָבן זיי געהאַט צו שפּאַנען ביז פינף, האַלב זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. יאַראָסלאַוו האָט זיך די גאַנצע צייט ניט אומגעקוקט. נאָר אַזייגער עלף, האָט ער אויס־געדרייט דעם קאָפּ. אין דעם מאָמענט, האָט אף רודין אַ שטראָם געטון אַ פרייד: יאַראָסלאַוו איז שוין געווען גענוג פאַרמאַטערט און פאַרשוויצט. זיין פאַרמאַטערטקייט וואָלט בא קיינעם ניט געקענט אַרויסרופן קיין רחמנות נאָר שפּאָט. זיין מויל איז געווען אָפן ווי בא אַ דורשטיקער גאַנדז, און זיין גאַנץ פּנים איז געווען ווי א שטיק פייער. און כאָטש ער איז שוין געווען אביסל דערשעפּט קען מען זאָגן, פונדעסטוועגן, אז ער האָט דערזען רודין פון אים אַ דרייסיק, פערציק טריט בלויז, האָט ער גיכער גענומען שפּאַנען. רודי וואָלט אין דעם אייגענעם מאָמענט געקענט ווייזן אַז יאַראָסלאַוו זאָל שטיין הינטער אים ניט נאָר דרייסיק נאָר אפילו זעכציק שפּאַן.

ניט ווילנדיק האָבן רודיס פיס גענומען גיכער שפּאַנען, ניט פילנדיק. ס'האָט אריינגעדרונגען אין אים אַ פאַרדרוס אַף דעם צעקאָכטן יונג. ערשטנס, האָט שוין רודי געוואָלט עפּעס עסן. דער פרישער מאָרגן האָט אַרויסגערופן אַ הונגער. אָבער רודי האָט אַליין ניט געוואָלט זיך צוזעצן און לאָזן יענעם פאַרשווינדן. ער האָט אים געוואָלט האָבן אַפן אויג. לויפן און אים אָניאָגן, האָט ער ניט געוואָלט, כאָטש עס וואָלט אים אנגעקומען לייכט.

ער האָט מורא געהאַט, אַז יענער זאָל אויך ניט אנהויבן לויפן און ער האָט ניט געוואָלט — אויב ער וועט פאַרשפּילן — און נאָך ערגער, אויב ער וועט געווינען — זאָל יאַראָסלאַוו ניט זאָגן דערנאָך אַז רודי איז געלאָפן. ס׳׳איז ניט שיין און ס׳איז ניט ערלעך.

ס׳איז שוין געוואָרן באַלד האַלבער טאָג. רודי האָט ניט געקענט זען יענעמס פּנים. נאָר אַז יענער מוז שוין שוויצן, דאָס איז זיכער. ווייל, ווייל זיין הוט מיט די ברייטע פליגל איז שוין געווען אַראָפּגערוקט אויף הינטער, כאָטש זי האָט זיך אַליין אַראָפּגערוקט, ווייל, זיינע הענט האָבן ניט גע־מאַכט קיין איין פּאַוזע. אַזוי צו פירן זיך אין גאַנג האָט ער מסתמא אפּגע־מאַכט בײַ זיך פון פריער. אַליין איז יאַראָסלאַוו אַ הויכער אָבער פיס האָט ער נידעריקע. דער גוף פאַרנעמט בײַ אים דריי פערטל פון זיין גאַנצער לייִנג. אַזוי אַרום איז אים שווער צו שטעלן גרויסע שפּאַן, און ווייל ער שטעלט אַזעלכע, דעריבער קען אים ניט העלפן קיין איין מיטל אַז ער זאָל ניט מיד ווערן. רודי איז פון מיטעלן וואוקס, האָט אָבער דאָך לענגערע פיס פון יענעם קומט אים ניט אָן שווער דער גאַנג. און ער ווייסט ווי צו גיין. און ווייסט ווי צו לויפן. ווען ער זאָל דאָס ניט געווען קענען, וואָלט אים שוין ניט איין קויל אָוועקגעלייגט.

רודי לאָזט אים שוין ניט זיך ווייטער דערווייטערן פון אים. לויט זיין מיינונג, וואָלט שוין בײַ יענעם געדאַרפט ניט איינמאָל זיך אָנקלאַפּן אַ פוס אָן אַ פוס. זיך ספּאָטיקען. איצט טראַכט שוין רודי, אַז ניט אַנדערש אַז ער האָט זיך גענאַרט. ווי ס׳וואָלט אים געטריבן דער טײַוול אַזוי שפּאַנט ער. זיך אָנעמען מיט כוח, וויל ניט רודי. דאָס איז איינציקע און לעצטע מיטל — טראַכט ער — און מיט דעם וועט מען שוין דאַרפן פּרואוון ווען מען וועט שוין ציילן די לעצטע ווייאַרסטן. דעמאָלט, וועט ער שטיל אָניאָגן און אַריבעריאָגן, אָבער ער ווייסט נאָך ניט צו ער וועט עס טון.

פון אַנטקעגן, קומט אָן מיטן וועג אַ פרוי מיט אַ קינד אויפן האַנט. אָנקומענדיק נאָענט צו יאַראָסלאַוון מיידט זי אים אויס. זי פאַרנעמט זיך מיטן ראַנד וועג און אים זעענדיק אַריבער, קוקט זי אים נאָך. שטעלט זיך

אַפּילו אָפּ און קוקט אים נאָך. און רודין פאַרקערט, זי מיידט אים ניט אויס. גייט דורך לעבן אים און וויל אים ווי אָפּשטעלן און זענענדיק, אַז ער שטעלט זיך ניט אָפּ, טוט זי אַ פרעג קוקנדיק מיט פאַרחדושטע אויגן:

— וואָס טוט זיך עס מיט יענעם מאַן?

רודי האָט געוויזן מיטן קאָפּ אַז ער ווייסט ניט און אַוועק מיט זיין גאַנג ניט אָפּדרייענדיק דעם קאָפּ צו זען צי זי קוקט אים אויך נאָך צי ניט.

רודי וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס האָט זי דערזען אויף אים. אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן.

דעם ערשטן צוזאַמענקלאַפּ האָט רודי געטון מיט די פיס און דאָס האָט אים באַאומרואיקט אַביסל, כאָטש ער איז געווען זיכער אַז דאָס איז ניט פון מידקייט נאָר פון זיך פאַרקוקן. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט יאַראסלאַוו זיך אויסגעדרייט און גייענדיק אַביסל אויף הינטער זיך אַ געשריי געטון, אָבער רודי האָט ניט געקענט הערן וואָס ער זאָגט. יאַראסלאַוו האָט פאַרשטאַנען אַז רודי הערט ניט, און העכער שרייען האָט ער ניט געקענט ווייל ער איז שוין געווען דערשעפּט, האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אַז ער זאָל זיך שטעלן. רודי האָט ניט געוואוסט צו וואָס, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט. און יאַראסלאַוו, ניט פאַרלירנדיק די צייט אַלץ גייענדיק אויף הינטער זיך מיט אַ זייט, האָט אים געוויזן פון ווייטן די טאָרבע. רודי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט ער עסן. רודי האָט געמיינט אַז זיי וועלן עסן צוזאַמען. יאַראסלאַוו האָט אָבער געשריגן אַז ער זאָל זיך שטעלן. און ער האָט זיך שוין אַליין אויך אָפּגעשטעלט און רודי איז געגאַנגען. ער האָט אים דאָ לייכט געקענט אָניאָגן, ווייל יענער איז שוין געווען פאַרמאַטערט. רודי איז שוין אָבער אויך געווען ניט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט צו זיין אין האַלב וועג, און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיךביידע צעזעצט.

איידער יאַראסלאַוו האָט גענומען צעבינדן די פּאַסקעס פון זיין קלומיק האָט שוין רודי געגעסן. געגעסן מיט אַפּעטיט און געזופּט מילך. זיי האָבן זיך ביידע פון דערווייטן געהיט און עסנדיק זיך אָנגעקוקט. זיך אָנגעקוקט ווי די הענער. יאַראסלאַוו רודין, האָט אפשר ניט געהאַט וואָס צו היטן,

אָבער רודי איז, יאָ. באַ יענעם האָט געקענט זיין רעכט, עסן און זיך שאַרן. רודי האָט שוין געזען באַם אַרויסגיין, מיט וועמען ער האָט דאָ צו גיין און מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון. באַ יענעם איז זיכער ניט געגאַנגען וועגן דעם גורל פון די טויזנט פראַנק, ער וואָלט נאָך מיט אַ דאַנק אָוועקגעגעבן די טויזנט פראַנק אַז ער זאָל אים ניט יאָגן און אים לאָזן קומען צום ברעג. אים איז געגאַנגען אין רום פון דערפאָלג פון וועלכן, עס וועט דיסקוטירן די געזעלשאַפט זיינע. מען וועט אַף אים קוקן און באַוואונדערן. די פרויען און מיידלעך וועלן צומאַכן האַלבע אויגן און שמייכלען. אַפילו זיין פּאַפּאַ וועט אפשר אויך קריגן מער רעספּעקט פאַר זיין העלדישן זון. ער טראַכט: רודין וועט ער אויך פאַר אַלעמען באַוואונדערן. ער וועט אים אָנרופן מיט העלדישע נעמען. זאָגן אַז אַזאַ גייער איז נישט צו געפינען אין גאַנץ פראַנקרייך. און די באַוואונדערונג אַף זיין חשבון וועט שטייגן נאָך מער...

דערווייל, באַוואונדערט אים רודי אַלץ מער און מער. אָט זעט ער ווי ער קוקט אַף אים פון ווייטן דורך אַ בינאָקל. קענטיק אַז דער מענטש האָט אויסגערעכנט פריער, פאַרן אַרויסגיין, אַז אַזוי וועט פאָרקומען פּונקט ווי עס קומט פאָר. ער האָט, ווייזט אויס, געוואוסט, אַז ער וועט דאַרפן האָבן אַ בינאָקל צו זען ווי ווייט ער איז שוין פון אים פאָרויס.

אַ צען מינוט צייט האָט געדויערט באַ רודין דאָס אָפּעסן און האָט זיך אויפגעשטעלט. די פּיס האָבן שוין אַרויסגעלאָזן אַ ווייטיק. דאָס איז יאַראָסלאַווס שולד וואָס ער צווינגט אַזוי צו גיין. ער האָט פאַרוואָרפן גיך די טאָרבקע אַפן אַקסל און האָט גענומען שפּאַנען. ניט אַזוי איז אָבער געווען מיט יענעם. יענער האָט געהאַט צו טון מיט פּאַסקעס און שנאַלן און ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין העלפּט אָפּגעגעסן פון זיין מיטיק. ער האָט זיך ניט גערעכנט, אַז אַזוי גיך זאָל מען דאַרפן עסן. ער איז אַף גיך אויפגעשפּרונגען און די טאָרבע שוין גענומען אַף דער פּלייצע גייענדיק און ניט פאַרשפּילעט.

דאָ איז שוין אים דער טייוול ניט געקומען צו הילף ווי פריער, דעם ערשטן האַלבן טאָג. אַזוי גיין ווי ער איז געגאַנגען האָט ער שוין ניט געקענט. ביידע פּיס האָבן זיך אים גענומען בויגן באַ די קניען. אָבער ס'איז

אוועק אַ שטיקל צייט, אומגעפּער אַ האַלבע שעה און ער איז זיך איינגע־גאַנגען. אמת, שוין ניט אַזוי ווי פריער אָבער דעם ווייטיק האָט ער שוין ניט געפילט. און רודין, איז שוין אָנגעקומען ניט שווער זיך צו דערנענ־טערן. אַף אים קען מען זאָגן, אַז ער האָט זיך נאָך ערשט איינגעגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. די פיס האָבן זיך געצויגן אָן קיין שום טרייב־קראַפט ווי די פיס פון אויסגערוטע פערד. ס'איז געווען פאַר רודין דער בעסטער סימן פון יאראסלאוום זיך אַלע מאָל אומקוקן, צו פאַרשטיין אַז יענער מוז שוין צושטיין. ווירקלעך אַזוי. יאראסלאוו האָט געזען אַז רודי דערנענטערט זיך, אבער ער איז גיכער ניט געגאַנגען. ער האָט שוין, ווייזט אויס, ניט געקענט צווינגען זיך צו גיין גיכער. און רודיס פאַרגעפיל איז אַרויס אַף דער אויבערפלאַך.

רודי איז צוגעקומען צו אים. עטלעכע מינוט זיינען זיי ביידע געגאַנגען גלייך. רודי האָט מיט אים ניט גערעדט וועגן מידקייט, צי וועגן וועג, אַזוי ווי זייער גאַנג וואָלט געטראָגן אַ גאַנץ אנדערער כאַראַקטער און ניט קיין געוועט. ער האָט געזען אַף אים א צעטראָגנקייט האָט ער זי ניט געוואָלט אויפרעגן. יאראסלאוו האָט געמוזט זיין צופרידן וואָס רודי לויפט באַלד ניט אַרויס פאָרויס. אבער ער האָט צו אים ניט אויפגעהויבן די אויגן און ניט געוואָלט פאַרבינדן קיין שמועס.

יאראסלאוו, זעענדיק, אַז רודי גייט גלייך מיט אים האָט ער אנגע־הויבן צו גיין לאַנגזאַמער. רודי האָט שוין באַדאַרפט שטעלן קלענערע טריט. אַ שטיק וועג איז ער מיט אים אַזוי געגאַנגען, אָבער שפּעטער, האָט ער פון אים זיך אָפּגערוקט און זיך גענומען אַרויסרוקן. רודי האָט אַפילו ניט גע־וואָלט אויסדרייען דעם קאָפּ, ער האָט אבער ניט געקענט דאָס איינשטיין. געזען האָט ער, אַז יאראסלאוו ווערט קלענער. גייט, האַלט דאָס בינאָקל פאַר די אויגן, די פיס פלאָנטערן זיך אים, און וואָס ווייטער קוקנדיק, דוכט זיך אוים אַז ער גייט שוין ניט נאָר ער שטייט. אַזוי קליין און אַזוי ווייט איז ער געוואָרן.

דאָס איז געווען אַכט קילאָמעטער די ווייט פון ציל.

רודי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דעם, אַז נאָך אים גייט נאָך אַ

מענטש. האָט עס אים יאראסלאוו דערמאַנט... אָן צווייפל אַז דער מענטש האָט געמוזט פאָרן! זייענדיק שוין אַ צוויי קילאָמעטער די ווייט פון אָרט, האָט ער פון ווייטן דערזען פאַר זיך די פליגלען פון יאראסלאַווס הוט!.. ער האָט פאַר שרעק זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ניט געגלויבט און גענומען שפּאַנען מיט כוח. ער האָט געהערט פון ווייטן דאָס קלאַפּן פון רעדער אויף וואָרצלען פון בוימער, וועלכע גיבן ארויס דעם באַזונדערן עכאָ אין וואַלד, אָבער ער האָט די פור ניט געזען ווייל די בוימער האָבן פאַרשטעלט.

איצט זיינען ביידע געלאָפן. יאראסלאוו האָט געוואָלט אניאָגן דעם ברעג און רודי האָט אים געוואלט דעריאָגן און שלאָגן. ער האָט אים דער־יאָגט, ווייל ס'איז נאָך געווען אַ פּאָר קילאָמעטער און יענער איז שוין אָן כוח געבליבן. ער וואָלט שוין די האנט ניט געקענט אויפהויבן אויף צו פאַר־טיידיקן זיך.

רודי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער הוט.

— שטיי!

יאראסלאוו נעמט אָן מיט אַ ציטערדיקער האַנט זיין אָרעם און קוקט אויף אים מיט אויגן ווי פון אַ דערוואָרגענעם.

רודין איז אנגעקומען שווער אים ניט צו געבן קיין קלעפּ. ער וואָלט אים געשלאָגן כאָטש ער איז געווען דערשעפּט און איז געפאַלן פון די פיס ווי אַ שיכור, ער האָט זיך דאָך אבער באהערשט.

ער זאָגט אים שטרענג:

— אויב דו ווילסט אָנקומען דער ערשטער, טאָ מוזטו ווייטער פאָרן מיט דער פור וואָס האָט דיך געפירט.

רודי האָט כאָטש נאָך געקענט ריידן, אָבער יענער האָט עס שוין ניט געקענט, יענער האָט געשטאַמלט.

— פּרוּווט ניט מער נאָך צו באַליידיקן מיין נאָמען... רוט זיך אָפּ. מיר זיינען פאַרמאַטערט...

ווען רודי וואָלט זיך אין דעם מאָמענט צעלאַכט, וואָלט זיך אפשר יענער פאַר פאַרצווייפלונג דערוואָרגן. אבער רודי האָט געטון קלוג וואָס ער

האָט זיך אָוועקגעזעצט. זיי האָבןביידע געזופּט פון די פלעשער און גאָרניט געגעסן.

אַ באַרויִקטער אַביסל רופט זיך אָפּ יאַראָסלאַוו:

— איר פאָרט דאָך מסתמא אַלץ איינס אָוועק פון דאַנען.

רודי האָט פאַרשטאַנען און געענטפערט:

—דאָס איז אַלץ איינס. מיינע הויזן קען מען אָפּקויפן אָבער ניט מיך.

יאַראָסלאַוו האָט שוין חרטה געקריגן און האָט געפּרואווט פאַרלייקענען זיין מיין.

— איך האָב דאָס ניט געמיינט. איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס דען?

— נו, ניטאָ שוין וועגן וואָס צו ריידן — און איז נאָך רויטער געוואָרן און אויפגעדעקט דעם נאַר.

רודי שטעלט זיך און לאָזט זיך גיין.

— איר וועט קומען אַליין, צו לאָזן אייך ברענגען.

— נו, מאַכט זיך נאָר אַליין ניט נאַריש אײַנגאַנצן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ קו נאָך אַ קאַלב.

צווייטער קאַפּיטל

איינער אַליין שפּאַצירט רודי איבער די גאַסן. צוקומענדיק לעבן אַ שויפענצטער פון אַ שיפס־קאַנטאָר, האָט זיך לעבן אים צוגערוקט גאָר אַן אַלטינקער מאַן. ער האָט זיך אויסגעזען צו זיין אַ וואוילינקער מענטש. ער האָט קיין באָרד ניט געטראָגן, האָט מען אַרויסגעזען זיין גאַנץ לאַכנדיקן פּנים. אבער אַן אָרימאַן האָט ער זיכער געמוזט זיין. ניט קוקנדיק אַף זיינע פאַרלאַטעטע בגדים זיינען זיי דאָך געווען ריין. די הענט זיינען אים אויך געווען ריין מיט גרויסע אָבער ריינע נעגל. נאָר צוויי פינגער פון זיין לינקער האַנט זיינען געווען כמעט אינגאַנצן געל. ס'איז מסתמא דערפאַר, וואָס דער אַלטינקער מוז לאָזן אויסרויכערן די ציגאַרן ביז צום שפּיץ. האָט נאָך ביז די ווינקלען אַלע ציינער אין מויל. אַף אים פאַלט די זון, דרייט ער זיך און זוכט צו פאַרשטעלן זיינע אויגן אין שאָטן.

קוקט אַף רודין דער אַלטינקער און רעדט ניט. רודי וואָלט שוין פון דעם אָרט אַוועקגעגאַנגען, נאָר ער וויל וויסן וואָס עס קומט פאַר מיט דעם אַלטן. זיך ניט קענענדיק דערוואַרטן און שוין וועלנדיק אַוועקגיין פרעגט ער אים:

— איר ווילט עפּעס פרעגן?

— ניין, זאָגט דער אַלטער, כ'האָב געמיינט איר וועט אַריינגיין אין קאַנטאָר. ניין, ניט דאָס, כ'האָב געמיינט איר זענט אַן עמיגראַנט.

— איז וואָס אַ שטייגער?

— איר זענט אַן עמיגראַנט?

— יאָ. איך בין טאַקע אַן עמיגראַנט.

— אָבער מיט אַ שיף?

— זיידינקע, זאָגט וואָס איר ווילט.

— כ׳וועל אייך זאָגן: פאַר די וועלכע וואַרטן אַף אַ שיף האָב איך גוטן נאַכט־לעגער, ביליק און פאַר יעדן אַ באַזונדער בעט. ווייסינקע לייַלעכער פון אויבן און פון הינטן.

ער האָט גערעדט און האָט געלויכטן פאַר פרייד. ער האָט עפּעס נאָך געוואָלט זאָגן נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

— ווייט פון דאַנען? — פרעגט רודי.

— איר ווילט מיטגיין, קומט.

דער אַלטינקער איז געגאַנגען פאַרויס און רודי נאָך אים. דער אַלטינקער איז אונטערגעלאָפן ווייל ער שטעלט זייער קלייניקע טריט. רודי האָט געקוקט אַף די פאַרבייגייענדיקע און האָט געהיט דעם אַלטן ער זאָל אים ניט פאַרלירן. דעם טאָג איז געווען אַ קריסטלעכער יום־טוב, — זיינען געהאַנגען פענער. פון דערווייטנס האָט זיך געהערט מוזיק. אין די ווינקלען־גאַסן זיינען געשטאַנען גרופּעסווייז אָרים געקליידעטע מענטשן. זיכער זיינען דאָס אַרבעטער וועלכע אַרבעטן ניט צוליב דעם יום־טוב.

דער אַלטינקער פירט אים אַרויף אַף דריי גאָרנדיקע טרעפּ און דאָרטן שטייט אַ יונגער מענטש לעבן אַן אָפענער טיר פון אַ טונקעלער שטוב.

— ס׳איז מיין זון, זאָגט דער אַלטער און דרייט זיך אַוועק און וואַרט פון אַ זייט אַז זיין זון זאָל אָנהויבן צו רעדן. דער זון אָבער, רעדט זיך אַזוי גיך ניט פאַנאַנדער ווי זיין אַלטער. זיין פּנים איז טעמפּ פון זאָרג. און האָט ניט קיין חשק, ווייזט אויס, צו ריידן. רודי דרייט זיך אַרום, קוקט אָפּן אַלטן און דער אַלטער אַף אים. אין שטוב איז קאַלט. קעלטער ווי אַף דער גאַס. די טיר מוז זיין אָפן כדי עס זאָל אַריינגיין די וואַרימקייט פון דרויסן, ווייל די שטוב איז ציכטיק און מען דאַרף זי ניט לופטערן.

— איך קען באַ אייך שלאָפן, אַז איר ווילט. כ׳וועל דאָ זיין עטלעכע טאָג ביז כ׳וועל אָפּפאָרן פון דאַנען.

— זייער גוט — זאָגט דער זון און גייט צו און שטעלט זיך ניט ווייט פון אים.

— זעצט זיך — זאָגט דער זון און זעצט זיך אוועק דער ערשטער לעבן טיש. דעם אלטן זאָגט ער, ער זאָל פּאַרטיק מאַכן טיי, און דער אלטער לויפט אַ צופרידענער צו צום קוימנדל.

שווייגן זיי אַ ווײַלע און דערנאָך זאָגט דער זון:

— וואָס זאָגט מען אין די פרעמדע שטעט וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער וואָס לעבן דאָ? ווי מיינט מען, וועט די לאַגע זיך ענדערן צום גוטן צי עס וועט נאָך גיין צו ערגער. זיי מוזן דאָך לייענען וואָס דאָ געשעט. איינס דאַרף מען דאָך פאַרשטיין, אַז מען קען ניט לעבן אָן עסן. וויפיל קען מען טרינקען טיי? מיר זיינען דאָך ניט קיין קלייניקע קינדערלעך.

— איך קען ניט וויסן — זאָגט רודי — וואָס וועט זיין. כ'האָב עס גאָר ביז אהער זיך ניט נאָכגעפרעגט אף דעם. כ'האָב אויך בדעה איצט צו ווערן אַן אַרבעטער. אבער ניט דאָ אין די שטעט. איך זוך ערגעץ אַ רואיקן ווינקל. כ'האָב באַשלאָסן צו פאַרפאָרן אין אַרגענטינע. פון דאָרטן, וועל איך שוין ניט האָבן מיט וואָס צו פאָרן צוריק און דאָס איז גוט. פון דאַנען קען מען נאָך אמאָל אין אַ משוגענער שעה לויפן צוריק. פון דאָרטן וועט מיך קיינער ניט נעמען.

זיי שווייגן אַ ווייל און רודי רעדט ווידער. ער וואָלט שוין איצט וועלן רעדן און רעדן. אָט דער בחור, האָט אין די פאָר מינוט אַרויסגעריסן בא אים די צונג פון האַרצן.

— איז אייך, הייסט עס, אויך שלעכט. וואָס טוט איר גאַרניט צו דעם? ליידן פון אַן אומגליקלעכן צופאַל איז עפּעס אַנדערש. אָט מיר, האָט עמיצער צוגעגרייט אַן אומגליק, אבער איך ווייס ניט ווער. ס'האָט ניט קיין זין צו הויבן די הענט אַרויף, געוועהר ווען מען זעט ניט פאַר זיך קיין מענטש.

אין מיטן רעדן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און מיט אַ שטילן טאָן געזאָגט:

— לאָמיר זיך באַקענען וועל איך אייך קענען אָנרופן באם נאָמען.

— דזשים.

— רודי.

דזשים רוקט אים צו טיי און זאָגט:

— און ווען מען רופט אייך אין קריג, דאַרטן דאַרף מען ליידן און איר האָט פאַר זיך דעם שולדיקן?

— דאָרטן ליידט מען. דאָרטן ליידט מען מיט אַן אמת — זאָגט רודי און בריט די פינגער אַפן הייסן גלאָז. — אבער ניט דער שולדיקער איז דער וואָס האָט מיך געריפן נאָך יענער, וועלכער איז גערופן געוואָרן פון דאָרטן און האָט אַף מיר געשאָסן. יענעם האָב איך געזוכט צו האַרגענען און האָב זיכער ניט איינעם געהאַרגעט.

דזשים זאָגט:

— ניט אַזוי פירט זיך. איר האָט, ווייזט אויס, אויך ניט געלערנט די אַרבעטער ביכער. דאָרטן זיינען דאָ אַנדערע ענטפערן. ווען איך וואָלט די יאָרן געלעבט אין שטאָט, וואָלט איך אייך שוין געוואוסט וואָס צו ענטפערן אַף דעם. אָבער אַלץ איינס נעם איך אייער ענטפער ניט אָן פאַר קיין ריכטיקן ענטפער. איר וואָלט געדאַרפט זאָגן אַז איר זענט דער שולדיקער ווי יענער. אויב שוין יאָ שיסן איז אַף פוסט אַן קוילן. אָבער איר האָט דאָך געוואָלט זאָגן אַז ווען דער שולדיקער איז דאָ לעבן אייך, וואָלט איר אים יאָ אָפגעשאָסט, געהאַרגעט צו ווי. — רודי שאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט געוואוסט דעם סוף פון זיינע רייד אָדער ווי ער וואָלט אים געאיילט אַז ער זאָל פאַרענדיקן. — אין אַזאַ פאַל, איז דער שולדיקער דער וואָס רופט יענעם שלאָגן.

— נישט געווען פאַר וועמען צו זאָגן ביז אַהער. און פון דעם, האָב איך געטראַכט מער פון אַלץ. אָבער זאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ ווייב, אַ שטוב, קינדערלעך — איצט איז שוין קיין זאַך ניטאָ. איצט גייט אַף יענעם אָרט אַ רויך. אָבער ס׳איז דאָך געווען אַלץ. ס׳איז דאָך ניט קיין חלום... כ׳האָב געמיינט, ווען כ׳וועל קומען, וועל איך דעמאָלט זען וואָס איך דאַרף טון. איצט, טראַג איך פאַרדרוס אַף מיין ווייב. זי איז די שולדיקע אין דעם. וואָס וועט נאָך מיט מיר טרעפן. אַף וואָס האָט זי מיר איבערגעלאָזן די דריי קינדער. אַף וואָס דאַרף איך זיי. עס דוכט זיך מיר אויס אַז זיי זיינען

גאָרניט מיינע. איך בין זיך מודה: איך האָב שלעכט געלעבט און שלעכט פאַרשטאַנען. כ'האב געלעבט ניט ריכטיק. כ'בין עפּעס אַלץ ניט געווען באַ זיך אין די הענט. כ'האב עפּעס עמיצן געפאָלגט, און כ'וויים נאָך איצט ניט גוט וועמען. פון איין זייט איז געשטאַנען דער טויט און פון דער צווייטער זייט די היים. די היים און, דוכט זיך, איך בין אויך געווען אין דער היים. כאָטש איך בין גאָר געשטאַנען אַפן פעלד צווישן זיי ביידע. אזוי האָט מיר געדוכט. אבער ס'איז דאָך שוין פאַרפאַלן געווים.

— געווים

— מיר דוכט זיך אָפּט מאָל אז ניין.

זיי האָבן אָפּגעטרונקען די טיי, דזשים האָט זיך געשטעלט און רודי נאָך אים און האָט אים אנגעקוקט אביסל פאַרדעכטיק. אים האָט זיך אויסגעוויזן אז דער יונג מיט די איינגעפאַלענע באַקן, מיט דעם אָפּגעשוירענעם גלאַטן קאָפּ, טראָגט עפּעס אַרום אין זיך, נאָר ער קען עס ניט אַרויסנעמען. עפּעס דריקט און מאַטערט דעם יונג. רודי זעט ניט מער ווי צוויי בעטן און פרעגט זיך: אוואו זיינען עס די בעטן וואָס ער גיט אָפּ פאַר יעדן איינעם באַזונדער א בעט? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אז עס עפנט זיך אויף נאָך א צימער. ער האָט עס גאָרניט באַמערקט. דזשים האָט אים דאָרט אַריינגעפירט. א לאַנגער צימער וואָס פאַרענדיקט זיך מיט א שפּיץ. עס שטייען צוויי בעטן מיט קלאָרע אָבער צעקנייטשטע ליילעכער. דער אַלטער באַקלאָגט זיך, אז ער האָט ניט מיט וואָס צו פרעסן. עס קומען אים אַן שווער ביידע זאַכן צו קריגן, אי קוילן און אי אַן אייזן. אַזוי בייטן מיר — זאָגט דער אַלטער — אַלע דריי טאָג די ליילעכער און ציכן, נאָר אויב איר וועט וועלן, וועלן מיר בייטן פאַר אייך יעדן טאָג.

— איר קענט שלאָפן אין וועלכן צימער איר ווילט — זאָגט דזשים. — דאָ האָט זיך עפּעס פאַרדונגען פאַר דעם צימער א מענטש מיט ביכער אָף עטלעכע טאָג. ער מוז זיין א היילִיקער. אז איר ווילט קענט איר שלאָפן מיט אים דאָ אין צימער אָדער אין אונזער צימער, איך מיטן אַלטן שלאָפן מיר צוזאַמען.

זיי זיינען אַלע דריי אַרויס פון דאָרטן.

דזשים גיט אַ זאָג צום אַלטן:

— גיי מאַך שוין טיי, עס ווילט זיך שוין ווידער עסן. דאָס פּנים האָט זיך אים אַזוי פאַרקרימט ווי בא אַן אינגל וואָס האַלט זיך באַם צעוויינען.

דאָס האָט דזשים זיך פאַרקרימט, זיך דערמאָנענדיק אָן זיין הייליקן מיט די ביכער, ער נעמט בא דזשימען אַרויס די נשמה ווען ער זעצט זיך פרעסן. ער ברענגט אָן פון גאַס פולע פאַפּירן מיט וואורשט און קעז. אפילו זויערע אוגערקעס ברענגט ער מיט זיך און אַ פולן גרויסן פאַפּיר מיט מילכיקע בולקעלעך וואָס ער שלינגט זיי ווי פּילן. דזשים האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרואווט אָוועקגיין ווען יענער זעצט זיך פרעסן. אָבער ער קערט זיך אום. שטעלט זיך אָוועק אין אַ ווינקל און קען זיך ניט העלפן און מוז זיך איינקוקן אַף יענעמס כוח מיט וועלכן ער שטופּט איןביידע באַקן. דזשימען וואָלט עס נאָך אַזוי פיל ניט געאַרט ווי דאָס, וואָס ער לאָזט ניט איבער קיין קריש אַפן טיש. וואָס עס שטעלט זיך אָפּ, פאַרפּאַקט ער עס ווידער אין די פאַפּירן און פאַרשליסט עס בא זיך דאָרטן אין קערבעלע. דזשים האָט שוין איינמאָל געפּרואווט צו וועלן עפענען דאָס קערבעלע נאָר ער האָט ניט געקענט.

האָט אָפּגעטרונקען טיי, דזשים, איז ער מיטן אַלטן אָוועק אין פאָדער־הויז וואַשן וועש. ביידע האָבן זיך געשטעלט איבער אַ צעבער און געריבן מיט פאַרקאַשערטע הענט די לאַנגע ליילעכער. דערנאָך, האָט איינער אָנ־גענומען פאַר איין ברעג, דער אַנדערער פאַר דעם צווייטן ברעג און געדרייט מיט מאַטערניש אַז די קעפּ האָבן באביידן געציטערט. אַפן אַלטן איז פּשוט געוועזן אַ צער צו קוקן. אים איז שוין געווען שווער דערפון זיך אויסצוגלייכן.

רודי האָט זיי געוואָלט העלפן. אָבער דער אַלטער איז צו אים גיך צוגעלאָפן, אים אַרויסגענומען און אים ניט געלאָזט אויסטון דאָס רעקל.

— מען דאַרף עס קענען — האָט דער אַלטער אים האַרציק אַרויסגע־נומען. — איך האָב עס קוים מיין זון אויסגעלערנט. מען דאַרף עס קענען.

רודי מיינט, ווען ער האָט געלט, וואָלט ער פאַרגעשלאָגן דזשימען אַז ער זאָל מיטפאָרן מיט אים. ער טראַכט אפילו פון דעם, אַז ער זאָל אָוועק־

שרייבן יענע דאַמע, אַז מיט אים איז געשען אַן אומגליק און דאַרף האָבן הילף, און ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער קומען צו איר און איר דערציילן דערנאָך שיינע געשיכטן. ער גייט אַריין אין אַ שיינק, זעצט זיך עפּעס אויסטרינקען און טראַכט וועגן דעם. דערנאָך טראַכט ער וועגן דעם, אַז ער זאָל שרייבן צו יאַראָסלאַוון, ער זאָל אַרויסשיקן פון זיין טאַטנס קאַנטאָר אַ שיפס־קאַרטע. ווען ניט, וועט ער צוריקקומען און דערציילן, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ פּור. ער וועט עס דערציילן, און מען וועט אים גלייבן. דערנאָך דערמאַנט ער זיך אַז ער האָט נאָך דזשימען גאָרניט געפרעגט וואָס פאַר אַן אַרבעט ער טוט. און האָט באַשלאָסן דאָס אים באַלד צו פרעגן.

קומענדיק צו דזשימען, האָט ער געטראָפן יענעם פאַרשוין אין מיטן דער סעודה. אַזוי ווי דזשים האָט געשילדערט אַזוי איז עס טאַקע: דזשים שטייט אין אַ ווינקל און קוקט אַף יענעם מיט איין האַלבן פּנים. ער סאָפּעט שווער. קוקט נאָך ווי אַ הונגעריקער הונט ווי אַזוי יענער טראָגט מיט דער האַנט צום מויל די פּעניצער וואורשט און די קיילעכדיקע שמעקעדיקע בולקעלעך. ער זאָגט דזשימען אַז ער זאָל זיי באַקאָנען. דזשים קווינקלט זיך, אָבער ער קען אים ניט אָפּזאָגן. ער זאָגט אים צו ווען יענער וועט אָפּעסן.

דער אַלטער פרעגט אים, אפשר וויל ער טיי. דער אַלטער רעדט צו אים און קוקט אויך אַף די בולקעלעך. זיין פּנים איז אַזוי פאַרצווייפלט. זיין לאַכנדיק פּנים ווערט אַזוי אויפגעצויגן, יענער איילט זיך ניט צו ענטפערן. צעקייט פריער גוט דעם ביסן אין מויל און ווען ער שלינגט אַראָפּ ענטפערט ער:

— אַ דאַנק, מיין ליבער פריינט. איר האָט דאָך ניט גענוג צוקער.

— ס'וועט קענען זיין גענוג.

— נו, אַז איר ווילט דוקא, וועל איך טרינקען.

דער אַלטער איז ניט קיין פאַלשער, ער האָט אָבער ניט געמיינט, אַז יענער זאָל אים טאַקע בעטן. דאָס האָט ער אים געזאָגט נאָר פון מענטשלעכקייט וועגן. איצט קוקט זיך שוין אָן דזשים מיטן אַלטן און ברוגזן זיך. דער אַלטער קען ניט באַשליסן וויפיל צוקער אַריינצולייגן אין גלאָז: עס זאָל ניט זיין צופיל זיס און ניט צו ווייניק.

ווען יענער האָט אפגעגעסן און אפגעטרונקען, האָט ער אַלע איבערגע־בליבענע זאַכן פאַרוויקלט צוריק אין די פאַפירן, אָפּגעווישט דאס שפּיציק בערדל און גענומען עס טראָגן צו זיך אין צימער. דאַ, דערפילט דזשים דיעם בליק פון רודין און ער פירט אים צו.

— באַקענט זיך פריינט.

רודי האָט גארניט ניט געהערט ווי ער פארופט זיך. דאס האָט אים פאַרדראָסן, אבער אים איבערפרעגן האָט ער ניט געוואָלט.

— איר וואַרט אויך אַף אַ שיף? — פרעגט רודי.

— איך האָב געוואַרט אַף אַ שיף, איך האָב אבער היינט דערהאַלטן אַ טעלעגראַם און וועל מוזן מאָרגן אָפּפאָרן מיט דער באַן. אַנטשולדיקט — זאָגט ער — איך קום באַלד אַרויס.

ער איז באַלד ניט אַרויסגעקומען. רודי האָט אפילו געוואָלט מיט אים שמועסן אַביסל, דערווייל איז ער געזעסן מיט דזשימען און גערעדט.

— איין בולקעלע זאָל ער כאָטש איבערלאָזן פאַר דעם אַלטנס וועגן. ער האָט דאָך אים געגעבן טיי מיט צוקער, דאָס קאָסט דאָך אויך געלט.

— ער באַצאָלט ניט פאַר דעם?

— עס קומט אים אָן שווער איידער ער באַצאָלט נאָך פאַרן שלאָפן. און ער פאַרמאָגט אסאך געלט. ווען איך גיב אַ קוק אַריין אַהין, ציילט ער שטענדיק אַ פולע האַנט מיט געלט.

רודי וואַרט אָפּ אַ ווייל און זאָגט:

— דזשים, איר האָט שוין אמאל וועגן געפּרוואווט צו נעמען אַליין?

— כ׳האָב שוין געפּרוואווט, כ׳האָב אבער אפגעשניטן שלעכט. און בלויז פאַר אַ הון.

— יאָ, זאָגט, מיט וואס פאַרנעמט איר זיך.

— אַ וועבער. אבער איר זעט דאָך אַז איך ארבעט ניט. דער אַלטער ווייִנט ביינאַכט לעבן מיר און כ׳שלאָף ניט. איך קלויב זיך שוין די בעט צו שטעלן אַף אַן אַנדער אָרט ווייל יענער אין יענעם צימער לאָזט אויך ניט שלאָפן: איך הער ווי ער עסט. איך פיל דעם ריח פון וואורשט בּאַ מיר אין בעט. וואָס קען איך טון צו דעם? איך מיין איבערשטעלן די בעט.

— דאס וועט ניט איבעריק העלפן.

זיי לייגן זיך שלאָפן.

דער אַלטער שטעלט זיך אַף די קני לעבן בעט און זאָגט אַ געבעט. האַלט דעם קאָפּ אַף די הענט און שטיקט זיך. זיין וויינען פאַרטונקלט דאָס ליכט. דזשים שטייט באַם וואַנט און ס'דוכט זיך אים אַז יענער עסט שוין אין בעט. וואַלט ניט געווען רודי, וואָלט ער פאַרלאָשן דאָס ליכט, וואָלט ער בעסער געקענט הערן צו יענער עסט צי ניט. מען הערט, ווי דער אַלטער דערמאַנט דעם נאָמען, גאָט. און פונם וואָרט גייט אַוועק אַזאַ קעלט איבערן שטוב. דזשים רופט צו רודין, ער זאָל אַליין הערן ווי יענער עסט. דערנאָך ווייזט ער אים אַ בוך וואָס יענער האָט אים געהייסן לייענען באַטאָג און אין אָוונט, ווען ער וועט נאָר האָבן צייט. ער זאָל דאָס בוך איבער־לייענען עטלעכע מאָל. ער האָט אים געזאָגט, אַז פון דעם בוך קומט צו אַסאַך יעדן מענטש ווער נאָר עס לייענט אים. אַ פאַרברעכער, האָט ער גע־זאָגט, קען דורך די רייד פון בוך ווערן אַ ערלעכער פאַר אַלע מענטשן און פאַר זיין לאַנד. ער זאָגט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט דעם. ער פאַרנעמט זיך „אויסצעוואָרצלען די ווילדע גרעזער וואָס וואַקסן אין דעם מענטשנס נשמה".

— ער איז שוין דאָ לאַנג באַ אייך?

— ערשט אַ וואָך צייט. אָבער איין אָוונט האָט ער מיך אָפּגעמוטשעט עטלעכע שעה. כ'האָב זיך גוט ניט צוגעהערט צו זיינע רייד ווייל פון זיין מויל האָט געשמעקט דאָס וואָרשט וואָס ער האָט אויפגעגעסן. ער האָט מיך געפרעגט צו איך בין אַ גלויביקער אין גאָט. זאָג איך ניין, ווי דער אמת. אַמאָל גלויב איך אפילו יאָ אין גאָט איז אויך ניט מיטן גאַנצן האַרצן. איך הער באַנאַכט מיין אַלטן וויינענדיק, ווי ער בעט צו גאָט, טו איך אויך אַזוי. אָבער אַף אין דערפרי זידל איך זיך אויס.

דער אַלטער שטעלט זיך אויף און איז געל ווי אַ מערן. האַלב טוט ער זיך אויס און די הויזן, ציט ער אַראָפּ ווען ער ליגט שוין אונטער דער קאָלדרע.

יעדן טאָג דרייט זיך דער אַלטער אַרום אַ שעה צייט לעבן שיפס־קאַנטאָר און זוכט עמיגראַנטן. אבער ער האָט ניט קיין הצלחה. זיי קומען און גייען אַוועק. וואָלט אפשר ניט געווען דזשים אין שטוב וואָלטן זיי אפשר פאַרבליבן. דזשים נעמט זיי ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער איז שטענדיק ווי אנגעשטויסן ווען ער קוקט אָן אַ פרעמדן מענטשן.

רודין טוט שוין עפּעס באַנג וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן כמעט דאס גאַנצע געלט פאַר דער שיפס־קאַרטע. עס טוט אים באַנג, ווייל עפּעס האָט אים גענומען בויערן אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף נאָך ניט אַוועקפאָרן. אַז ער דאַרף נאָך עפּעס טון אי פאַר זיינעטוועגן אי פאַר דזשימען.

ס׳איז אים עפּעס אַזוי שווער ווען ער טוט זיך אויס און לייגט זיך שלאָפן. ער מאַכט צו די אויגן און זיי עפענען זיך אויף. ס׳איז אים ענג אין ברוסט. און ער פילט אַז עפּעס אַ געשריי וויל זיך אַרויסרייסן. אַ געשריי טון אַף דער פינצטערניש וואָס באַהערשט אַזוי דאָס צימער. ער פילט אַז עס איז ניט קיין שפּאַס. ער עפנט עטוואָס דאָס מויל און ער דערהערט אַ קרעכץ, אבער עס קומט אויס ווי פון אַ פרעמדן. די אויגן די אויגן רייסן זיך ברייט־צעעפנטע אַף דער פינצטערניש. ער פאַרשטעלט זיי מיט די הענט. ער ציט זיך אויס אין בעט און באַלד ווערט אים גרינגער. ס׳דוכט זיך אים אויס, ווי עמיצער וויגט אים. און דער קרעכץ וואָס האָט געמאַטערט אין ברוסט, ווערט צעשוואומען איבערן גאַנצן לייב. אפילו די פיס גיבן אלע מאָל אַ ציטער ווי עמיצער וואָלט זיי אַ קלאַפּ געטון. און ווען דער גוף ווערט רואיק, שטעלט זיך אָפּ און באַוועגט זיך ניט מער פון זיך אַליין, הויבט אָן דאַן דער קאָפּ צו מאַטערן. הויבט זיך, דוכט, אַליין אלע ווײלע אויף פון קישן.

כאַפּנדיק אַף אַ ווייל אַ דרימל, האָט ער דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געפּרואווט אַרומקוקן. געקלערט וואו די טיר דאַרף זיין און ניט געוואוסט. ער האָט גענומען נאָכדענקען, האָט געפּרואווט ארויסרופן אין געדאַנק אנדערע שטיבער וואו זייערע טירן קומען אויס. אַף אַזאַ אופן ארויסרופנדיק אין געדאַנק די טירן, איז ער צוגעקומען צו די ווענט פון זיין שטיבעלע. זיין שטיבעלע און זיין טיר. ער האָט שוין ווייטער אין גע־

דאנק מער ניט געזוכט. ער האט זיך שוין אפגעשטעלט בא זיין שטיבעלע און ס'איז אים פארבליבן, אז ער שלאפט ניט אין קיין אנדער ארט ווי נאר בא זיך. ער פארשפארט שוין זוכן מיט די אויגן. ער זעט שוין, וואו עס איז די טיר, דער פענצטער, דער קרומער עפלבוים. ער ליגט שוין רואיק און יענע נעכט רופן זיך שוין אליין ארוים. ער לאכט, כאטש ער לעבט עס איבער. ער לאכט, ווייל עס ליגט אף אים צוריק יענע גוטסקייט. ער לאכט, ווייל אין דער צווייטער בעט, לעבן אים, ליגט זיין פרוי און ווארט, אז ווי נאר ער וועט צו איר אריינקומען, וועט זי אים ארומנעמען און צומאכן די אויגן. אליין זיצט ער און ס'דוכט זיך אים אויס אז ער ליגט. ער זעט די טיר אף אריינצוגיין און אף ארויסצוגיין און מיט אזא גוטסקייט אפן פנים לאזט ער צומאכן זיינע אויגן און שלאפט ווידער איין.

ס'האט אים עמיצער אזוי ווי א וועק געטון. אזוי דוכט זיך אים, ער האט זיך א כאפ געטון און איז געבליבן זיצן וואך. ס'איז שטיל, און זעט ניט קיין זאך לעבן זיך. ער פארשטייט דערנאך אז דאס האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיך אליין מיט זיין חלום. ס'האט זיך אים געחלומט, ער גייט אריין אין צווייטן צימער, זוכט ארום יענעמס געלט, זוכט אין זיינע הויזנקעשענעס און דערטאפנדיק דעם טייסטער, לויפט גלייך צו צו אים א פאליציסט און טוט אים א כאפ פאר די הענט. דער חלום מאכט אים לאכן אבער באלד ווערט ער ערנסטער. ער איז צופרידן וואס ער האט ניט פארשלאפן און די שעה זעט אוים צו זיין א מיט־נאכטיקע, א טויט־שטילע. ער טוט פאוואליע אן זיינע הויזן. פארזיכטיק, גייט ער און גראבט מיט די אויגן דורך דער פינצטערניש אויס די טיר. ער שטעלט זיך אפ און הערט זיך צו גוט צי עס הערט זיך ניט עפעס א שארך. ער הערט ניט קיין פארדעכטיקס דערווייל, אבער ער ווארט אלץ, אזוי ווי ער וואלט אפגעווארט דעם שארך וואס דארף זיך באלד דערהערן. ער שטייט מיטן קאפ אנגעשפארט אן טירל און הערט זיך איין — ער הערט גארניט. ער עפנט אויף דאס טירל און זעט גארניט. דערנאך קוקט ער צום בעט וואו דער אלטער מיט דזשימען שלאפן. אפשר ווײנט דער אלטער אדער דזשים ליגט וואך.

ווי זיי ליגן זעט ער ניט, בויגט ער זיך אָן און קוקט אַף דער קאַלדרע צי זי וועט זיך געבן אַ ריר. אַזוי קוקט ער זיך צו אַ פּאָר מינוט ביז וואַנען ער איז זיכער אַז זיי שלאָפן. איצט לאָזט ער זיך אַריינגיין. ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַלע פיר און קוקט ווי אַ הונט צום בעט מיט אַנגעשפּיצטע אויגן און אויערן. צום ערשטן, דוכט זיך אים, אַז יענער זיצט אין בעט און קוקט אַף אים, זעט אים. אָבער שטאַרק צעשראָקן פון דעם ווערט ניט רודי. עס דוכט זיך אים, אַז דאָס איז ניט אינגאַנצן קיין וואָר. אויב יענער וועט אים יאָ דערזען וועלן זיךביידע צעלאַכן און ניט מער. אָבער זיין פאָרזיכטיקייט פאָלגט ניט אויס זיין בלענדעניש, כאָטש די פינצטערניש איז דאָרט ניט אַזוי גרויס. ער איז פאָרזיכטיק אפילו באַם צולייגן זיין האַנט אַף דער ערד. און ער האָט מורא קריכן אַזוי צום בעט. ער האָט חרטה וואָס ער גייט ניט אינגאַנצן אָנגעטון. דעמאָלט וואָלט ער געגאַנגען זיכערער: ער וואָלט געלאָזן אָפן צום גאַס די טיר און ער וואָלט געגאַנגען אַף איינס!

זיך אָנהאַלטנדיק אָן בעט שטעלט ער זיך אויף. שטייט מיט עטוואָס איינגעבויגענע קניען. וועגן זיך טראַכט ער איצט ניט, נאָר וועגן דאָס געלט און וועגן דזשימען. ער קוקט שוין איצט אויך ניט צי דער מענטש איז וואַך צי ניט. ער האָט אָן אים פאַרגעסן. ער זוכט נאָר זיינע זאַכן. ער קומט צי צום טישל און ער טאַפּט אָן נאָר זיינע הויזן. די וועסט אָדער דאָס רעקל געפינט ער ניט. ניטאָ גאָרניט מער אַפן טישל. עס קלאַמערן זיך אים אויף די הענט פאַר צאָרן. צו דעם טשאַמאַדאַן האָט ער זיך מורא אַראָפּצובויגן: ער האָט ניט קיין שליסל און גלויבט זיך ניט, אַז ער זאָל זיין אָפן. אַזוי וועלנדיק דורכגיין צו יענער זייט בעט, זען אויב עס ליגט דאָרט אַפן שטול זיינע איבעריקע זאַכן, נעמט מען אים אָן פּלוצים פאַר דער האַנט. ער פילט נאָך אַ האַנט אַף זיין מויל און ער הערט דאָס וואָרט: דזשים.

— דאָס בין איך, זאָגט דזשים. זעץ זיך אַראָפּ, ער וועט נאָך אונז דערזען.

רודי האָט זיך אַראָפּגעזעצט און האָט געזען ווי דזשים לייגט אין מויל גאַנצע בולקעלעך פאַר אַמאָל. דזשים האָט פון איין זייט אויפגעהויבן אַ ווייס טיכל, און דערפון איז עטוואָס ליכטיקער געוואָרן. פון דער ווייסקייט

האָבן די זאכן אַרויסגעשלאָגן זייערע שאָטנס. ס'איז געווען גענוג ליכטיק צו זען ווי עס שטייט אַן אָפן קערבל מיט אַלדאָס גוטס און ס'טראָגט זיך אַ זעלטענער ריח פון דאָרטן.

דזשים האָט עס לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיק פאַרשלאָסן און נעמענדיק רודין פאַר דער האַנט האָט ער אים אַרויסגעפירט פון דאָרט מיטנעמענדיק נאָך מיט זיך אַ פּאָר בולקעלעך.

ווי נאָר זיי זיינען אַרוים פון צימער האָט זיך יענער אויפגעזעצט אין זיין בעט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט ניט געשלאָפן. ער האָט געהערט און געזען און האָט ניט געוואָלט זיי דערשרעקן. ער האָט אפילו מורא געהאט פאַר אַן אומגליק דערפאַר האָט ער געבעטן גאָט ליגנדיק. ער האָט געשעפּטשעט גאָר שטילינקערהייד פּסוקים פון ביבל, איבערהויפּט דעם פּסוק וואָס דערציילט אַז מען דאַרף ענטפערן מיט גוטס אויף שלעכטס.

דזשים איז שוין ניט אריין שלאָפן צוריק צום אַלטן נאָר צו רודין אין בעט. רודי האָט אים צו זיך אריינגענומען. דזשים האָט פון צופרידנקייט און פון צעטראַגנקייט ניט געקענט ריידן. זיי זיינען געלעגן פּנים צו פּנים אבער זיי האָבן זיך ניט געזען ווייל ס'איז געווען טיף פינצטער. ערשט איצט, ליגנדיק אַזוי אין גרויסן שווייגן האָבן ביידע דערהערט, ווי דאָרטן אין צימער באַוועגט זיך עפּעס. דזשים האָט געטראַכט אַז דאָס האָט זיך יענער אויפגעכאַפּט און געוואויר וועדנדיק וואָס דאָרטן האָט זיך געטון, קלויבט ער זיך צו מאַכן אַ גוואַלד. ער ציילט דאָרטן געוויס איבער די בולקעלעך.

רודי הערט ווי דזשים באַלעקט זיך. קייעט נאָך אַמאָל איבער דעם טעם פון די גוטע זאַכן וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט אָנגעטאַפּט אפילו מיט די הענט. ער שטעלט זיך פאָר, אַז זיין פּנים מוז איצט אויסזען גאָר אַנדערש: די באַקן אַביסל אויפגעהויבן. די ליפּן פרישער.

— אַ ציגאַר וואָלט איך איצט געוואָלט — שעפּטשעט דזשים.

רודי גייט גלייך אַראָפּ. זוכט אויס בא זיך צוויי ציגאַרן, און זיך ליי גנדיק פאַרויכערן זיי ביידע. רודי האָט דעם גרויסן יונג ליב געקראָגן. ווי אַ קינד, דעקט ער אים צו פון דער אַנדערער זייט. און דזשים איז נאָכגעביק. אים וואָלט איצט גאָרניט געאַרט, ווען מען טוט אים אָפּ אפילו אַ פּאַרדראָ־

סיקע זאַך. ער וואָלט איצט אַלץ אַנגענומען פאַר ליב. אים איז איצט איבער גוט, ווייל ער איז זאַט.

בא יעדן רויכער, פלעגט דער בליץ באַהעלן זייערע פּנימער. רודי האָט געקענט זען אַ שמייכל אױף דזשימס איינגעפאַלענע באַקן. דזשים האָט זיך צוגערוקט צו אים. זיי האָבן זיך ארומגענומען מיט די הענט און אזוי זיינען זיי איינגעשלאָפן.

— דזשים! — האָט אַ געשריי געטון דער אַלטינקער און איז אַראָפּ־געלאָפן פון בעט. ער האָט זיך דערשראָקן, ווייל ער האָט אויך דזשימס זאַכן ניט געזען אױף דעם אָרט וואו ער לייגט זיי שטענדיק. אים דערזעענדיק בא רודין אין בעט, איז ער געגאַנגען אַ באַרואיקטער מאַכן טיי. ס׳האָט אים שטאַרק געצויגן אין האַרצן. ווי ער האָט נאָר אויפגעלייגט פייער, האָט ער דערהערט ווי מען רופט אים. ער איז געוואָרן פאַרוואונדערט וואָס דער הייליקער רופט אים עפּעס אין צימער צו זיך.

— אָט מאַך איך פרישן טיי וועל איך אייך באַלד צוטראָגן.

— ניט דאָס — זאָגט יענער און נעמט אים אריין צו זיך.

— ס׳איז אייך עפּעס ניט געווען גוט צו שלאָפן?

— מסתמא האָט אזוי גאָט געוואָלט. אבי איך בין אבער נאָר אָפּגע־קומען מיט שרעק. שרעק דאַרף יעדער מענטש האָבן און ווען ער האָט, איז עס אַ גוטער סימן אַז גאָט פאַרגעסט אים ניט. אַז גאָט דערמאָנט אים. ער באַווייזט זיין מאַכט דורך דעם. ס׳וואָלט מיר ניט אויך געאַרט, ווען גאָט שטראָפט מיר נאָך מער. אייער צימער איז פאַר מיר אַ ברכה.

דער אַלטער הערט אים אויס ווי אַ רבין. כאָטש ער פאַרשטייט ניט קלאָר. צום אנהויב, האָט ער אים אביסל דערשראָקן. נאָר ווען ער האָט דער־הערט, אַז זיין צימער איז פאַר אים אַ ברכה, איז עס שוין געוואָרן רואיקער. כאָטש אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט ער ניט אנגעהויבן צו וויסן און פאַרשטיין.

— הייסט עס, זענט איר צופרידן פון מיין צימער. ס׳איז ריין, ס׳איז ציכטיק. כ׳וועל שוין היינט דאָ אויסוואַשן דעם פּאָל וועט ווערן נאָך פריי־שער אביסעלע. וואַרט אויף, כ׳וועל גיין אַ קוק טון צו דער טיי. עס ציט

אייך זיכער אין האַרצן. אַ גרויסע נאַכט. מיך אויך. איך וויל אויפוועקן דזשימען. ער שלאָפט אַ הונגעריקער. באַלד וועט זיין טיי. נאָר איך ווייס ניט, ווי אַזוי מען וועקט אים אויף. ער האַלט זיך אַרומגענומען מיט יענעם. האָב איך מורא אַז אויב איך וועל נעמען דעם וועקן וועט זיך יענער אויך אויפכאַפּן. אַף טשיקאַוואַסט זעט!

— אייער דזשים האָט פאַרדינט, בּאַ גאָט אַז איר זאָלט אים לאָזן שלאָפן. גאָט נעמט זיך אָן פאַר אים. גאָט שיקט אים דאָך מסתמא וואָס מען דאַרף. איר אַליין וואָלט עפּעס אויך באַדאַרפט טון אַז גאָט זאָל זיך אָן אייך ניט פאַרגעסן.

דעם אַלטן ווערט עפּעס אַזוי גוט אפן הונגעריקן האַרצן. עס ווערט אים עפּעס אַביסל קלאָרער און וויל שוין הערן וואָס יענער וועט פאַר אַן עצה קענען געבן.

— נו, וואָס זאָל איך אַזוינס טון, אַז גאָט זאָל זיך אָן מיר ניט פאַרגעסן. גאָט הערט מסתמא ניט אויס וואָס איך רעד צו אים. איך קען פאַר קיינעם ניט טון קיין גוטס. ניט איך קען געבן צדקה. אַ נאַכט־לעגער וואָלט איך עמיצן אפשר געקענט אָפּגעבן אומזיסט. נו, וועט דאָך מיין זון, דזשים, ניט דערלאָזן. ער פאָלגט ניט אויס גאָט.

— און גאָט נעמט זיך אָן מער פאַר אים ווי פאַר אייך. כ'האָב געד רעכנט שוין, היינט, מאָרגן אַוועקפאָרן. נאָר ס'איז מיר אַ שאָד צו פאַר־לאָזן דאָס צימער.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אַף די קני און מיט פאַרמאַכטע אויגן געד זאָגט צו־דער סטעליע:

— שרעק מיך גאָט און שטראָף מיך, אויב איך בין זינדיק.

דערווייל איז דער אַלטער אַוועקגעלאָפן גיך צו דער טיי.

אַלע פיר מענער זיצן און זופּן די טיי. דער פרומער, האָט נאָך בולקע־לעך און בייסט צו. דער הונגעריקער איז איצט דער אַלטינקער נאָר. ווען ער וואָלט געהאַט כאָטש איין בולקעלע, וואָלט ער עס געהאַט אַף לאַנג צו עסן — ניט אַזוי ווי יענער וואָס שפּאַרט עס מיט צוויי פינגער אַריין פאַר איין מאָל אין מויל. דער אַלטער האָט שוין לאַנג ניט געהאַלטן עפּעס אַן

הארטן. ביסן אין מויל. דער אַלטער קוקט אף יענעם ווי ער עסט און יעדעס מאָל ווען יענער שפּאַרט אריין אַ בולקעלע, גיט דעם אַלטן אין רוקן אַ בים־און ער גיט זיך אַ קראַץ.

רודי זאגט צום אַלטן, אבער ער מיינט ניט דאָס וואָס ער זאָגט:

— איר בייסט גאָרניט צו צו דער טיי?

דער אַלטער ווערט רויט ווי אַ פאַרשעמט קינד.

נישטאָ מיט וואָס.

רודי נעמט אָן, פּאָרזיכטיק אבער שטייף, אַ בולקעלע און וויל עס געבן דעם אַלטן.

— ס'וועט זיך אַלץ איינם אפּשטעלן. בייסט צו.

דער אַלטינקער האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט זיך איינגעבויגן און איז אוועקגעלאָפן אין ווינקל צום פייערל.

דער פרומער, האָט זיך געמאכט ניט זעענדיק און ניט וויסנדיק. און ווען ער האָט אפּגעטרונקען האָט ער געזאָגט:

— איר דאַרפט צוגיין און אים איבערבעטן. איר האָט באַליידיקט אַן אַלטן מענטשן, אויב איר וועט עס ניט טון, וועט אייך גאָט ניט מוחל זיין. ס'איז איינע פון די גרעסטע זינד דאָס באַליידיקן, נאָך ערגער ווי שלאָגן יענעם.

רודי ענטפערט:

— דזשים קויפט אוים מיין זינד פאַר צען בולקעלעך און אויב איר האָט אויך אַ שולד אין דעם, וועט עס אייך אָפּגעמעקט ווערן.

— אויב איך האָב אַ שולד וועט עס מיך גאָט פאַררעכענען. דזשים וועט עס ניט טאָרן טון.

— לאָזט זיך אים נאָר באַטראַכטן.

— איך וויל דאָס ניט הערן.

ס'האָט קיינער ניט געהערט ווי דער אַלטער וויינט. געוויינט אָן טרערן. געהאַלטן דעם קאָפּ צום פייער, מיט די הענט האָט ער פאַרשטעלטביידע זייטן פון פּנים און די קני האָבן זיך אים אזש געבראָכן זיצנדיק אַזוי אראָפּ־געבויגן.

ווען דער פרומער האָט זיך געטראָפן מיט זיינע מענטשן „וואָס פאַר־שפרייטן גאָטס וואָרט", האָט ער זיי דערציילט, אַז די נאַכט, איז ער געווען אין אַ געפאַר און גאָט האָט זיך פאַר אים אַנגענומען. זיי האָבן געוואָלט וויסן עפּעס פון דעם, אָבער ער האָט זיי גאָרניט דערציילט מער. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענער. זיינע אויגן האָבן זיך געהויבן פון אונטער זיינע ברילן צום הימל. ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דאָס אַלץ וואָס איז געווען און ווי אַזוי דאָס איז געווען. ער האָט זיך ניט איינ־מאָל פאָרגעשטעלט דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. ער האָט געבעטן גאָט און געהאָפט, אַז ער זאָל אים קומען צו הילף צו יעדער צייט. ער זאָל אים געבן קראַפט אַז ער זאָל קענען בייקומען די שרעק און די שטראָף וואָס ער האָט פאַרדינט בא אים.

ער האָט באַשלאָסן, אַז ער זאָל גאָרניט ניט ענדערן. ער וועט זיך פירן אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט. וועט שטעלן אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט. און וואָס עס דאַרף געשען זאָל געשען. אויף יענער וועלט זאָל מען צו אים קיין טענות ניט קענען האָבן.

דזשים פירט אַרום רודין איבער די גרויסע רייכע גאַסן. זיי באַטראַכטן צוזאַמען די גוטע זאַכן וואָס ליגן און הענגען אין די שויפענצטער. דזשים מאַכט שוין אַפילו אַ פּלאַן און ווייזט ווי אַזוי ער וואָלט געקענט אַרויס־נעמען אַ קעז דורך אַ שמאָלן שפּעלטל.

— מען וואָלט — זאָגט רודי — דעם, פון די בולקעלעך, גערודפט צורעדן אַז ער זאָל קויפן קעז. מען דאַרף אים זאָגן אַז ס'איז געזונט און ס'איז אַ מצוה צו עסן, וועט אפשר אַנקומען פאַר אונז אויך אַ פּיצל.

— אפשר ווייסטו — זאָגט ער ווידער — פון עמיצן וואָס פאַרנעמט זיך מיט ספּאָרט. נאָר ער זאָל האָבן געלט אַסאַך.

— פון וואָס פאַלט עס דיך איין?

— פון דעם קען איך פאַרדינען געלט.

רודי האָט אים ניט געוואָלט אויסדערציילן די געשיכטע פון דעם וואָס איז מיט אים פאָרגעקומען. ער איז דאָ געווען פרעמד. ער האָט געוואָלט האָבן עפּעס אַ פאַרבינדונג מיט די מענטשן פון דער שטאָט. עפּעס אויפטון.

ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן, ער האָט געוואָלט טון. דזשים האָט פֿון קיין איבערגעטריבענע זאַכן ניט געוואוסט. ער האָט אפילו ניט געוואָלט מער מיטגיין אין גאַס. ער דאַרף שוין גיין, זאָגט ער. וואַשן די ליילעכער. ער וויל אויך ניט גיין פיל דערפאר, וואָס אין שטוב זיצנדיק ארבעט ניט אַזוי פיל דער מאָגן. נאָר רודי לאזט אים ניט אָפּ. רודי זעט, עס גייען מחנות מענטשן אין איין ריכטונג, וויל ער אויך מיט דזשימען גיין אהין. ער קלערט איבער, אז זיי וועלן אפשר אנקומען אַף אַן אָרט וואו מען וועט אפשר עפּעס וואַרפן אַף צו כאַפּן. אפשר וועט מען עפּעס דארפן אויפטון אַזוינס וואָס ער קען. די פרעמדע שטעט, האָבן געהאַט אַף אים געהאט אַ מאָדנע ווירקונג; דאָס פריערדיקע, איז ווי פארגעסן געוואָרן און וויל זיך ניט מער דערמאַנען. ער וואָלט זיך איצט ניט אפּגעזאָגט פון ריזיקאַלישע פּרואוון. זיינע אויגן בלאנדזשען איבער פרעמדע, אומבאַקאַנטע שטעט. ער וויל זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיך. ער וויל, אז עפּעס זאָל פאַרנעמען אַף לאַנג זיין געדאַנק. דזשים איז אים ליב, אבער ווען ער וועט פון אים אוועקגיין וועט ער נאָך אים קיינמאָל ניט בענקען. דזשים מוז אודאי טראַכטן און וועט נאָך לאַנג מסתמא טראַכטן פון דער נאַכט מיט די בולקעלעך. פאַר אים איז עס געווען אַ געשעעניש אין לעבן. זיינע פאַנטאַזיעס קען מען אויסמעסטן מיט אַ שטריקל. זיין קאָפּ קען זיין פארנומען בלויז פון די ליילעכער און בולקעלעך. וואָלט רודי דערזען זיין גוטע געמיטלעכע ווייב, ווען ער האָט דערזען זיין שטיבעלע, וואָלט ער אפשר אויך אַזוי פארבליבן ווי דזשים. וואָלט ארומגעגאַנגען צווישן די הינער ארום די ברעגן זאַמד וואָס געערט צום שטוב. אַף לאַנג וואָלט געווען פארנומען זיין קאָפּ מיט דעם וואָס איז דאָ. מיט דעם וואָס די אויגן זעען. פאַר קיין געשעעניש וואָלט ניט געווען קיין פּלאַץ. זיין פאַרוואונדעט לעבן האָט שוין געוואַרט מיט אַזוי פיל אומגעדולד צו לייגן דעם קאָפּ אַף טרייע הענט. און ווען די טרייע הענט וואָלט די ערד ניט פאַרשלונגען, וואָלט די טרייסט פאַר אים געווען אַ זיכערע. דאָס ווייב אין די אויגן, דריי קינדערלעך, וואָלטן זיך אנגעזעצט אַף די אַקסלען, אָפּן קאָפּ. נאָר ווען די שעה האָט געדאַרפט דערזען די שיין, איז די פינצטערע בשורה פאַרלאָפן דעם וועג. וואָלט ניט געווען אַזוי גרויס זיין האפענונג, וואָלט מיט

אַמאָל ניט געפּלאַצט אַזוי שטאַרק דער אומגליק. דער גרויזאַמסטער אומ־גליק איז דאָך ניט אַף ניט איבערצוטראָגן ווען ער דערנענטערט זיך לאַנג־זאַם. ווען מען דערזעט פּריער זיין שאָטן. איצט בענקט ער שטאַרק נאָכן פייער אַף די צעגראָבענע פעלדער, וואו דער געדאַנק קען ניט האָבן קיין קיום.

דזשים ווייסט גאָרניט אַז דער מענטש וואָלט אים געקענט איבער־ראַשן. ווען דער מענטש זאָל נאָך האָבן אַ געלעגנהייט דערצו. ער וואָלט גע־קאָנט פּלוצים ווערן אַ טייוול אין זיינע אויגן.

דאָס איינציקע וואָס וואָלט רודין באַפרידיקט, וואָלט געווען, ווען ער קען האַרגענען מענטשן. זיך באַגיין מיט זיי ווי אין קריג. אים וואָלט אויך געווען רעכט, ווען ער זאָל זיך עס כאָטש צוקוקן ווי מענטשן ראַנגלען זיך פאַר זייער לעבן. זאָל ער ניט זיין איינער אליין פאַרעכנט פאַר אַן אומגליק־לעכן מענטשן אין שטאָט. די, וועלכע הויבן ניט אויף צו אים די אויגן, די זיינען באַ אים די שולדיקסטע און זיי וואָלט ער געלערנט.

דזשים פּרואווט אים אַפריידן אַף ניט צו גיין אַהין וואו די הונגעריקע מחנות פאַרקלייבן זיך.

— גיי ניט. זיי שווינען ניט קיינעם.

— ווער?

— די פּאָליציי. זיי טוען אַ קלאַפּ, פּילט מען אים עטלעכע טעג נאָכ־אַנאַנד. אַף וועלכן אָרט ער זאָל ניט פאַלן, זעט מען אים אָן, עטלעכע מאָל איז אַזוי געווען מיט מיר. געוווינ. בשעת עס טוט אפילו ווי וויל מען ניט עסן, מיינסטו איז עס בעסער? און חוץ דעם קומט דערפון אַלץ קיין גוטס ניט אַרויס. זיי שטראָפן אַפן קול די פאַבריקאַנטן, ווען די פאַבריקאַנטן אַליין הערן עס ניט אויס נאָר מיר, די אַרבעטער זייערע, איז וואָס קומט אַרויס? אַז דאָ איז אַזאַ שטאָט, וואו די פאַבריקאַנטן ווילן אַף אַ האָר ניט וויסן מיט וואָס זייערע אַרבעטער קומען דורך, ווען זיי אַרבעטן ניט. די וואָס ריידן דאָרט אַפן קול, זאָגן זיי, אַז די פאַבריקן דאַרף מען איבערנעמען אין די אייגענע הענט. דאָס גלויב איך איז אַ גאַנץ גוטער פּלאַן. דערפון וואָלט עפּעס געוויס אַרויסגעקומען. אָבער זיי וועלן דאָך בעסער וועלן משוגע ווערן

איידער אונז אין די הענט געבן די פאבריקן. איך וואָלט געזאָגט, לויט מיין פאַרשטאַנד, אז ס׳איז כדאי זיי געבן אַף צום לעבן אומזיסט. אויב זיי וואָלטן עס וועלן וואָלט עס אויך ניט אויסגעמאכט. זעסט דאך ווי מען גייט אהין און מען גייט אזוי יעדן טאָג. איינער, דערנאָך א צווייטער שטעלט זיך שרייען, דערנאָך גיט מען קלעפּ. ביז איצט איז עס אזוי פאַרגעקומען כמעט יעדן טאָג. א וואָך נאָך א וואָך, א טאָג נאָך א טאָג. א טאָג איז טאקע גאָרניט, אבער ווען מען איז הונגעריק, איז עס ניט גאָרניט. מען שעלט, פאַר דיר זאָגנדיק, אין אייגענעם טאטן אריין. מיר דוכט זיך, דערפאַר בלויז ווייל מען איז הונגעריק. איך ווייס אליין אז דאס איז געמיין פון אונזער זייט. דו קענסט אויך פארשטיין אז דער טאַטע איז אין דעם ניט שולדיק. סיידן פאַר דאס איינציקע, וואָס ער האָט אונז געבראכט. איך טו עס טאָקע ניט. מיט מיר אין פאבריק האָט געארבעט א מיידל, א יתומה, איר מאַמע פלעגט מיך לאָזן גיין צו איר אין בעט, אבער כ׳האָב געזאָגט דער אַלטער אַז קיין קינד וועט דערפון ניט אַרויסקומען. און ניט איצט, נאָר דאָן, ווען כ׳האָב נאָך געארבעט. איצט ליגט דאָס מיר ניט אין זינען. אפילו אויך אָן א קינד. קיינמאָל איז ניט גוט פאַר אונזערע מענטשן נאָך א צוגאָב צו די צרות — א קינד. בפרט, אז דאס לאָזט זיך באַציִיטנס באַזייטיקן. כ׳האָב מיט איר פארבראכט אַף דעם אופן באלד צוויי יאָר צייט. קיינער איז פון אונז ניט געבליבן אומצופרידן. דו קענסט דאָס אפשר באַטראַכטן פאַר שלעכט, אבער דו ביזט דאָך ניט איך און איך בין ניט דו. עס וואָלט דאָך געווען שלעכט ווען אַלע זאָלן באַטראַכטן זאכן אַף איין אופן. איינער וואָלט דעם אנדערן ניט געהאט קיינמאָל אויך וואָס צו דערציילן, און דאָס וואָלט באמת פארמיאוסט דאָס לעבן.

— ביזט מיט איין זאך א גרויסער נאַר, דזשים, וואָס דו שטייסט אַף איין אָרט און וואַשסט לײַלעכער. וואָס דו טרינקסט טיי און לויפסט נאָכן טיי אַלע ווײַלע אַפן הויף... ס׳וואָלט שוין געווען שענער פון דיין זייט ווען דו וואַרפסט זיך אראָפּ פון דיין פענצטערל אַפן ברוק. דו נעם עס ניט אָן פאַר קיין עצה. נאָר דו פּרואוו פארלאָז דיינע לײַלעכער מיט דיין אַלטן, דיין מאָרגן דאָ, וועט זיין ווי דיין נעכטן איז געווען. קען זיין אז דער

מאָרגן וועט דיך ערגעץ אנדערש אויך קיין גוטס ניט ברענגען, אבער וועסט דאָך קענען שפּעטער זאָגן: כ'האָב גאַרניט געהאַט און האָב גאָרניט פאַרלאָרן. פאַר אַזאַ לעבן, וועסטו קיין חרטה ניט האָבן. נאָכן טויט? די ווערים זיינען די זעלביקע, פון איין לאַנד אַזוי אויך פון דעם אנדערן. נאָר שטיי ניט אַף איין אָרט ווען די צייט לייגט זיך אָן שווער אַף דיין לעבן. איך ווייס, אַז עס וויינען ערגעץ דריי קליינע קינדערלעך נאָך מיר, און איך שריי צו זיי אַזש פון דאַנען:

— קינדער! איך בין דערווייל טויט. דערווייל הער איך ניט. דערווייל לעב איך ניט. איך ווייס ניט וואָס איך טו און איך ווייס ניט וואָס איך וויל. איך זוך און האָב נאָך דערווייל גאָרניט ניט געפונען. — אַזוי שריי איך.

זאָגט דזשים:

— ס'איז ניט קיין קלאָרע רייד פאַר קינדער. פאַר גרויסע ווי איך איז עס אויך ניט צו פאַרשטיין.

רודי פּרואווט פאַרשטיין דעם זין פון דאָס וואָס ער האָט אַליין גע־רעדט. ער פּרואווט עפּעס אין זיין פאַרשטאַנד דעם שלאָס וואוהין עס ליגן זיינע קינדערלעך פאַרוויקלט אין זכרונות ווי פויגעלעך אין א פאַר־לאָזענע נעסט, אין א פאַרגעסענע נעסט. ער זעט זיי אבער ניט גוט אין זיינע געדאַנקען. זיין צעטומלטער קאָפּ האָט די ווייטקייט פון דאַנען ביז זיין היים פאַרהאַנגען מיט שאָטנס. ער זעט זיינע קינדערלעך ניט ווי ער האָט זיי געזען ווען ער איז אנטלאָפן פון דאָרטן, נאָר ער זעט זיי פאַר־גליווערטע. זיין לעבן פילט זיי ניט און זיין האַרץ רופט זיך ניט אָפּ. ער גיט זיך אַליין ניט אָפּ קיין חשבון, איצט, וואָס ער וויל. ער פילט ניט די ווערטער, ניט די וועלכע רעדן וועגן גוטס און וועלכע רעדן פון שלעכטס. אָפּטמאָל פּלוידערט ער אָן זין. אמת, ער אַליין פאַרשטייט זיי, אָבער א צוהערער, וועט ניט וויסן וואָס ער מיינט.

ער איז ניט געווען נאָך אַזוי ווען ער איז ארויסגעפאָרן פון זיין היים. ער האָט נאָך דעמאָלט באַוויזן צו טראַכטן, פאַרשטיין און אָפּשאַצן דעם גורל פון זיין פאַרפאַלגטן לעבן. ער האָט זיך דערגראבן ביז צום גרונט פון

זיין האַרצן. מיט באוואוסטזיין האָט ער פאַרשטעלט די אויגן פאַר אַלץ. נאָר ווען ער האָט גענומען זיך אַרומשלעפּן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער איז ער מיט אַן אמת צעטומלט געוואָרן. אין די שטעט האָט ער פאַר זיך קיין גוטס ניט געזען, קיין היימישן וואָרט האָט ער פון קיינעם ניט דערהערט. דאָס האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אויפהערן צו קלערן פון דעם, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו, צו אַזאַ לעבן.

דזשימס רייד און דזשים אַליין האָט א גוטע ווירקונג אױף אים: ביידע צוזאַמען מאַכן קלערער זיין פאַרשטאַנד. דזשימס רייד צווינגען אים צו זיין פּאַרזיכטיק מיט זיינע ווערטער. ווען דזשים זאָגט אים אַז ער פאַרשטייט ניט וואָס ער האָט גערעדט צו אים, מוז ער איבערטראַכטן און אים אָפּטמאָל זאָגן אױף אַן אַנדער אופן.

דזשים פרעגט אים איבער:

— וואָס ווילסטו געפינען?

— א בעסערן, עפּעס אַן אַנדערן לעבן — זאָגט אַרויס קלאָר רודי.

דזשים פרעגט אים ווידער:

— וועסט זיך נעמען צו אַן אַרבעט, צי עפּעס אפשר אַנדערש.

דאָ בלייבט שטיין רודי. ער קען אים אױף דעם ניט ענטפערן. אָבער ער קלערט פאַר זיך. ער קוקט אָן דזשימען ווי א פאַרשולדיקט קינד, און דריקט מיט זיין פּנים אויס פאַרצווייפלונג.

— פון די שטאָטישע אַרבעטן קען איך גאָרניט, ברודער. ס'וועט מיר מסתמא זיין שלעכט אין אַזאַ פאַל.

— באַלד פון אָנהויב, און די גאַנצע צייט, וועט דיר זיין שלעכט. איך האָב דאַרטן א קוזין, שרייבט ער צו מיין אַלטן אַז ער שלאָפט אין א גאָרטן אונטער א באַנק, און די קעלט מאַטערט אים. אַזוי וועט מסתמא אויך דיר אויסקומען.

— און וואָס האָט ער דאָ געטון — פרעגט רודי און דער קאָפּ ווערט אים אַזוי שווער ווי א שטיין.

דזשים שרייט מיט כעס:

— ער האָט ניט געוואָלט אַרבעטן! דאָס איז דאָך שוין אַזאַ זאַך וואָס מען קען אינגאנצן ניט פארשטיין. אפשר ביזטו אויך אזא, איז גלייכער בעט עמיצן צו דערהארגענען דיך, אדער טו עס אליין גלייכער, איידער דו זאָלסט פירן אַזאַ לעבן ווי יענער.

— ניין דזשים. פארלארן גיין דאַרף איך נאָך ניט. איך וויל נאָך זען וואס עסווארט מיך נאָך אָפּ. קיין גוטס קען איך ניט דערווארטן און וויל עס ניט. איך בין ניט געבארן געוואָרן אַף צו האָבן א גוט לעבן. קיין גוטס קלעפּט זיך ניט צו מיר. אבער איך ווילווארטן און זען וועלכע אומגליקן עס ווארטן מיך אָפּ. אַף דעם אופן לוינט מיר נאָך צו לעבן ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן.

— זאָג עס איבער אַף אַן אנדערן אופן. איך פארשטיי עס ניט.

רודי האָט אַף אים געוואָלט א געשריי טון, אין דעם מאָמענט אָבער, האָט ער דזשימען אנגענומען פאַר דער האנט, אַ קוק געטון אין זיינע אויגן און איז צו זיך געקומען.

— כ׳וועל דיך פאלגן. זאָג קורץ, וואָס זאָל איך טון. נאָר רעד ניט ארויס פון דיין מויל, אַז איך זאָל פאָרן צוריק.

דזשים האָט ניט געקוקט אַף אים. ער האָט זיך פארטראכט אַף דער פראגע און אים געענטפערט:

— שטעל זיך אָפּ אַף איין אָרט. שטעל זיך אָפּ אין איין שטוב. דאָס זאלסטו טון. אויב דו דערווארסט ווי דו זאָגסט אַליין אומגליקן, וועסטו זיי אומעטום געפינען.

— איך קען עס ניט פארשטיין, דזשים.

— איך ווייס ניט ווי דיר צו זאָגן אנדערש. דאָ אין שטאָט איז שלעכט. פאָר וואו דו ווילסט, נאָר שטעל זיך ארבעטן און נעם לעבן זיך אַ ווייב. אָט דאָס דאַרפסטו טון.

— כ׳וועל דאָס קענען.

— איך געטרוי דיך ניט.

רודי האָט אנגענומען זיין האַנט, נאָר זיין מויל איז פאַרהאַקט גע־וואָרן און ס׳איז ניט געקומען קיין וואָרט.

רודי ווערט געמאַטערט דערפאַר, וואָס זיינע געדאַנקען פאַרפּלאָנ־טערן זיך. עס ווערט אין זיין קאָפּ ניט געשאַפן קיין גאַנצער פּלאַן. ער נעמט אויף אַלץ וואָס עס קומט אים אונטער. באַשליסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל וואָס צו טון, דאָס קען ער ניט. ער איז ניט זיכער מיט זיין פאַרשטייענדיקע האַנדלונג. אָט איז ער געגאַנגען גאַנוועַנען אין צווייטן צימער דאָס געלט. ער איז ניט געגאַנגען מיטן געדאַנק פון אַ גנב, אַז ער איז אַ גנב און גייט גאַנווענען. ס׳איז זיכער, אַז ווען ער פּאַקט דאָס געלט, וואָלט שוין דזשים געפאָרן מיט אים אין איין וועג. דזשימען זוכט ער צו האָבן לעבן זיך. עס שרעקט אים עפּעס דאָס ווייט ווייטע לאַנד וואוהין ער לאָזט זיך פאָרן. באַם גיין גאַנווענען דאָס געלט האָט ער ניט איבער־געטראַכט ווי אַ גנב, אַז אין דעם מאָמענט, קען ער האָבן אָפּגעבראָכענע יאָרן. יאָ, ער איז געווען פאַרזיכטיק, דאָס איז אָבער געווען, ניט דערפאַר וואָס ער קען דערוואַרטן אַ בייזן סוף, פון דעם האָט ער גאָר אינגאַנצן ניט געטראַכט. בא אים איז געווען אין געדאַנק: די אַרבעט. דאָס גאַנווענען דאַרף געטון ווערן שטיל, וואָס שטילער, ניט מער.

פון די געשפּרעכן פון טאָג מיט דזשימען, איז אים געבליבן אַ שווע־ריקייט אָפן האַרצן. ס׳האָט אים געדריקט און ס׳איז ניט געווען אזוי זאָרגלאָז זיין פּנים. אַביסל האָט ער שוין דערזען אַנדערש זיין לעבן. עפּעס אַ יאָך איז שוין געלעגן אף זיין רוקן. אָבער קומענדיק אף זיין קוואַרטיר, איז פון אים אַראָפּ די אומרואיקייט. דער אַלטער איז אים געגאַנגען אַנט־קעגן מיט זיין גוטן פּנים. ס׳איז גאָרניט געווען קאַנטיק אַז דער אַלטער זאָל ניט האָבן צו פאַרזוכן קיין פּיצל ברויט. דזשימען האָט ער באַלד צוגע־טראָגן טיי, האָט אים געפרעגט צי ער האָט עפּעס געהערט נייעס פון די אַרבעטער, צי האָט מען זיי היינט ווידער שטאַרק געשלאָגן פאַר זייער׳ע צו הויכע רעדעס. רודי האָט עס אויסגעהערט, און ס׳איז אים געווען גוט, צו אַנקוקן דעם אַלטינקן נאָך יעדן זופּ טיי.

ווי נעבכטן, און ווי אַלע אוונטן, זינגט דער הייליקער מיט די ביכער וואָס האָט זיך דאָ געדונגען נאַכטלעגער, איז ער דאָס מאָל אויך אָנגעקומען מיט אַ פולן קוישל עסנוואַרג. דאָס צימער איז באַלד פול געוואָרן מיט אַלע טעמ׳ען. דער אַלטער איז דאָס מאָל שוין ניט צוגעגאַנגען צום טיש. דזשים האָט געקוקט אין זיין פּרעכטן מויל, ווי אַזוי דער מענטש זעטיקט זיך מיט אַלדאָס גוטס. ער האָט געטראַכט מיט פּאַרדרוס, ווי אַזוי אַ מענטש דערלויבט זיך עס צו פירן אַזאַ וואוילטאָגדיק לעבן. דזשים האָט מורא געהאַט אַז ער זאָל נאָר ניט אויפעסן אַינגאַנצן, און מען זאָל זיך וואָס גיכער לייגן שלאָפן.

באַם אַלטן האָט געבושעוועט אַזוי דער הונגער, אַז אין זיין גאַנצן גוף האָט גענאָגט ווי אַ גרויסער וואָרים. ער האָט קוים דערלעבט צו זען ווי דאָס ביסל מעל איז צעגאַנגען געוואָרן און גרוי געוואָרן אין זודיקן וואַסער. ער האָט זיך געבריט און געזופּט ביז וואַנען ס׳איז אים שוין ניט גוט געוואָרן.

רודי פרעגט דזשימען:

— וואָס רעכנסטו צו טון היינטיקע נאַכט?

— דאָס זעלבע וואָס יענע נאַכט.

אַזוי איז מיט אַן אמת געווען.

דזשים האָט שוין פון קיין שלאָף ניט געוואוסט. עס האָט אים געפּייניקט וואָס יענער ליגט דאָרטן, זאָגט ברכות און דערלעבט ניט איינצושלאָפן. ס׳האָט דזשימען געהויבן פון בעט: ער האָט זיך געזעצט און געלייגט אַזוי פיל מאָל. ווי ער האָט נאָר דערהערט אַז דאָרטן איז שטיל געוואָרן, אַזוי איז ער אַראָפּגעקראָכן פון בעט. ער האָט געוואָלט רופן רודין, אָבער רודי איז שוין אַליין געשטאַנען אויף די פיס און איז געגאַנגען מיט אים.

ניט דזשים און ניט רודי האָט שוין איצט געקוקט צו יענער שלאָפט צי ניט. זיי האָבן גלייך אַרויסגעשלעפּט דאָס קוישל שטילערהייד און גענומען לייגן אין מויל וואָס זיי האָבן נאָר אָנגעטאַפּט. צום ערשטן האָבן זיי געדעדט גאַנץ שטיל, דערנאָך האָבן זיי שוין גענומען ריידן אפילו הע-

בער. רודי האָט אַלץ געוואָלט אַריינברענגען דעם אַלטן. דזשים האָט אים ניט געלאָזט. ער האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן און אים געגאַנגען ברענגען פון בעט.

מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט זיך דער אַלטינקער געשלעפּט נאָך אים. רודי האָט אים דאָרט אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און אַריינגעלייגט אַ אַ גאַנץ בולקעלע אים אין מויל. פּלוצים האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט דער אַלטינקער. אָבער אַזוי אויפן קול, אַז ביידע האָבן אים שוין אַנגענומען און זיך גענומען שלעפּן אין צווייטן צימער, ווי זיי דערזעען פּלוצים, יענעם, זיך אַראָפּשטעלנדיק פון בעט.

דער אַלטינקער האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. דזשים איז געווען גרייט אין דעם מאָמענט זיך צו וואַרפן אויף אים, נאָר רודין, איז געווען אַזוי גרינג און גוט אויפן האַרצן, ווי ער וואָלט זיך גע־שפּילט אין אַ גוטן חלום. אָבער ער איז געווען פולשטענדיק באַם געדאַנק און ער רופט זיך אָפּ צו יענעם שטיל אַזוי ווי ער וואָלט עס גערעדט צו דזשימען:

— אונז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמיצער איז אַריין צו אייך, זיינען מיר אַריין אייך פאַרהיטן.

ביי יענעם פון שרעק, ציטערן די ציינער אין מויל און ער ענטפערט, האַלטנדיק דעם לייַלעך אויפן רוקן:

— איר דאַרפט ניט אַוועקגיין. אַז גאָט האָט אייך געשיקט צו מיר, מסתם דאַרפט איר דאָ זיין. אַזעלכע צופאַלן טרעפן מיר נאָך צום ערשטן מאָל אין לעבן. ניט איך שרעק זיך, ניט איר דאַרפט זיך שרעקן. איך וועל אייך ניט שטראָפן אויב גאָט וועט מיך ניט הייסן.

דער אַלטינקער איז שוין געלעגן ווי אַ קנויל אויף זיין בעט מיט אַנ־געשפּיצטע אויערן ווי אַ האָז. ער האָט דערוואַרט אַז יעדע רגע זאָל אַרויס־קומען עפּעס שרעקלעכעס.

רודי זאָגט אים:

— לייגט זיך נאָך שלאָפן, הער. דאָס איז געווען בלויז אַ חלום פון אונזער זייט. ס'וועט אייך קיין שלעכטס ניט געשען.

— איך בעט אייך טאַקע — ענטפֿערט ער — טוט מיר נאָר ניט קיין שלעכטס.

ער האָט זיך אוועקגעלייגט און פֿאַרבאָרגן דאָס פּנים אין לײַלעך.

דזשים האָט נאָך רעכט ניט געהאַט אָפּגעגעסן. ער האָט זיך אָבער געשראָקן צו פֿאָרזעצן דעם מאָלצייט אין דער צעטומלטער אויפֿגעוועקטער נאַכט. ס'איז אים געווען אומפֿאַרשטענדלעך יענעמס רייד און מיין, און ער האָט מיט גוואַלד אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרטן רודין.

קיין איינער פֿון זיי האָט שוין דערשלאָפֿן די נאַכט. ביז פֿאַרטאָג האָבן געלויערט בייזע געשטאַלטן איבער די בעטן. בלויז רודי האָט באַנומען זיין ווירקלעכן לעבן. זיין לעבן איז פֿאַר אים געשטאַנען אָן אַלע פֿאַנטאַזיעס. דער באַגינען האָט אים געוויזן דאָס צימער וואו ער איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן. ער איז געלעגן רואיק, אָבער זיין האַרץ האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע אויגן. ס'איז געווען אַ שטילער, אַ שטומער ווידוי פֿון זיינע דערהאַרגעטע יאָרן אין די פֿרומע ערלעכע שעהן פֿון באַגינען אויף אַ פֿרעמדן געלעגער. אויף הונדערטער בעטן איז שוין זיין לעבן געלעגן, נאָר אַזוי פֿרעמד באַנעמען, באַטראַכטן דאָס בעט, איז אין זיין לעבן נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען. אַנטקעגן אים איז געלעגן דזשים מיט צוגעמאַכטע אויגן. אים, האָט ער נאָך אויך קיינמאָל ניט באַטראַכט ווי איצט. אַ, דער פֿרעמדער מענטש, וואָס האָט אים פֿאַראויסגעזאָגט אַ שוואַרצן מאָרגן. רודי האָט אַ ציטער געטון אויפֿן בעט. אָן זיין ווילן האָט זיך אַ וואָרף געטון זיין גאַנצער גוף. דאָס איז געווען דאָס געוויין וואָס האָט ניט געפֿונען דעם וועג דורך זיינע אויגן, דורך זיין מויל, האָט דאָס געוויין פֿאַר צאָרן אים אַ וואָרף געטון אויפֿן בעט. ער האָט שוין מער ניט געקענט ליגן. ער וואָלט שוין ניט געקענט אַפֿילו ווען ער זאָל עס וועלן מיט גוואַלד. וואָלט ניט געווען אפֿשר קיינער אין שטוב, וואָלט ער אויפֿגעעפֿנט דאָס מויל און געלאָזט זיין האַרץ אַרויסשרייען זיין ווילדן פֿאַרלאַנג. יאָ, איין געשריי וואָלט געקומען אַ מעכטיקער און נאָכדעם וואָלט ער אפֿשר צוריק רואיק געוואָרן. נאָר אָט ליגט דזשים און קוקט אויף אים מיט צוגעמאַכטע אויגן און דערלאָזט אים ניט קומען צום געשריי. ער האָט געוואָלט אויפֿוועקן

דזשימען, כאָטש דזשים איז גאָרניט געשלאָפן. ער האָט געוואָלט בלויז זאָגן: דזשים! — האָט ער ניט געקענט. ער האָט מורא געהאט פאר זיין אייגענעם מויל. ער האָט מורא געהאט אז ער וועט נאָר עפענען דאָס מויל וועט שוין זיין הארץ מיט דעם שטילן וואָרט ניט אפקומען. ער איז אראָפּ־געקראָכן פון בעט. דזשימס צוגעמאכטע אויגן זאָלן אים האָבן געזען, ווייל אין דעם מאָמענט האָבן זיי זיך אויפגעעפנט.

— שלאָפסטו ניט? — פרעגט ער רודין.

רודי קען ניט ענטפערן. ער דרייט נאָר מיטן קאָפּ.

— וואָס איז דיר — פרעגט דזשים און גייט צו צו אים.

— עך, דזשים, — זאָגט רודי און פארהאקט דאָס מויל.

— דו פּלאָגסט זיך דאָך אליין.

— אליין.

רודי טוט עטלעכע שלינג וואסער און קילט אָפּ דעם צאָרן אין זיך. אבער ווי גיך ער האָט גענומען ריידן, אזוי גיך איז ווידער פול געוואָרן זיין הארץ מיט שטורעם.

— עך, דזשים, בין איך דען דער שולדיקער אין מיין גורל. איך ווער דאָך געטריבן, ניט איך גיי אליין.

— אָפּ אזא אופן, איז אומזיסט דיין לעבן. כ׳האָב דיך דאָס שוין גע־זאָגט: וועסט פון אזא לעבן ניט האָבן קיין הנאה.

— איך קען דאָך אבער ניט לעבן אזוי ווי דו לעבסט, דזשים.

— דו ווילסט ניט.

— איך ווייס בלויז אז איך קען ניט.

דזשים לאַכט, ער פארשטייט אים ווידער ניט. דזשים ווייסט גאָרניט אז ער האָט אַ הארץ. ער ווייסט נאָר, אז ער איז שטענדיק הונגעריק. ער האָט קיינמאָל ניט קיין יסורים פון זיך. אין דער צייט ווען רודי איז ביז איצט געלעגן און זיך געראנגלט מיט די כוחות פון זיין איבערגעקומענעם לעבן. נישט קיין זינלאָזער קאמף איז דאָס געווען פון זיין זייט, — אין דער צייט, האָט דזשים די גאנצע צייט געהאט פאר זיך איין פארלאנג; דער פרומער מענטש זאָל נאָך אזוי גיך ניט אוועקפאָרן. דערפון, וועלן ווידער

קומען געכט און ווייצענע פוטער־שמעקעדיקע בולקעלעך מיט וואורשט.

— פאר וואס טוסטו זיך אָן אַזוי פרי — פרעגט דזשים.

— איך פאַר אַוועק פון דאַנען — זאָגט רודי.

ווי גיך רודי איז פארביטן געוואָרן פאר דזשימען אין די אויגן. דזשים האָט אין דעם מאָמענט געקענט בלויז באוואונדערן א מענטשן וואָס איז אַזוי ניט ענלעך גאָר צו אים. נאָר וואָס איז פאַר אים געשטאַנען א מענטש א דערשלאָגענער און געוואָלט זיך פאנאנדערוויינען ווי א קליין קינד און פּלוצים, איז זיין פנים אזוי האַרט געוואָרן ווי פון שטיין. ווי גיך ער ציט אָן זיך אַרויף די זאַכן. ווי פארביסן איז זיין אויסדרוק איצט. דזשים האָט זיך אויך גענומען אנטון. ער האָט אים געוואָלט מיט עפּעס העלפן. קעגן רודין האָט ער זיך איצט געפילט אזוי קליין.

— כ'וועל מאַכן טיי, — זאָגט דזשים, — מער וועסטו דאָך שוין ניט קומען צו אונז. כ'וועל אויך מסתמא ניט וויסן וואו דו וועסט זיין, וואָס מיט דיר וועט פארקומען נאָך.

— אָ, ליבער דזשים, דו ליבער מענטש. אָ, ווען דו קענסט מיר זאָגן וואָס וועט מיט מיר נאָך פאַרקומען.

— אַז דו שטעלסט זיך פאַר בלויז שרעקלעכע זאַכן, קומען זיי.

— ליבער דזשים. אָן צרות קען איך ניט לעבן. דו פארשטייסט דאָס ניט, אבער איך וויים ניט אנדערש ווי אזוי דיר צו זאָגן.

— איך זע אז דו האסט צו טון מיט זיך אַליין. קיינער טשעפּעט דיך ניט זע איך.

— דזשים, דעם אומגליק, בשעת מען לעבט אים איבער, איז ער ניט קיין אומגליק. ערשט שפּעטער, אין יארן ארום, דעמאָלט קריגט דער אומגליק זיין ווערט. אָט פאָר איך ווידער אוועק און עס ווערט מיר ניט גרינגער נאָר שווערער. דיר וועט זיין ניט גוט און ניט שלעכט, א שאָד נאָר וואָס דו האסט ניט וואָס צו עסן. אבער מיר וועט זיין זיכער שלעכט, ווייל איך וועל ניט קענען לעבן אנדערש. און שלעכטס וועט מיר מסתמא ניט אנקומען שווער צו געפינען. אבער דזשים, פארוואָס קלאָג איך אזוי פאר דיר? פארוואס, זאָג מיר, ווילט זיך אַזוי וויינען?

— ווייַן ניט — זאָגט דזשים און וויינט אליין. — וואָס פאר א לעבן איז עס מיינס? איך וויל דאך נאָר עסן, ווייטער גאָרניט, און דאס זעסטו דאָך איז פאר מיר ניטאָ. אזא לעבן איז דאך גאָר שלעכט. דו ווייסט כאָטש וואָס צו טון. איך וואָלט דאָך אויך געוואָלט וויסן, ווען וועט קומען אזא טאָג ווען איך וועל ארומגיין א זאטער. ס'איז גוט מיינסטו צו ליגן און הערן ווי אזוי א טאטע וויינט פון הונגער. דאָס דאַרף דיר דאָך זיין גרינג צו פארענטפערן. מיר וואָלט ניט געארט ווען איך שטאַרב, אבער דאס דאַרף מען דאָך קענען. איך וואָלט געגאנגען פאר עמיצן שטאַרבן ווען מען גיט מיך פריער עטלעכע וואָכן עסן צו זאט. איך טראכט דאָס שוין פון לאנג. אָט קומט א פרישער טאָג. שטיי און וואַש לייַלעכער און טרינק נאָר טיי.

רודי איז שוין געוואוינט צו שיידן זיך מיט פריינט. הערן גוטע ווער־טער און זאָגן א דאנק. און ווי נאָר ער פלעגט זיך פון זיי דערווייטערן, אזוי האָט ער געשמייכלט פון זיך און פון זיי. נאָר אָט דער פינצטערער הונגעריקער דזשים, האָט זיך אים אזוי אריינגעשטאָכן אין האַרצן, אַז ער ווייסט ניט ווי אזוי ער זאָל פון אים אוועקגיין. ער וואָלט געוואָלט, אַז דזשים זאָל א ווײַלע אוועקגיין פון שטוב, וועט ער אַ נעם טון זיינע טשע־מאדאנעס און פארשווינדן. נאָר אָט זיצט דזשים, טרינקט די טיי און קוקט אַף אים און מיט דעם אליין, נאָגט ער פון אים די נשמה.

— פאָרסטו טאַקע אוועק? — פרעגט דזשים.

רודי פילט, אז דעם יונג טוען שטאַרק ווי די ווערטער.

— וואָס דען זאָל איך טון, דזשים, טייערער. איז דען בא דיר פאראן אַן אָרט פאר מיר?

דזשים שווייגט און רודי טראכט, אז מיט דזשימען וואָלט ער שוין אַלץ איינס ניט געקאָנט צוזאַמען בלייבן, ווייל, עס איז שוין געקומען צום אויסדרוק די לעצטע ווערטער פון זייער צוטרוי און פריינדשאַפט. און איצט מוזן זיי זיך צעשיידן. און איינער דעם אנדערן טוט וויי שטאַרק. אומ־דערטרעגלעך קוקט אים אָן דזשים. און בא רודין יעדער שלונג טיי, פאלט

אראָפּ אין הארצן ווי א שטיין. ער קען ניט איבערטראַגן יענעמס בליקן אַף זיך. ער וויל שוין אוועקגיין און קען ניט.

— יאָ, איך דאַרף שוין גיין. דו האָסט געדולד, דזשים, וועסטו זיך אפשר דערוואַרטן אַף גוטס. איך וועל נאָך ווידער אמאָל זיין בא דיר. אפשר וועט זיין בעסער, אפשר וועט זיין ערגער. דערווייל פאַר איך אוועק און פאַרגעס.

רודי שטעלט זיך אויף און דזשים נאָך אים. האַלב לאַכנדיק און האַלב פאַרטרויערט זאָגט ער:

— איך וועל זיך מסתמא ניט קאָנען פאַרגעסן. וואָלט איך דיר ניט האָבן געזען, וואָלט מיך ניט געאַרט. אַזוי, פאַרבלייבט מיר עפּעס אין הארצן.

רודי איז שוין געשטאַנען בא דער טיר און דזשים באם טיש אנגע־שפּאַרט אין איינער צום צווייטן האָט געשמייכלט און געשוויגן. דזשימען איז געווען גוט, וואָס רודי האָט זיך געשטעלט פון אים ווייט. זיי האָבן זיך אַזוי ביידע אנגעקוקט און מאָדנע געשמייכלט. אין ביידן האָט גע־שריגן דאָס האַרץ. ס'איז זיכער, ווען זיי נעמען זיך אַרום אין דעם מאָמענט, וואָלט געווען אַ פיינלעך בילד. נאָר האָט אָט רודי אויסגעצויגן זיין האַנט און דזשים פון דערווייטן זיין האַנט. דזשים האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און רודי האָט מיט פאַרקריצטע ציין אַ שפּאַר געטון די טיר און אוועק.

דריטער קאַפּיטל

צוויי מענטשן בענקען נאָך רודין: די פרוי מיטן שיינעם פּנים און מיטן פאַרסאַמטן האַרץ פון קאַקאַין, און דזשים וואָס וויל פאַר עמיצן אוועקגיין פון דער וועלט, נאָר מען זאָל אים פריער געבן עטלעכע וואָכן עסן צו זאַט. נאָך וועמען בענקט רודי? נאָך קיינעם בענקט ניט רודי! אויסגעריסן איז געוואָרן מיטן וואָרצל דאָס געפיל פון בענקשאַפט. דעם איינציקן וועמען ער האָט איצט ליב איז דאַס דזשימען. ער וואָלט אים געוואָלט האָבן לעבן זיך, אָבער אינעווייניק זאָל דאַס געבן א קלעם ווי א שטייגער, דעמאָלט, ווען זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף זיין ביקס און אויפן ביקס, האָט זיך אוועקגעשטעלט דאָס שטיבעלע. דאָס שטיבעלע מיט דער ליבער משפחה. איצט, ווען ער וואָלט זיך איצט קענען אָפּגעבן חשבון וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע וואָכן, וואָלט ער אויסגעשפּיגן דריי מאָל און וואָלט געזאָגט אז ער איז באַם גוטן זינען ניט געווען.

ער וואָלט שוין וועלן איינשטייגן אין שיף און וואו דער קאַפּיטאַן וועט וועלן, זאָל ער פירן. דערווייל איז נאָך די שיף מיטן קאַפּיטאַן נישטאָ אויפן אָרט. דער קאַפּיטאַן קוקט שוין זיכער אויס דעם דאָזיקן ברעג, וועלכן רודי וואָלט שוין אזוי וועלן פאַרלירן פון אויג.

די טעג ווען רודי איז געוועזן אליין, איז ער אלץ ווייטער געוואָרן פון זיך און פון דער ווירקלעכקייט. ניט ער האָט געוואָלט לעבן און ניט ער האָט געוואָלט שטאַרבן. א ווילדער שלאָף איז אים באַפאַלן ניט אין די נעכט נאָר אין די טעג. די נעכט פלעגן אויסמאַטערן זיין שלאָפלאָזן גוף

אַפן געמיינעם געלעגער, נאָר אין די טעג, פלעגט אים אומרחמנותדיק פייניקן דער שלאָף. אבער ווי נאָר ער פלעגט זיך לייגן, נאָך ניט אונטערשלאָפן קיין צען מינוט, פלעגט אים שוין דער שלאָף פאַרלאָזן. אזוי האָט ער געהאט צו טון מיטן שלאָף אַ צוויי וואָכן צייט. פון דעם איז ער געוואָרן טעמפּ אַף די חושים. דאָס דענקען איז געוואָרן ניט נאָרמאַל, און ער האָט זיך ארומגעשלעפּט איבער די גאסן אָן ווילן צו עסן און טרינקען און אָן אַ זינען צו אלץ.

ניט דזשים און ניט די פרוי מיט איר קאקאין וואלטן אים איצט דערקאנט. דזשים, ווען ער דערזעט אים איצט, וואָלט ער זיך מיט אים אליין דערפרייט, אבער די פרוי, ווער ווייסט צי עס וואָלט איר ניט גוט געוואָרן פאר יענער צייט ווען זי האָט זיך פון אים באלעקט. א חוץ וואס ער האָט זיך שוין ניט לאנג געראזירט און טראָגט אַ בערדל, א חוץ דעם איז ער שמוציק. שמוציק דער גוף און שמוציק די קליידער. דאס פנים איז אים פארקרימט און אפּגעצערט ווי ער וואָלט האָבן דורכגעמאַכט א שווערע קראנקהייט. געווירקט צום שלעכטן האָט אף אים אויך די צייט, דער וועטער. קיין סימן פון דער זון. טאָג נאָך טאָג פארוואלקנטער. נאָס די לופט. דער ים פארנעפלט. וואו ער האָט זיך געוועגדט, איז ניט געוועז עפּעס אזוינס וואָס זאָל אים צעשטרייען.

אבער ווי עס ווייזט זיך, גייט שוין צו בעסער.

גרופּעס עמיגראנטן קומען אָן פון פארשידענע לענדער צו פאָרן מיט דער זעלבער שיף וואס רודי. פארשידענע מענטשן, פארשידענע געשרייען פילן אָן די לופט און ווירקן צו גוטן און ווירקן צו שלעכטן אפן געמיט.

אט איז פרימאָרגן. דער הימל איז מיט וואלקן און מיט זון. די עמיגראַנטן לאָזן זיך ארויס פון די גרויסע אומהיימלעכע הייזער וואו יעדער עמיגראַנט, לעשט אף די גרויסע בענקשאַפט מיט זיפץ און מיט טרער. וואו יעדער פארוואגלטער קוקט ארום די ווענט און פרעגט זיך, צי אזוי וועט אויך אויסזען די היים אין דער ווילדער פרעמד?

אָט איז פרימאָרגן. אַלע עמיגראַנטן האָבן נאָכן איבערקומען די ערשטע נאַכט אַף די פרעמדע בעטן, זיך ארויסגעלאָזן אַף דער פריי. אַפן הויף.

קולות, געשרייען פון אַלערליי לשונות שלאָגן זיך אָן און פאַרשטייען זיך ניט. עס זיינען דאָ מענטשן וואָס ווירקן צום גוטן און מענטשן וואָס ווירקן שלעכט.

אָט קוקט רודי אנגעשפּאַרט באַ א בוימל וואָס שטייט לעבן א קאַנאווע, ווי איינער אַן אלטיטשקער שטייט אָפּגעזונדערט פון אלע מיטן פּנים צום ים, און קוקט איבערגעבויגן צו דער ווייט. נאָר אָט הויבט ער אויף זיין שטעקן, און צייכנט עפּעס אין דער לופטן. לאזט אַראָפּ דעם שטעקן און מאַכט צייכנס ווידער אין דער לופט מיט אים. — וואָס זעט דאָרט אַפן ווייטן ים דער אַלטינקער?.. רודי קוקט אַף אים און שמייכלט. ס׳ווערט אים עפּעס גוט פון אלטיטשקן מיט זיין שטעקן. ער קריגט ליב דעם שטעקן פונקט ווי דעם אלטינקן אליין, ווייל דער שטעקן ווייזט אים עפּעס אָן... און אָט אָן א זייט שטייט א בחור מיט פּלייצעס און לאַכט צו א צווייטן מיט אַזאַ פּיסק! — דאָס האָט שטאַרק דערצאָרנט רודין און אים פאַרטריבן פון אָרט.

אפשר די שיינקייט פונם פרימאָרגן האָט געווירקט אז די פרייל‏עכקייט זאָל איבערוועגן די פאַרזאָרגקייט, און אלע זאָלן זיך לאָזן גיין שפּאַצירן. יוגנט באַזונדער און אלטע באַזונדער. אבער אלע האָבן פאַרלאָזן דעם גרויסן הויף און אוועק ווער צום ים און ווער צו די קראַמען עפּעס איינקויפן, עפּעס אנקוקן.

רודי איז אויך מיטגעגאַנגען. ס׳האָט אים קיינער ניט גערופן. ס׳האָט פון אלע מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ אויפגעזאַמלט, קיינער ניט געוואוסט זיין נאָמען, זיין לאַנד. וואָלט ער ניט געהאַט אַף זיך די לעצטע פּאָר שלעכטע וואָכן, וואָלט ער שוין זיך דאָ געשאַפן א חבר. אַזוי מוז ער גיין אַליין. ער גייט נאָך אַ חברה יונגוואַרג: אינגלעך מיט מיידלעך. פריילעכע מיט אומנאַטירלעכער פריילעכקייט. אפשר בכוון מאַכן זיי זיך אזוי פריילעך כדי דער עלנט זאָל ניט צענעמען די פליגל און הערשן. זיי גייען צו די קראַמען און קוקן אין די שויפענצטער. דאָס איז זייער ארבעט. רודין איז דאָס ניט געפעלן, אבער ער גייט מיט, ווייל לעבן זיי, איז זייער פריילעך און קיינער פון זיי שטערט אים ניט. גייט איינער אריין עפּעס קויפן, ווערט

אַ געלעכטער פון די איבעריקע וואָס וואַרטן פאַר דער טיר: זיי פאַרשטייען ניט וואָס דער קרעמער רעדט און ווייסן ניט וויפיל ער וויל.

אַריינגעגאַנגען איז אַ מיידל אין קראָם און וויל קויפן אַ געבלומטע טיכל אַ זיידנס אַפן קאָפּ, ווייזט זי דעם קרעמער מיט צייכנס ער זאָל אנשרייבן וויפיל ער וויל.

אין דעם זעלבן מאָמענט גייט אַריין רודי אין קראָם און שטעלנדיק זיך צווישן דעם מיידל און קרעמער הויבט ער זיי אָן צו פאַרשטענדיקן ביידן. ביידע זיינען צופרידן: דאָס מיידל און דער קרעמער. דאָס מיידל קויפט זיך דאָס טיכל און רודי ווערט אַ מיטגליד באַלד אין זייער באַנדע.

מען לאָזט אים שוין ניט אָפּ. יעדער נעמט אים שוין אונטערן אָרים און פירט אים ער זאָל אים עפּעס איינהאַנדלען. רודין איז מיט אַמאָל עפּעס געוואָרן אַזוי גוט. ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן וואו ער איז. ער וויל גיין מיט אַלעמען. ער וויל פאַר אַלעמען דינגען. ער וויל פאַר אַלעמען קויפן אָבער די ערשטע לעבן אים, גייט דאָס מיידל פאַר וועמען ער האָט גע־קויפט דאָס זיידן טיכל.

זייער ליאַרם און זייער געלעכטער שטילט זיך ניט איין אַף אַ מינוט. און קיינער קוקט זיך ניט אַרום אַף זיי. דאָס איז שוין מסתּמא ניט קיין נייעס פאַר די גאַסן, פאַר די מענטשן.

גייענדיק צוריק עסן מיטיק, איז רודי געגאַנגען מיט דעם מיידל אינ־איינעם. ער איז איר זייער נאָענט געוואָרן פאַר די פּאָר שעה צייט. זיין פּנים איז שוין ניט געווען פאַרקרימט. און דאָס בערדל וואָלט אים אפשר געמאַכט מיאוס יענעם, וועלכער האָט אים געזען אָנם בערדל. אָבער דאָס מיידל האָט דאָך אים אַנדערש ניט געזען, איז עס איר געווען ניט אָפּ־שטויסנדיק.

פאַר זיך האָט רודי איינגעקויפט ציגאַרן. ער וואָלט זיך נאָך עפּעס געקויפט האָט ער קיין איבעריק געלט ניט. די אינגלעך האָבן זיך איינגע־האַנדלט בינאָקלעך מיט וועלכע זיי וועלן קאָנען אויסקוקן זייער מזל פון דער שיף. זיי גייען שוין אַפן וועג און קוקן. מען קוקט און מען פּלאַנטערט זיך גייענדיק איינער הינטערן אַנדערן. רודי מיטן מיידל גייען הינטער

אַלעמען און ריידן צווישן זיך. רודי רעדט ווייניק. רודי האָט ליב פון שטענדיקע יאָרן צו רעדן ווייניק. ער האָט ליב אויסצוהערן יענעם. און ווען ער דערציילט שוין יאָ עמיצן זיין לעבן ווען אַ פרעמדער פאַרלאַנגט עס, דערציילט ער עס אויך ניט ריכטיק. יעדעס מאָל דערציילט ער אַנדערש. דאָס אמתדיקע דערציילט ער קיינעם ניט.

דאָס מיידל מוז פון איר לעבן אויסדערציילן ריכטיק.

ווי זי דערציילט, זיינען ניט אַלע וואָס זיינען געגאַנגען מיט איר חברים אָדער פון איין שטאָט. צוויי בלויז זיינען מיט איר מיטגעפאָרן פון איר שטאָט, מיט די איבעריקע, האָט זי זיך באַקאַנט אין די באַנען אָפן וועג — זי געדענקט שוין אַליין ניט וואו... און זי אַליין — זי פאָרט צו אַ חתן.

אַלע פאַרזאַמלען זיך אין אַ גרויסער שטוב ביי לאַנגע טישן און מען דערלאַנגט מיטיק. אייניקע פענצטער קוקן צום ים. אייניקע פענצטער קוקן אויף דער ערד. פענצטער זיינען דאָ פיל און אויגן זיינען דאָ נאָך מערער און יעדער וויל עפּעס זען. דער ים איז נאָך דערווייל פול מיט סודות און שרעקט. מען עסט און מען קוקט אין די פענצטער. דאָ טומלט מען ניט. און דאָס וואָס איינער זאָגט עפּעס דעם צווייטן, זאָגט ער עס אויך שטיל. אין די גאַסן פאַרגעסט מען, אָבער דאָ, באַם אַנבליק פון פרעמדע אויגן און געזיכטער און באַם אַנבליק פון ים, דערפילט מען ווי מען געזעגנט זיך מיט ברעג, לאָזן אַלע אַראָפּ די לעפלען און גאָפּן.

נאָך מיטיק, האָט רודי אַרויסגענומען פון זיין טשעמאָדאַן זיין געצייג מיט וועלכן ער ראַזירט זיך, און פון זיך אַראָפּגעצויגן דאָס בערדל. ניט נאָר מיט זיין פּנים איז ער ניט געוואָרן דער זעלבער פון נעכטן נאָר אויך אי־נערלעך איז ער ניט געוואָרן דער זעלבער. ער האָט זיך דערזען אָפּגע־ראַזירט, האָט ער גענומען צוזינגען אַ לידל וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין קריג, פּונקט ווי פון הימל די כמארעס אַזוי איז פון זיין געמיט פאַר־שוואונדן דער פאַרשאַלטענער עלנט וואָס האָט אים גענומען פאַרדאַרבן. ער האָט זיך ניט געפּוילט און האָט איבערגעביטן די קליידער. די קליידער וואָס

ער האָט אויסגעטון, האָט ער אויפגעבונדן אין אַ פּעקעלע, און האָט באַ־שלאָסן זיי אין פאַרנאַכט צו אויסוואַשן באַם ברעג ים. ס'איז אים עפּעס געוואָרן פרייער. גאָר אַנדערש האָבן זיינע לונגען גענומען אָטעמען. ער איז פאַר זיך אַליין, אין זיינע אויגן ווי העכער געוואָרן. ער האָט גענומען פאַר־שטיין קודם־כל אַז ער איז דאָ אַ מענטש צווישן מענטשן. אַז ער איז נישט דער אומגליקלעכסטער דאָ. און מיט דעם דאָזיקן געדאַנק איז אים שוין גע־ווען בעסער אַרויסצוגיין שפּאַצירן. ער האָט גלייכער דעם קאָפּ געהאַלטן און נאָכגיין נאָך עמיצן ווי פאַר מיטיק, האָט ער שוין נישט באַדאַרפט. כאָטש פאַר מיטיק, האָט אַף אים אויך קיינער נישט געקוקט מיט פאַראַכטונג. ערשטנס דערפאַר, וואָס צווישן די עמיגראַנטן פעלן נישט קיין אַרומגעריסענע שמוציקע מענטשן, צווייטנס, האָט זיך דאָ יעדער, מער ווי אומעטום, זיין פּעקל צרות איינגעוויקלט אין פרייד. אָדער פרייד איינגעוויקלט אין צרות. דאָ, מער ווי אומעטום, האָט יעדער אַף וואָס צו קוקן און פון וואָס צו טראַכטן.

אַז דאָס מיידל פון דעם זיידן טיכל האָט אים דערזען, האָט זי פאַר איבעראַשונג צענומען די הענט ווי אַ האָן די פליגלען אַף אויסצוקרייען. זי האָט זיך עפּעס געשעמט צו ריידן. זי האָט עפּעס געוואָלט רעדן אַנדערש מיט דעם איצטיקן רודין ווי זי האָט גערעדט מיט יענעם רודין אין דערפרי. פאַר איר איז ער אויך העכער געוואָרן. דער איינציקער העלד, וועלכער האָט זיך להלוטין געביטן אין דעם דאָזיקן טאָג, איז טאַקע געווען רודי. אויב קיינער האָט זיך אַף אים איצט אויך נישט שטאַרק אומגעקוקט, איז עס דער־פאַר, וואָס פריער האָט אים קיינער נישט באַמערקט. דאָ האָבן נישט געפעלט קיין שענערע אויסגעפּוצטע יונגען, און יונגען העלדישערע פון אים. נישט קוקנדיק אַף דעם, האָט ער זיך פון זיי אַלעמען אויסגעטיילט טאַקע שטייענ־דיק צווישן זיי. אָבער אַזוי ווי קיינער האָט וועגן אים נישט געוואוסט פריער, דעריבער, אים קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אים איצט אויך נישט גע־שענקט, איז עס אָבער געווען, ווי געזאָגט, אַ סיורפּריז פאַרן מיידל. וועגן די נאַרישקייטן וואָס זי האָט מיט אים גערעדט אין דער פרי, האָט זי זיך שוין געשעמט איצט מיט אים צו רעדן. ער האָט געזען איר פאַרלאָרנקייט

און האָט הנאה געהאט דערפון. כאטש דאָס מיידל איז אים ליב געוואָרן, ווייל דאס מיידל איז די איינציקע, די ערשטע, וואָס האָט זיך אף אים אומגעקוקט — כאטש דאס איז געקומען דורך א צופאל — אים מיט זיין אפגעלאזנקייט, מיט זיין שמוציקייט צו זיך דערנענטערט, פונדעסטוועגן האָט ער הנאה געהאט שטייענדיק און אנקוקן איר פארלארנקייט, וואָס דורך אים ווערט זי אין אירע אויגן קלענער. דאס איז אים געווען נויטיק פאַר זיך. כדי רודי פון אינעווייניק, זאָל נעמען קומען צו זיך, צום געדאנק. כדי דורך איר פארלארנקייט און קלענער ווערן, זאָל דער שטה ווערן ברייטער ארום אים. ניט אין זיין באוואוסטזיין איז דער געדאנק געווען, נאָר אין זיין הינטערבאוואוסטזיין. ווי ליבלעך ער איז צו איר צוגעגאנגען און איר נעמענדיק אונטערן ארים, זיך געלאזט גיין מיט איר שפּאַצירן. זי האָט זיך געפּרואווט אויסגלייכן צו זיין מיט אים גלייך, ווי פאר האלבן טאָג, האָט זי ניט געקענט. ער נידעריקער וואָלט אויך ניט געקענט ווערן...

זיי זיינען געגאנגען צום ים. אפן ים איז געלעגן די זון צעגאָסן און וואָלט וועין ניט דער ווינט, געבלענדט. נאָר דער ווינט האָט געטרייסלט די כוואליעס, האָבן די אויגן געקענט רואיק צוקוקן ווי דאס האריץ שעפּט פאַרגעניגן מיט פולע עמער.

נאָענט לעבן וואַסער זיינען זיי ביידע געשטאַנען, נאָענט איינער לעבן אנדערן און האבן געהאט פארגעניגן פון ים, פון דער זון און פון זיך אליין, וואָס זיי שטייען נאָענט איינער לעבן אנדערן...

דער באדן באם וואסער איז געווען געקארבט פונם וואסער אליין, וואָס האָט עס געמאכט, און איז געווען גענוג הארט צו קענען שטיין ניט פאַרבלאָטיקנדיק די שיך. פארשידענע שטיינדלעך זיינען געלעגן וואָס דער ים האָט געבראכט פון ערגעץ. פון ערגעץ, ים־שיסעלעך, מוטלפּערלנע, זיינען געלעגן האלב פעסט אין באדן און האָבן אויסגעוויזן, ווען מען האָט געטראכט וועגן זיי, ווי נעסטן פון פייגעלעך אין א קאָרן־פעלד. זיי האָבן געבלישטשעט מיט אלע שיינע פארבן. פיל מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען צעווארפן באם ברעג ים, האָבן זיי געקליבן. זיי ארויסגענומען פון דער

ערד, זיי אויסגעוואשן און זיך געשפילט מיט־זיי ווי קינדערלעך. רודי האָט אויך עטלעכע, גאנצע, שיינע אויסגעקליבן, און איבערגעגעבן דאָס מיידל אין אירע הענט. ביי יעדעס נייע שיסעלע וואס ער האָט איר געגעבן, האָט זי געלאכט אפן קול מיט אזא פרייד, אז ס'איז ניט געווען קיין גלייכן צו איר. איר פרייד האָט ניט ארויסגערופן דאס שיסעלע. דאס שיסעלע איז נאָר געווען א מאטיוו... דאס אמתע פרייד האָט אין איר ארויסגערופן רודי מיט זיין ערלעכן ערנסט. ער איז געשטאַנען איבערגעדעקט מיט פייער־לעכער רואיקייט אונטער דער גלאריע פון ווילדער וועלט. דעריבער, ווען ער פלעגט ארויסנעמען פון דער ערד א שיין שיסעלע און אריינלייגן עס אין אירע הענט, און אזוי ווי עס פלעגן פולער ווערן אירע הענט מיט שיסעלעך אזוי פלעגט פולער ווערן דאס פרייד אין איר הארצן.

וואָלט זיך רודי אומגעקוקט אף די מענטשן וואָס שטייען ניט ווייט פון אים, וואלט ער געזען ווי זיי קוקן אף אים מער ווי אפן ים. פון זייער קוקן אף אים, וואלט ער קיין פארגעניגן ניט געהאט ווייל זיי האָבן געקוקט אף אים עפּעס פארדעכטיק. ניט מיט קיין גוטע אויגן קוקן זיי אף אים. ער האָט אבער גארניט געזען מער ווי די ים־שיסעלעך, דעם ים און דאס מיידל. איז ער רואיק געווען. אין אלעמענס אויגן איז ער געווען שיין. ער האָט גע־טראגן א פּאָר מיליטערישע געפּרעסטע הויזן. א קורץ רעקל וואָס האָט שיין געמאכט זיין פיגור. זיין אפגעצערט פּנים און זיינע פארזארגטע אויגן, האבן פארזיכערט אז דער מענטש האלט פארשלאָסן זיין לעבן.

מיטן פארנאכט האָט דער ים גענומען פארכאפּן דעם ברעג. די מענטשן האבן זיך געמוזט אונטערגעבן און אפּטרעטן. פאר די, פאר וועלכע דער ים איז געלעגן איינגעהילט אין פייערדיקן גאלד — איז ניט געווען שיין, זיינען אוועק. אנדערע האָבן ערשט איצט דערזען די שיינקייט פון אויבערשטנס פארמעגן. זיי האבן זיך נאָך אפגעשטעלט. רודי מיטן מיידל זיינען נאָך אויך פארבליבן. ער האָט אבער ניט געקוקט אפן ים נאָר איז גע־שטאנען לעבן איר און איר געקוקט אין די אויגן. ס'האָט עמיצער ווידער אריינגעווארפן א שטיין אין זיין רואיקייט. שוין ווידער דריקן זיינע ציין די קללה וועלכע באגלייט אים וואו נאָר ער גייט.

— וואָס קוקט איר אזוי אױף מיר — פרעגט דאָס מיידל און עס טוט איר הנאה. עס טוט איר הנאה ווייל זי מיינט אז דאָס געווינט זי איצט, אין ליכט פון זונאונטערגאַנג, פיל חן אין זיינע אויגן.

זי איז טאַקע איצט פיל שענער אין דעם דאָזיקן ליכט ווי אין אַנדערש מאָל, אבער רודי זעט ניט מיט זיינע אויגן איר שיינקייט, ווייסט ניט אױף קלאָר ווער עס שטייט פאַר אים, כאָטש ער האַלט זי פאַר ביידע הענט. קוקט איר אין די אויגן און זאָגט צו איר:

— אזוי, דוכט מיר, האָט געזאָגט דזשים: אױף אזא אופן איז אומזיסט דיין לעבן. וועסט פון אזא לעבן ניט האָבן קיין הנאה.

דאָס מיידל האָט גענומען שמייכלען אַלס באַווייז אז זי האָט פאַר־שטאַנען. אין דער אמתן אבער, האָט זי אפילו ניט געהערט זיינע רייד. זי האָט גוט ניט געקענט הערן ווייל זי איז געווען פאַרנומען מיט אַלע חושים אים אַנצוקוקן. ער האָט טאַקע זייער מאָדנע אויסגעזען.

אין דעם מיידלס שמייכלען, האָט מען געזען אז זי האָט פרייד. איר אומקוקן זיך אַלע ווײַלע. זי האָט אים גערופן צו גיין צוריק. ער איז גע־גאַנגען שטיל, פאַרטראַכט. מיטן געדאַנק איז ער געווען ביי דזשימען אין שטוב.

געקומען זיינען זיי אױפן גרויסן הויף וואו ס'איז די סטאַנציע פאַר זייער און פאַר אַלעמענס פאַרוואַגלט לעבן. זיי האָבן זיך געדריקט די הענט. זי איז אַוועק צו אירע באַקאַנטע. ער, צו זיין פעקל שמוציקע מלבושים.

אוונט. די שלאָף־צימערן שטייען נאָך אין דער פינצטער נאָר איין גרוי־סער לאָקאַל, וואָס געהערט ניט צו דער שיפס־קאָמפּאַניע, נאָר א פּריוואַטע קאַפע־הויז, איז רעשיק באַלויכטן. א גרויסער גראַמאָפאָן שפּילט דאָרט. די טישלעך אַרומגעזעצט מיט די עמיגראַנטן. מען שפּילט אין קאָרטן, אין ביינדלעך און אין שאַך. דער טומל איז שרעקלעך אינעווייניק. אין דרויסן איז לער און וויסט. פון די גרויסע עמיגראַנטישע הייזער, ווײַנט עמיצער אָן א קול. דערצו נאָך, זעט מען אױפן הימל ניט קיין איין שטערן. קיינעם זעט מען ניט אױפן גרויסן הויף, נאָר באַם זייט, לעבן א גראָבן מיט וואַסער, שטייט רודי אױף א ברעט און וואַשט זיינע העמד און הויזן. ס'איז זייער

פינצטער. ער זעט גאָר ניט ווי צו וואַשן אָבער ער וואַשט. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי ער שטייט אין דער פינצטער און וואַשט. אָבער אומעטום וואו ער האָט געוואַשן, איז ער ניט געשטאַנען אַליין. אָבער דאָ איז ער אײנער אַליין. פון ווייטן, וואו דער ים, איז ליכטיקער, וואָס ווייטער אַלץ ליכטיקער, אָבער וואָס נענטער לעבן אים — פינצטערער.

ניט ווייט פון רודין שטייט עמיצער. מען זעט אַז דאָס איז אַ מענטש צוליב דעם גראָען קאַפּטל וואָס ער טראָגט אויף זיך, און צוליב דעם, וואָס עס באַוועגט זיך פאַר אים אַ שטעקן. דאָס איז טאַקע דער אַלטיטשקער וואָס רעדט זיך, מין הסתם, מיט עמיצן איבער, איצט, איבערן ים. רודי דרייט אויס די הויזן און בויגט זיך אויף צו קוקן אויפן אַלטן. דער אַלטער מיטן שטעקן מאַכט אויף רודין אַ זעלטענע ווירקונג. רודי האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט גאַרניט מיט דעם אויסן געוואָלט צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פונעם אַלטן. דער אַלטער אָבער, אַז ער האָט דערזען דאָס פייערל, האָט ער זיך מיטן שטעקן גענומען דערנענטערן.

דער אַלטער איז צו רודין צוגעקומען. ער גיט איינמאָל אויף אים אַ קוק און לאָזט אַראָפּ די אויגן. ער גיט נאָך אַמאָל אויף אים אַ קוק און נעמט אַוועק די אויגן. רודי קוקט אים אָן ליבלעך און טרייבט שטיפעריש אָפּ דעם רויך פון אַלטנס פּנים.

דער אַלטער שטעלט אַ טראָט נענטער און פרעגט:

— איר פאָרט אויך איבערן ים.

— אויך, זיידעשי.

דער אַלטער גיט אַ קלאַפּ מיטן שטעקן פאַרדראָסיק. דערפאַר, מסתמא, וואָס ער האָט ניט געשטעלט די ריכטיקע פראַגע אויף צו פאַרבינדן אַ שמועס.

רודי גיט דעם אַלטינקן אַ פּאַפּיראָס אָבער דער אַלטינקער וויל עס ניט. עס ליגט אים איצט דאָס ניט אין זינען. ער איז אין כעס. זיין לשון גיט דאָס אויס.

— מען דאַרף זען אַז מען זאָל אונז כאָטש געבן אַ שטאַרקע שיף. עס זעט זיך אָן אַז דער ים איז זייער גרויס און זייער טיף.

— וועמען האָט איר דאָרט אין אַרגענטינע — פרעגט אים רודי.

דער אַלטער הויבט אויף דעם שטעקן און ווייזט מיט אים צום ים.

— וואָס הייסט ווען איך האָב דאָרטן? אַ שיינע פראַגע, שטעלט איר מיר. מיינע קינדערלעך זיינען דאָרטן און מיין נשמה איז דאָרטן!

דער אַלטער שרייט און רודי וואָלט וועלן אַז ער זאָל רעדן שטילער, ווייל ס'איז זייער פינצטער. ס'ווערט אים אומהיימלעך ווען ער הערט שרייען און אַרום איז פינצטער. אַזעלכע פאַלן געדענקט ער פיל, אָבער ער וויל זיי ניט דערמאָנען. דער אַלטער האָט ווידער גענומען שרייען, האָט רודי גענומען אַף גיך זיין פעקל, איבערגעלאָזן דעם אַלטן, אַ בייזן, און אַוועק פון אים.

אין דעם גרויסן שלאָף־צימער איז שוין ליכטיק און אַ טייל פון די מענטשן ליגן שוין אַף די בעטן. בעטלעך אַף בעטלעך, מענטשן איבער מענטשן, אַ גראָ קישעלע, אַ גראָע דעק און אַ פאַרוואָגלטער מענטש. צווישן די ווייטע פיר ווענט, ברענען דריי קליינע לאָמפּן, איז גראָ פאַר די אויגן. פון יענער זייט וואַנט איז לעבעדיקער. מען לאַכט דאָרט, ווייל די קעפּ פון די פרויען און מיידלעך זיינען אַזוי ניט פול מיט זאָרג, מיט צרות. זיי פאָרן ניט אַזוי אַף הפקר אין דער וועלט אַריין ווי די מענער. אייניקע פאָרן צו מענער. אייניקע צו חתנים און זייער ווייניק צו קיינעם. די מענער, אָבער, כמעט אַלע פאָרן אַף גאָטס חסד... אויסער דעם אַלטיטשקן און אפשר נאָך אַ פּאָר צו אים. דעריבער ווען מען טומלט זיך אין איינעם, פאַרגעסט מען וואו מען איז אין דער וועלט. אָבער ווען מען בלייבט איבער אַליין אַפן משונהדיקן געלעגער, און אַלץ וואָס אַרום איז גראָ און די ווענט זיינען איינע פון די אַנדערע אַזוי ווייט — — — — — — — — — — — —

— —

אַף אַ בעטל אָנגעהאָנגען, זעט רודי, הענגט אַ שמאָלע טאָרבע וואו אינעווייניק ליגט זיכער אַ מאַנדעלינע. רודי שטייט שוין אַפן אָרט לעבן דעם בעטל, און רעדט שוין צו אַ בחור:

— ס'איז אייער מאַנדעלינע?

— אויב עס הענגט אַף מיין בעטל איז עס מיין מאַנדעלינע. — ענט־פערט אים דער בחור קוקנדיק אים אין די אויגן.

— קען איך אונטערשפּילן אױף דעם? — פרעגט רודי.

— שפּילט, נאָר ניט לעבן מיר, ווייל איך וויל איינשלאָפן.

רודי האָט אַראָפּגענומען די מאַנדעלינע פונם בעטל און איז אוועק צו זיך אױף זיין בעטל. ווי נאָר ער האָט גענומען שפּילן, האבן גענומען בורטשען אייניקע פון נאָענטע בעטן, האָט רודי גענומען שפּילן שטיל, גאָר שטיל. קעגנאיבער זיין בעט איז געלעגן א בחור און האָט שוין געהאט געדרעמלט, אבער ווי נאָר ער האָט דערהערט שפּילן, האָט ער זיך אויפגעזעצט און גע־נומען מיטזינגען. דאס לידל וואס רודי האָט געשפּילט, האָט ער אויסגע־לערנט פון דייטשע סאלדאטן, ווען ער איז געווען אין פּלען. דעם בחור וואָס האָט גענומען מיטזינגען, האָט זיך דאס לידל, ווייזט אויס, אויך שווער ערגעץ איינגעבאקן אין הארצן. ווייל פון זיין אויסזען האָט מען געקענט זען אז ער ווייסט ניט אױף וועלכער וועלט ער איז. ער זינגט אפן קול. ער קוקט ניט אױף קיין פּנים, נאָר צו דער וואנט. אבער אלע האָבן זיך אויפ־געזעצט און קוקן אים אָן. אלע ווערן מיטגעריסן. און רודי שפּילט שוין ניט שטיל. ער לאזט זיך שוין הערן צוגלייך מיטן בחורס קולות. מיידלעך און ווייבלעך שטייען אנגעהאנגען אױף די פענצטער און קוקן אריין. דאס מיידל פון דעם זיידן טיכל באוויייזט אויך איר קאָפּ אין פענצטער. זיי וואלטן וועלן ארייגגיין, אבער זיי שעמען זיך. דער בחור מיט זיין נארישן פּנים פונם בעט וועלכער זינגט, וואלט באדארפט ארויסרופן געלעכטער. אבער קיינער לאַכט ניט. יעדער פילט אז דעם בחור קאסט דאס זינגען א שטיק געזונט. אָן א שפּאס. ווייל פּלוצים, אין מיטן זינגען, האָט געפּלאצט זיין קול אין געוויין, און האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער גראָער דעק. רודי האָט נאָך געשפּילט. געשפּילט שוין שטילער.

מיט דעם וואָס דער בחור האָט מיט זיין זינגען אויסגעפּלאצט אין א געוויין, איז טונקעלער געוואָרן די שיין. יעדער האָט עס באמערקט.

ניט אלע זיינען די נאכט געשלאָפן פּונקט ווי ניט אלע זיינען ניט געשלאָפן די פאריקע נאכט. ניט קוקנדיק וואס אלע זיינען געווען מיד פון וועג, פון די באנען. ס'האָט יעדער געמיינט אז ווי נאָר ער וועט האָבן פאר זיך א בעטל, וועט ער זיך אויסשלאָפן פאר אלע שלאָפלאזע נעכט. דער גוף

איז טאַקע מיד, אבער דער שלאָף וויל ניט קומען. קומט אָף א ווייל. באלד כאַפּט מען זיך אבער אויף. מען קוקט זיך ארום. ווי פארשלאָפן מען זאָל ניט זיין, איז אבער באַם אנבליק פון די הענגענדיקע בעטן, די ווייטע ווענט, דער פרעמדער הימל אין די פענצטער, — ווי פארשלאָפן מען זאָל ניט זיין, הויבט מען זיך אָן אָפּגעבן חשבון, אָף וועלכער וועלט מען איז.

יעדעס בעטל קרעכצט אומצייליקע מאָל אוים דורך דער נאכט די פּיין פון הימלאזע מענטשן.

דער אלטיטשקער וואָס רעדט מיט זיין שטעקן איבערן ים, דער אלטיטשקער האָט די לעצטע נאכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט. ווען ס׳וואָלט געווען פינצטער, וואָלט ער אפשר איינגעשלאָפן — אבער לכל הפּחות ניט ארומגעגאנגען. ער וואָלט געמוזט ליגן אָף זיין בעטל. אזוי אבער ווי רודי האָט נאָר אויפגעהערט צו שפּילן און אלע האָבן געכאַפּט דעם ערשטן דרימל, איז ער אראָפּגעקראָכן פון זיין בעטל אין די הינטער־הויזן מיטן שטעקן אין האנט, און איז געגאנגען פון בעטל צו בעטל. יעדן איינעם האָט ער אריינגעקוקט אין פּנים. איז יענער געלעגן איבערגעדעקט, האָט ער אָפּגעדעקט דאָס פּנים זיינס, א קוק געטון אָף אים און אוועק צו א צווייט בעטל. אזוי ווי רודי איז געלעגן אין איינעם פון די לעצטע בעטלעך באַם וואנט, איז דער אלטער צו אים צוגעקומען ארום האלבע נאכט. ווי נאָר דער אלטער איז צו זיין בעטל צוגעגאנגען, האָט זיך רודי אויפגעזעצט. דער אלטער איז שטיין געבליבן מיט פארבראָכענע הענט אָפן שטעקן און אים אנגעקוקט.

— זעצט זיך צו ביי מיר, אָפן בעטל — זאָגט צו אים רודי און ווייזט אים אָרט. דער אלטער זעצט זיך. רעדט גארניט. נאָר גיט רודין אלע ווײַלע א לייכטן קלאַפּ אין פּלייצע מיט זיין דארער האנט. ס׳איז זיכער, אז מיט דעם קלאַפּן אים אין דער פּלייצע, רעדט ער, דערציילט ער. דאָס וואָס ער רעדט ניט איז ניט מחמת דערפאר וואָס ער וויל ניט אויפוועקן די וואָגלער. ער רעדט ניט מיט ווערטער ווייל ער קען זיך אויך אויסרעדן דורך דעם, וואָס ער גיט אלע מאָל א קוק אָף אים און א ריר אָן דעם אקסל.

רודין איז לעבן אים גוט און ער טרייסט אים:

— שוין, גאר גיך, וועט איר שוין זיין לעבן אייערע קינדערלעך און לעבן אייער נשמה.

דער אַלטער האָט אים, מסתמא, גוט ניט געהערט, ווייל ער האָט אים געענטפערט עפּעס אנדערש. ער מיינט גאָר אַז ער פּאָרט שוין. ער רופט זיך אָפּ צוהאַלטנדיק מיט א האַנט דאס בעטל.

— האַ, ס'אַ ליבן גאָט מיר האָבן דאָס: מיר זיצן דאָ און עס פּאָרט זיך...

כדי דער אַלטער זאָל צומאָל ניט וועלן פּלוצים א קוק טון אַף רודין, און ניט זען ווי ער שמייכלט, דרייט רודי אוים דעם קאָפּ און שמייכלט זיך אוים.

שפּעטער א ווײַלע האָט דער אַלטער א קוק געטון רודין אין פּנים. דאס האָט ער ניט א קוק געטון צו זען אויב ער לאַכט. נאָר ער האָט עפּעס געזאגט מיטן קוק. עפּעס דערציילט.

רודי רופט זיך אָפּ:

— וואָלט אזוי דעם גאַנצן וועג כאָטש געווען אזוי גוט צו פאָרן.

— געלויבט איז גאָט — זאָגט דער אַלטער און גיט ווידער אַמאָל אַף אים א קוק מיט זיינע אויגן וואס זעען ניסים...

דער אַלטער הויבט זיך אויף און גייט ווידער פון בעטל צו בעטל. שטעלט זיך אָפּ. גיט א קוק, א שאקל מיטן קאָפּ, און גייט אין די הינטער־הויזן, פּאַוואַליע, צו א צווייט בעטל.

רודי שלאָפט ווייניקער פון אַלעמען. ער טראַכט. ער טראַכט איבער וועגן אַלעמען, וועמען ער האָט אין די לעצטע וואָכן באַגעגנט. פאר די אויגן שטייען: יאַראָסלאַוו, די פרוי, דזשים און זיין אַלטער. דער הייליקער מיט די בולקעלעך. קיינער פון זיי האָט אים קיין שלעכטס ניט געטון. פון יאַ־ראָסלאַוון האָט ער געקריגן געלט און פּאַרוויילונג. פון דער פרוי האָט ער געקריגן ליבע, עסן און רו. פונם הייליקן האָט ער געהאַט ברכות און בול־קעלעך. פונם אַלטן האָט ער געקראָגן טיי און אַלע נאַכט צוויי פרישע אויסגעוואַשענע ליילעכער: איינס פון אויבן און א צווייטס פון אונטן. גאָר־ניט האָט ער נאָר געהאַט פון דזשימען. גאַרניט — און דזשים שטייט דער

ערשטער מיט זיין פינצטערן פּנים אין דער ריי און פרעגט אַ בייזער ווי אַ רוצח:

— איך האָב רעכט צו לעבן צי ניט?!

— ניין! — ענטפערט אים רודי, קוקנדיק אין פינצטערן פענצטער. — ניט דו האסט רעכט צו לעבן, דזשים, און ניט איך האב רעכט צו לעבן. צו אונזביידן ציט זיך די האנט פון פארניכטונג. ביידע וועלן מיר פאלן פון דער זעלבער הויך אין אפגרונט אריין. נאָר דו וועסט פאלן לאנגזאם און איידער וועסט זיין געפאלן וויסטו שוין זיין אַ טויטער און איך, איך וועל פאלן ווי אַ שטיין. דו, דזשים, פאַלסט שוין. טרינקסט טיי, וואשסט ליי־לעכער און דו זעסט גאר ניט ווי דו פאלסט. דזשים, ליבער דזשים. ווען מיר וואלטן זיך ביידע געקענט פארבייטן: דו דאָ און איך דאָרט, וואָלטן מיר זיך אפשר ביידע צוריקגעקערט צום לעבן. ווען דו וואלסט קענען אויס־רייסן מיטן ווארצל די יארן פון מיין מח, וואלט איך נאָך יארן געהאט צו לעבן. און ווען דו, דזשים, ביזט אַף מיין ארט, וואָלט דיך שוין צו עסן ניט געפעלט. נאָר איך וועל מסתמא, דזשים, פריער פון דיר שטאַרבן. דיין נשמה איז גרינג ווי אַ פעדערל, וועט זי לאנג פליען ביז זי וועט פאלן, אבער מיין נשמה איז פול מיט שטיינער און זי וועט דארפן קריגן אַ שטאַרקן שטויס אַז זי זאָל אַראָפּפאלן. ווי האָט מיר געהאט געזאָגט, דזשים: „אַז דו וועסט זוכן דעם אומגליק וועסטו אים אומעטום געפינען” און איך מיין, אַז שווער וועט מיר ניט אנקומען אים צו געפינען — — —

די שיף „אוואָן” איז ניט צוגעקומען צום ברעג ווי אַלע אנדערע שיפן. זי איז געבליבן שטיין פאראנקערט אין די נאענטע וואסערן, און זי האָט אייניקע מאָל געשיקט גרוסן דורך אירע קוימענס.

די פּאָר טעג וואָס מען האָט געוואַרט אַף אפצופאָרן, האָט יעדער פּאָר אומגעדולד קיין ארט זיך ניט געפונען. אַלע ווײַלע איז יעדער ארויס צום ים צו זען אויב עס גייט נאָך ניט אנטקעגן די שיף. איינער האָט זיך באם צווייטן געהאלטן אין איין נאכפרעגן וועגן דעם. מען האָט זיך געערגערט

ביז גאָר. אבער ווי גיך נאָר מען האָט זיי געגעבן א פאַראָרדענונג אז זיי זאָלן זיך שוין נעמען רירן. אז די קליינע שיפלעך וואס זיינען צוגעשוואומען צום ברעג, וועט זיי אפפירן צו דער שיף, אזוי זיינען זיי אלע געוואָרן פאַר־ציטערט. ס'איז געווארן אזוי שרעקלעך דער געדאַנק אז מען באַדאַרף שוין פאַרלאָזן די ערד און זיך איבערגעבן דעם בייזן ים. אייניקע יונגע האָבן גע־פּרואווט א לאַך טון אבער זייער געלעכטער איז אפּגעשלאָגן געוואָרן פון יעדנס געמיט. איינער האָט גענומען אריינקוקן אין אנדערנס אויגן מיט צוטרוי און ליבע. איינער האָט דעם אנדערן געגעבן צו פילן אז מען דאַרף פון איצט קיין שונאים ניט זיין מער: דער ים, דער ים.

פרייטיק, ערב־שבת. די שעה פון צינדן ליכט און ברכה קומט אָן. און יעדעם מאמע וואָס פאָרט מיט אירע קינדערלעך בעט צו גאָט; די שעה מיט רחמים זאָל קומען פון הימל. דער זכות פון די קינדערלעך און פון זייער טאַטן וואָס קוקט זיי אויס פון יענער זייט ים. דער זכות פון די פרומע נשמות וואָס רוען אין גן־עדן, זאָלן ביישטיין אז קיין סכנה זאָל ניט זיין. אין א גוטער שבתדיקער שעה. אין א מזלדיקער שעה — ליבער טאַטע אין הימל.

מען געזעגנט זיך מיט דער ערד. די מענער אָפּגעזונדערטע, פאַרבי־טערטע, שטייגן איין אין שיפל. די ווייבער, די טעכטער און די קינדערלעך פאַרלאָזן זיך אף גאָט און שטייגן אויך איין. די זון גייט אונטער און די הערצער ווערן אזוי שווער מיט טרויער. שווער, שווער איז זיך צו באַהערשן. פול, איבער פול איז דער בעכער מיט טרערן און ער גיסט זיך איבער אף די הענט פון פינצטערן לעבן. דאס שיפל הויבט זיך אָן צו רירן. שלוכצן פון מאַמעס גייען צו גאָט אין הימל און בעטן אים. זיי צינדן אָן ליכט לעבן זיך און וויינען איבער די ליכט. בענטשן די שבתדיקע שעה. יעדע מאַמע שטייט איבער איר ליכטל מיט א טיכל איבערן קאָפּ און מיט די הענט צוגעדעקט די אויגן. דאס געזאנג פון טרערן גייט פון אויער צו אויער.

די זון מוז פאַרגיין, — ס'ווערט פינסטער אפן ים. מען איז שטיל ווי די שטערן וואס גייען אויף אין הימל. אזוי ווי מען וואלט פאָרן צוריק פון

א לויה. מען קוקט מיט ליבע נאָך דעם ברעג מיט וועלכן מען האָט זיך געזעגנט אף אייביק. די עלטערע קוקן צוריק און די יוגנט קוקט פאראויס צום גרויסן ווילדן ים וואָס פירט א שלאכט מיט די כוואליעס.

* * *

די אינגלעך האָבן קוים דערלעבט די שעה אז זיי זאלן שוין דערזען דאָס פנים פון אמתן ים: זיי האבן דאָך עפּעס אויסגעגעבן די לעצטע גראשנס אף בינאקלעך. אלץ צוליב דעם ים. נעמען זיי טאקע ניט אראפּ איצט די בינאקלעך פון די אויגן. פריער האָט מען שטארק מורא געהאט זיך ארויס־צורוקן פון מיטן שיפל אבער ביסלעכווייז, אז זיי האָבן געזען ווי דאס שיפל הויבט זיך ניט אָן צו קערן און צו ווארפן, ווי זיי האָבן זיך עס פארגעשטעלט, רוקט זיך איצט איינער נאָכן אנדערן צום ברעג. עס זיינען שוין אפילו דא בראווע בחורים וואָס שטייען שוין באַם פּארענטש. אמת, זיי האלטן זיך אָן שטארק אבער זיי שטייען.

רודי האָט זיך ווי יעדער ניט געדארפט טומלען פארן אפּפאָרן מיטן שיפל: ער האָט ניט קיין גרויסן באגאזש. זיינע פּלאַנן באדארפן ניט קיין באזונדערן אָרט. גרויסע פּעק און קערב האָבן אלע איבעריקע, אבער ער האָט ניט.

ביטער געוויינט האָט מלכהלע — דאָס מיידל וואָס האָט זיך איינ־געהאנדלט דאס זיידן געבלומטע טיכל. זי האָט נאָר געהאלטן אין איין בעטן רודין אז ער זאָל זיין לעבן אים. זי האָט אים ניט אפּגעלאָזן פון זיך א שפּאַן. ער האָט איר געמוזט העלפן אירע קוישלעך און טארבעס און טאר־בעלעך ארייַנטראגן אין שיפל. די מענער פירן ניט בא דער האנט קיין גרויסן געפּעק. די מיידלעך אבער האלטן ארום זיך ארומגעלייגט אזוי פיל פּעקעלעך, אז מען זעט זיי קוים ארויס פון אינעווייניק. מיטן טראגן זיי פון איין ארט אין אנדערן, גיבן זיי זיך אָן עצה: צו ווערן געהאלפן דורך עמיצן, באקאנט זיך א מיידל מיט א בחור אין וועג און זי פאר־זארגט אים שוין מיט עטלעכע פּעקעלעך. אין איין פּעקעלע ליגט א הוט וואָס זי מוז עס טראגן אין דער האנט כדי עס זאָל זיך ניט צעקנייטשן

און זי זאָל האָבן מיט וואָס אנטקעגן צו גיין איר חתן. אין א צוויִיט פּעקל טראָגט זי זיסע און זויערע זאַכן, ווייל די מאמע האָט עם איר מיטגעגעבן טאָמער וועט זיך איר אַף דער שיף נעמען פאַרדרייען דער קאָפּ און זי וועט נעמען חלשן. — דורך זייערע פּעקלעך האָט זיך קיינער ניט וואו היִן־צו־טון. ארום מלכהלען ליגן אויך אנגעוואָרפן אירע פּעקלעך. אבער זי האָט געמאַכט אן אָרט פאַר רודין לעבן איר, רעכטס. איר איז קאַלט, ווייל זי איז עפּעס ניט געזונט, טוליעט זי זיך אָן אים. ער איז איר ליב. ווען זי וואָלט זיך ניט שעמען פאַר די אַנוועזנדע, וואָלט זי אים ארומגענומען ווי א קינד א טאַטן. זי וואָלט צוגעלייגט איר פּנים צו זיין פּנים. זי וואָלט אים געבעטן אז ער זאָל איר עפּעס דערציילן א טרויעריקע געשיכטע פון דער מלחמה וואו ער איז געווען.

ס׳איז פינצטער אין שיפל. די שבת־ליכטלעך זיינען אויסגעגאַנגען און ס׳איז פינצטער. ערגעץ רויכערט זיך א לעמפּל אבער ס׳איז אַלץ פינצ־טער. דאָס שיפל איז אָפן און גרויסער ים איז פאַרגאָסן מיט שווארצן אומרו. וויניק דאָס לעמפּל צו קענען באַלויכטן זיך און עטוואָס דעם ים. אבער קיינער פאַרלאַנגט ניט מער ליכט. די בחורים האָבן פאַרלאָרן דעם גאַנצן פּחד און שטייען באָם פאַרענטש און קוקן דורך די בינאָקלעך, כאָטש זיי זעען אַלץ איינס גאָרניט. די ווייבער, ווען ס׳איז אפילו ליכטיק, וואָלטן זיי זיך אַלץ איינס געשראָקן זיך אפילו אויפצושטעלן. זיי האָבן זייער מורא. פון דער ערשטער ביז דער לעצטער. גענוג אז דאָס שיפל זאָל זיך עטוואָס א וויג טון, ווי זיי נעמען גלייך צו זיך צורוקן די קינדערלעך און בעטן צו גאָט. מלכהלען אַרט אויך ניט וואָס עס איז פינצטער. אבי רודי זיצט לעבן איר איז איר גוט. זי האָט אים געבעטן אז ער זאָל זי ארומ־נעמען, האָט ער זי ארומגענומען. איצט קען זי האַלטן צוגעמאַכט די אויגן און פילן אז זי איז ניט אינגאַנצן אליין.

שניידן די פּאָר שיפלעך די פינצטערע וואַסערן. די שטערן זיינען זייער הויך. דער ים פּאַטשט מיט זיינע כוואַליעס דאָס פּנים פון דער נאַכט. דער שלאָף איז קיינעם ניט באַפאַלן. צו קיינעמט אויגן זיך ניט צוגערירט. שפּעט אין דער נאַכט האָבן די בחורים באָם פאַרענטש גענומען

שרייען אז זיי זעען שוין פייערן. די ווייבער האבן זיך אויפגעשטעלט נאָר אז זיי האבן זיך גענומען שאקלען, האָבן זיי זיך גיך צוריק אַף זייערע ענגע ערטער אנידערגעזעצט.

עס איז געוואָרן עטוואָס לעבעדיקער אין שיף. די פייערן פון דער גרויסער שיף, האָבן עטוואָס באפרייט די הערצער פון דער גרויסער שרעק. מען האָט שוין פאַרלאָרן די מורא ארויסצוריידן א ווארט. מען האָט זיך שוין אונטערגעהויבן פון די ערטער.

ווי עס איז איר ניט שלעכט מלכהלען, טראכט זי דאָך וועגן רודין. זי וואָלט וועלן אים דערציילן און פרעגן פארוואס זיינען כמעט אלע פּאסאַזשירן אַף אים אויפגעבראכט. פאַרוואס האָט יעדער אויסגעמיטן זיך צו זעצן נאָענט לעבן אים. ער האָט עס ניט באמערקט, אבער זי האָט עס גוט געזען. זי וואלט אים וועלן פרעגן וואס פאר א שלעכטס האָט ער זיי געטון. זי וויל אים אבער ניט מצער זיין. זי טוליעט זיך אונטער זיין ארים און טראכט פאר זיך: ער איז דאָך א גוטער. אזא ליבער. און פאר א ווייב וואָלט ער דאָך געווען נאָך ליבער, נאָך בעסער. עס קען דאָך זיין אזוי גוט פאר אים.

ווי נאָר מלכהלע האָט זיך גענומען האלטן לעבן רודין, אזוי האבן גלייך אירע חברטעס זי פאַרלאָזן. מער פון די מיידלעך זיינען אַף אים אויפגעבראכט די יונגען. צי דערפאר וואס ער מישט זיך ניט אוים מיט זיי. צי דערפאר וואס ער קען רעדן פראנצויזיש און קען שפּילן מאנדעלינע — דערפאר? זי קען עס גאָרניט פארשטיין און האָט צער דערפון. און ווייל זי ווייסט אז ער ווייסט עס ניט, און שלעכטס עפּעס טראגט ער איבער, פאר־שטייט זי, דעריבער וויל זי זיין נאָענט לעבן אים. זיך קענען אננעמען פאר אים אין אַן עת־צרה.

ניט ווי קיין שיף האָט די שיף אויסגעזען ווען מען האָט זיך צו איר דערנענטערט. די קאנטורן פון דער שיף זיינען דורך דער נאַכט אפּגעמעקט געוואָרן. נאָר די פייערן האָט מען געזען אין א לאנגער ריי. ס׳האָט זיך אויס־געוויזן אז מען זעט פאר זיך א שטאָט, א וואקזאל, אבער ניט קיין שיף. דאס טרובען פון דער שיף האָט אויך ניט איבערגעאנדערש דעם געראנק

אז דאס וואס מען זעט איז א שיף. נענטער צום שיף האָבן די שיפלעך גע־נומען גיין לאנגזאמער. די שיפלעך האָבן אויך געוויזן דער שיף אז זיי קע־נען פייפן. אמת, ניט מיט אזא כוח אבער גענוג לויט זייער גרויס... גאנץ גענוג...

וואָלטן די בחורים ניט ארויסגעלאָזן א ווארט אז מען דארף זען פאר־נעמען בעסערע פלעצער אין שיף, וואָלט זיך יעדער אָן רעש און קריג איבער־געצויגן אין דער שיף אריין. אזוי אבער, איז באלד געוואָרן אַ אוא. א געשריי. א געלאַף. מען האָט גארניט געזען צי מען איז פארזיכטיק, מען איז געלאָפן איינער איבערן אנדערן. איינער אונטערן אנדערן צו פארנעמען וואָס גיכער א בעסערן פלאץ...

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן אז די בחורים האָבן געהאט רעכט, ניט מער, זיי האָבן דאס ניט באדארפט אויסזאָגן, וואָלט ניט געווארן קיין מיש־מאַש און אָן קולות. זיי האָבן געהאט רעכט, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, בעת מען האָט גענומען ברעכן פון די געלעגערס. און ווייל איין געלעגער איז איבערן אנדערן — האָבן זיי געהאט רעכט...

גאר אף אן אנדער אופן שפארט זיך די שיף דורך די כוואליעס. קיין סכנה שטייט ניט קיינעם דאָ פאר די אויגן. מען זעט מיט די אייגענע אויגן ווי די גרעסטע כוואליעס קערט זי איבער און מאכט פון זיי א תל... איר טרובע טון! אין איר טרובע טון האָט יעדער געהערט ווי זי זאגט: קינדערלעך, האָט ניט קיין מורא. איר הערט א הילך! האָט ניט, האָט ניט קיין מורא — דאס האָט יעדער געהערט. וואָס פאר א ווערט האָבן די כוואליעס ווען זי רירט זיי אָן מיט דער נאָז...

אין שיף און אפן דעק, איז ניט פריילעך. מענטשן לויפן אום ווי פארסמטע. מען איז שכור. מען האלט זיך בא די ווענט און מען ברעכט מיט גרינעם גאל שוין. אזעלכע ווילדע קולות פון אלע זייטן הערט מען! אַ שרעקלעכער קאָנצערט. נישט צו דערקענען קיין מענטשן: געל און גרין. נישטאָ קיין איינער וואָס זאָל איצט קוקן אפן ים. יעדער מיינט אז ער

וועט גאָר ניט אריבערטראגן. שוין, דוכט זיך, ניטאָ וואָס צו ברעכן און עס רייסט אוים שטיקער הארץ.

דער אומגליק, אזוי ווי מען האָט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען, אזוי האָט מען ניט געוואוסט וואו ער איז אוועק. מען קוקט שוין צום ים. מען עסט שוין, מען טרינקט שוין. די עלטערע מענער וואָס פאָרן אף גאטס באראט, זארגן און זיפצן. די בחורים, פארשפילן מיינסטנס מיט קארטן, די שלעכטע געדאנקען וואס פלאגן. די כלהס טרוימען וועגן זייער צוקונפט און די ווייבער, פילן זיך אלע ניט געזונט...

אין איינער א קאיוטע טומלט זיך. בא איינעם א פאבריקאנט איז צו־געגאנוועט געווארן דאקומענטן מיט געלט. אפן דעק ווייסט מען נאָך ניט פון דעם. מען ליגט אויסגעלייגט אונטער דער זון מיט די הענט אונטערן קאָפּ און מען טראכט, האלטנדיק צוגעמאכט די אויגן. דער ים האָט זיך שוין צוגעגעסן: די זעלבע כוואליעס, דער זעלבער וואסער. אָן קוימען אנגע־שפּאַרט ליגט רודי און לעבן אים אף די קני זיצט מלכהלע. ער דערציילט איר א געשיכטע פון זיין מלחמה־לעבן.

— ערשט א פּאָר טעג ווי מיר האבן פארנומען באם שונא א שטעטל. א קליין שטעטל. די איינוואוינער פון דארטן זיינען אלע צעלאפן. פוסטע הייזער. א מאן פערציק זיינען מיר געווען אין שטעטל. נאָך פיל נעכט פון ניט שלאפן. נאָך פיל טעג פון ניט עסן זיינען מיר דארטן אביסל געקומען צו זיך.

— און געשאָסן האָט מען ניט?

— געשאסן האָט מען, אבער ס'איז געווען ווייטלעך פון אונז. יאָ, אין וואלד דאָרטן איז געפירט געוואָרן א שלאכט. איך דערמאן מיך. זיי האָבן ניט געוואלט אפטרעטן פון וואלד די שונאים. זיי האָבן פארשפילט די געגנט דערפאר, וואס זייערע קאנאָנען האבן ניט אפן ריכטיקן ארט געשאסן: אנשטאט צו שיסן אף אונז, האבן זיי געשאסן אין וואלד אריין. איך דערמאן מיך. וואָרט. יאָ, זיי האבן געשאסן אין וואלד אריין. איך געדענק ווי איך

האָב דעמאָלט אַרויסגערופן מיינע חברים פון שטוב צו זען ווי אַזוי עס פליען די בוימער אין דער לופטן. גאַנצע בוימער מיט די צווייגן זיינען געפלויגן אין דער לופטן ווי מוראַדיקע פויגלען.

— איך וואָלט אפשר געשטאָרבן פאַר שרעק — זאָגט פאַרטרויערט מלכהלע מיט פאַרבראָכענע הענט.

— אפשר — זאָגט רודי און קוקט מיט די אויגן צום הימל צו דער־מאָנען זיך איינצלהייטן — יאָ, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען ס'איז שוין געווען אַרום אונז רואיק, דער שונא איז שוין געווען ווייט און מיר האָבן געוואַרט אויף אַ באַפעל צו אַוואַנסירן, איז פאָרגעקומען פאַר דער צייט אַזאַ מין פּאַסקודנע געשיכטע.

ביינאַכט, מיר ליגן אַלע אַזוי און שלאָפן, ניט טרעוואָגע אונזער קאָ־מאַנדיר און מיר שטייען שוין אויף די פיס. מיר ווייסן פון גאַרניט וואָס עס קומט פאָר. שיסן הערט מען ניט. קיין בוימער פליען ניט. מיר זעען אויפן פּנים פון אונזער קאָמאַנדיר אַז די סכנה איז אונטער דער נאָז. מיר שטייען שוין אַלע פאַרזאַמלט מיט האַק און פּאַק גרייט צו שיסן און גרייט דער־שאָסן צו ווערן. ער דערציילט אונז אַז דער פּאַטרול האָט געהערט קולות אין אַ שטוב פון שטעטל וואָס שטייט פאַרלאָזן. ניט אַנדערש, זאָגט ער אונז, אַז דאָס מוזן זיין שפּיאָנען. מיר הערן אויס און מיר כאַפּן אויף דעם אָטעם. מיר לאָזן זיך גיין צום הויז און צום אומגליק איז אַזאַ שלאַקס רעגן. אַזאַ פינצטערניש. אַ געלאָדענעם ביקס האַלט יעדער פון אונז אין די הענט און צוקומענדיק אַ צוואַנציק טריט פון יענער שטוב, וואָס דער פּאַטרול האָט אונז געזאָגט, אַז פון דאָרטן האָט ער געהערט די קולות, אַ צוואַנציק טריט פון דאָרטן ווי מיר דערהערן טאַקע פון דאָרטן אַ פיינלעכן געשריי. מיר האָבן שוין ניט געפילט ווי דער רעגן פאַלט אויף אונז אָן רחמנות. מיר גייען. איך, צום אומגליק, גיי נאָך אין דער ערשטער ריי. אמת, דער קאָ־מאַנדיר איז אויך געגאַנגען לעבן מיר. ער איז ניט געווען קיין פייגלינג. באַלד דערהערן מיר אַ געשריי נאָך אַ געשריי. קיין פייער זעט מען ניט דאָרטן. דער קאָמאַנדיר הייסט אונז גיין מיט רעש. אַרום אונז קיין מיליטער צו רופן אויף הילף איז גראָד ניט געווען. מילא, דער קאָמאַנדיר הייסט

גיין, גייען מיר. די קולות האָבן ניט אויפגעהערט. אבער אזעלכע קולות משונהדיקע, האסטו נאָך, מלכהלע, אין דיין לעבן ניט געהערט און ווינטש דיר ניט צו הערן. איך דערמאן מיך אצינד, עס האָט מיך געשפריצט פייער פון די אויגן פאר פחד. נישט דער פחד פארן טויט נאָר די קולות! דער עיקר, וואָס נענטער מיר גייען צו, אלץ פעסטער נעמען מיר די ביקס אין די הענט. אינעווייניק שרייט מען אלץ. דער קאמאנדיר הייסט אונז געבן א זאלפ. מיר שיסן אויס און עס ווערט גלייך אינעווייניק רואיק. דער קאמאנדיר באראט זיך מיט איינעם פון אונז צי זאלן מיר מיט קוילן אוועקלייגן אפן ארט די שטוב מיט די שפיאנען, מיט אלעמען. ניין, עס בלייבט מיר זאלן ארייננגיין אינעווייניק און זיי נעמען פון דארט געפאנגען. הייגט שטעל זיך פאָר, מלכהלע, מיר דריקן זיך אלע צונויף מיט אונזער געווער, מיר גיבן אלע צוזאמען א שפאר אויף די טיר, מיר צינדן אָן אונזערע לעמפלעך און דער קאמאנדיר אליין שרייט אויס: „די הענט אין דער הויך"! הייגט שטעל זיך פאָר, מלכהלע, אונזער אלעמענס איבערראשונג ווען מיר האָבן פאר זיך דערזען אין א ווינקל א שווארצע קאץ מיט גרינע, אנגעצונדענע אויגן. א קאץ מיט גרינע אנגעצונדענע אויגן...

מלכהלע האָט פון דער געשיכטע ניט געלאכט. ס'האָט איר געקלאפט אין הארצן פאר שרעק. זי האָט זיך איינגעקוקט אין זיינע אויגן וועלכע האבן געקוקט אין הימל און פון רגע צו רגע האָט זיך זיין פנים געענדערט. זיינע אויגן האבן ניט ארומגעבלאנדזשעט אין הימל נאָר האָבן געקוקט אף איין ארט. ער רופט זיך אפ:

— ווי האָט געזאגט, דזשים, „אז דו ועסט זוכן דעם אומגליק וועסטו אים אומעטום געפינען" און איך מיין, אז שווער וועט מיר ניט אנקומען אים צו געפינען.

— וועלכער דזשים? — פרעגט מלכהלע. אבער איידער זי האָט זיך דערוואָרט פון אים אן ענטפער, האָט זיך דערהערט הינטער זיי א טומל. דער טומל גייט גלייך צו זיי. מלכהלע האָט גענומען ציטערן, כאטש זי האָט זיך אף קיין בייז ניט געקענט ריכטן. זי זעט ווי אלע ווייזן עפעס אָן מיט די הענט אף רודין און זייערע אויגן טראגן א שלעכטע בשורה. פארוים גייט

דער פאבריקאנט וואס שטייט אליין איין אין א קאבינע, בא וועלכן עס זיינען צוגעגאנגען גענוואָרן ווערט־פאפירן און געלט. זיינע צונויפגעפרעס־טע ליפן זאגן עדות אז ער איז פול מיט רציחה. הינטער אים גייט א מחנה בחורים: קליינע און גרויסע מיט שפאט און חוצפה.

— שטייט אויף — גיט מלכהלע א טרייסל רודין און אירע אויגן זיינען שוין איבערגעקערט ווי די אויגן אין פאָגראָם־שרעק. עס האָט איר נאָר געפעלט א מעסער אין די הענט אז זי זאל אויסזען אין דעם מאָמענט ווי א משוגענע.

רודי שטעלט זיך ניט אויף נאָר זעצט זיך אויף. אויך זיין פנים איז בלייך, אבער ער ציטערט ניט. ער זיצט ווי פארשטיינערט. די אויגן קוקן קאלט און געלאדן מיט פולווער. ער גיט זיך נאָך ניט אפ קיין רעכנונג וואָס עס געשעט דאָ. דער קאָפּ ארבעט שוין ניט אבער אז אן אומגליק שפרייט שוין אוים זיינע פליגל איבער אים, — דער געדאנק איז דא אין קאפ און א שטיין אין הארצן.

דער פאבריקאנט שטעלט זיך לעבן אים אדער בעסער געזאגט איבער אים. די חברה וואָס האָט אים געבראכט אהער און אים אנגעוויזן אף רודין, איז ניט צוגעגאנגען אזוי נאָענט. זיי שטייען אלע אין איינעם און וואַרטן אף צו זען די מפּלה פון רודין מיט אומגעדולד.

דער פאבריקאנט לאזט אף אים פאלן די ערשטע שווערע ווערטער:

— איך וויל וויסן אף ריכטיק אייער נאָמען.

רודי כאפט אף דעם אטעם און שטעלט זיך שוין אוועק. פון זיין אויפשטעלן זיך האָט מען געזען אז דער מענטש האָט שוין פון זיך די שרעק אראפּגעווארפן. ער איז שוין גרייט צו יעדער רגע א נעם טון יענעמס קאפּ אין די הענט און ארויסלאזן פון זיך דעם צאָרן. אף אים קוקנדיק אבער זעט מען דאָס. ער גיט אים א קוק ארונטער אין די אויגן:

— מיין נאָמען אף ריכטיק, ווילט איר וויסן. — און מלכהלען רוקט ער דערווייל אָפּ פון זיך פאָרזיכטיק אבער פעסט. זיי קוקן זיך ביידע אן מיט עטוואָס אנגעבויגענע קעפּ און איינער דעם צווייטן גלייך אין די אויגן אריין. רודי הויבט אן גיין אף אים. — מיין נאָמען ווילט איר וויסן אף

ריכטיק. ווען ניט! — שרייט ער אויס — וועט איר פון דאנען ניט אוועקגיין?

— הויבט ניט קיין הענט, בעט איך אייך, דערוויילע — זאגט דער פאבריקאנט און זיין פנים און זיינע אויגן ווערן אנגעגאסן מיט בלוט. — איך האב ניט קיין מורא פאר אייך.

— מיין נאָמען ווילט איר וויסן אף ריכטיק, ווען ניט וועט איר ניט אוועקגיין פון דאנען?

ווען דער פאבריקאנט דערזעט מלכהלעס אויגן, וואָלט ער איינגעזען אז גוט וועט ער דאָ ניט אָפּשניידן. ניט געקוקט וואָס די גאנצע חברה בחורים וואָס זיינען געגאנגען מיט אים, זיינען געשטאַנען אף זיין זייט.

די מאמענטן זיינען געווען געשפאנטע. קלעפּ זיינען געווען אומפאר־מיידלעך. דער אנגרייפער, האָט זיך אויסגעוויזן וועט זיין רודי און אויס־געלאָזן האָט זיך פארקערט. ווען רודי האָט גענומען גיין ווידער אמאָל אף אים, האָט דער פאבריקאנט אים געטון אזא שווערן רוק פון זיך אז רודי איז הינטער זיך ארויפגעלאָפן אפן קוימען. ער האָט געכאַפּט א שווערן קלאַפּ אין קאָפּ. עס האָט אים גענומען רוישן אין קאָפּ און זיינע אויגן האבן פאר זיך די שיין ניט געזען. די חברה הינטער זיי האָט אויפגעלעבט. עס האָט זיך אויפגעהויבן א גערויש פון פרייד. מלכהלע האָט נאָר געטון א קוויטש און איז בלייך געוואָרן. מען האָט געהערט אלע מאָל אויסרופן: „דער גנב"! „דער גנב"! רודי האָט געוואָרפן אין יענע זייטן בליקן און זיין פנים איז ווידער הארט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך ווידער גענומען איינשטעלן אף אַן אָרט. און ווען ער האָט א קוק געטון אף מלכהלען, אף איר פנים און אירע אויגן, האָט ער געגעבן א פלי ארויף אפן פאבריקאנט מיט אזא שטורעם, מיט אזא ווילדקייט, אז ס'איז שווער געווען צו זען אין דעם מאָמענט וואָס עס קומט פאָר. די מאסע מענטשן וואָס איז געשטאַנען הינטערן פאבריקאנט האָט געפלויגן מיט אים מיט רודין צו די אייזערנע ווענט פון די קאיוטעס. ווען ניט די ווענט, וואָלטן זיי זיכער ווייטער גע־פלויגן. ס'איז געוואָרן א פאניק. איין מאטראס נאָכן אנדערן איז געלאָפן צו רודין. מען איז געלאָפן מעלדן דעם קאפיטאן. רודי האָט זיך געלאָזט

אפּפירן פון די מאַטראַזן אָן אַ זייט. ערשט איצט האָט ער געציטערט. ערשט איצט איז זיין שטערן געווען באַדעקט מיט שוויים.

זיין כוח האָבן אַלע באַוואונדערט. זיין כוח האָט בא אַלע אַנוועזנדע אַרויסגערופן שוידער אפן לייב. מען האָט אף אים געקוקט מיט אַנגסטן. ער האָט באמת אפּגעטון אַ שווער שטיקל אַרבעט. איצט האָט ער שוין קיין כוח ניט געהאַט אויפצוהויבן אַ האַנט. אין די שלייפן האָט אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער איז געשטאַנען אַזוי צעמישט, ווי ער זאָל האָבן אַראָפּגעפאַלן פון אַ גוואַלדיקער הויך אף דער ערד.

די חברה, וואָס האָט דעם פאַבריקאַנט געבראַכט דערצו, איז שוין צו אים ניט צוגעגאַנגען. די ערשטע, וואָס האָבן אים אַנגעוויזן אף רודין אַז ער זאָל זיין דער גנב, האָבן זיך אפן דעק שוין ניט געוויזן נאָך דעם ווי זיי האָבן אים געזען אַ צעבלוטיקטן. אַזוי ווי רודי איז געווען וויים ווי שניי אַזוי איז דער פאַבריקאַנט געווען רויט ווי פייער. ניט קוקנדיק וואָס ער האָט געבלוטיקט פון מויל און פון נאָז, האָט ער נאָך זיין רציחה ניט געהאַט אויסגעלאָדן. אָבער מען האָט אים שוין ניט צוגעלאָזן צו רודין. ער וואָלט זיכער איצט פון רודין געמאַכט אַ באַרג מיט אַש, ווייל רודי איז שוין קוים איינגעשטאַנען אף די פיס.

דער קאַפּיטאַן איז ניט אַראָפּגעקומען. ער האָט געהייסן זיי אוועקפירן צו אים.

די שיף גייט איר וועג. הימל און וואַסער. וואַסער און הימל. כוואַליעס נאָך כוואַליעס וואַרפן זיך אף דער שיף, און ווערן צו שוים. אַ וויסטע וועלט. אפן הימל איז דאָ אַ זון און אף דער וועלט אַ שיף. קיין גרוס פון דער לעבעדיקער וועלט ברענגט ניט קיין פויגל.

די ערשטע טעג האָט זיך דער אַלטיטשקער אף דער שיף געשראָקן צוצורוקן זיך נאָענט צו די ראַנדן פון שיף. איצט שטייט ער שוין באַם שפּיץ. ס'איז אים זייער היים האַלט ער דאָס וועסטל צעשפּילעט און אפן דאָס העמד און קילט מיטן ווינט זיין האָריקע איינגעדאַרטע ברוסט. זיין שטעקן הויבט ער אַלע מאָל אויף און ווייזט זיך אַליין עפּעס אָן, באַטש

אויסער הימל און ים איז ניטאָ וואָס צו זען, אבער ווער ווייסט צי זעט ער אויך גאָרניט?

מלכהלע ליגט אױף איר בעטל און וויינט. מען קלינגט, מען רופט צום עסן און זי גייט ניט. לעבן איר ליגן נאָך א פּאָר פרויען וואָס גייען ניט עסן: זיי פילן זיך קראַנק די גאַנצע צייט וואָס זיי פאָרן מיט דער שיף. אייניקע מענער כאַפּן אַלע מאָל א קוק אױף זיי. פון איינער טרעט אפילו ניט אָפּ גאַנצע טעג א בחור, א מולאַט. אייניקע דערציילן אַז זיי האבן געזען ווי ער שטעקט אַלע מאָל ארונטער זיין האנט אונטער איר קאָלדרע. ער שיילט פאַר איר מאַראַנצן און לייגט איר שטיקלעך אין מויל. פאַרנאַכט גייט זי אַראָפּ פון בעטל. זי זעצט זיך אױפן דעק מיט דעם טונקל-הויטיקן בחור און זיי דערציילן זיך שטיל געשיכטעס אזוי לאַנג ביז זיי זעען אַז אַלע ארום זיי, זיינען שוין איינגעשלאָפן — —

* * *

די שיף האָט זיך צוגערוקט צו א פּאָרט. שיפלעך קליינע האבן זיך גענומען ארומדרייען ארום דער שיף פון אַלע זייטן. שוואַרצע פנימער, ווייסע פנימער שטייען אױף דער יבשה און באַקוקן די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן. פון דער שיף, ווייסט מען פריער ניט אױף וואָס צו קוקן, מען וויל אַלץ זען. אבער יעדן געפעלט עפּעס אַנדערש. די מענער קוקן אױף די שוואַרצע טרעגער וואָס טראָגן געלאַדן אױף זיך אומגעהויער גרויסע קאַסטנס און זייערע בראַנזענע פּנימער באַרירן שיר ניט די ערד. ניט ווי קיין מענטשן קוקן זיי אויס נאָר ווי חיות, עס דוכט זיך אז זיי קריכן אױף אַלע פיר. אױף זיי קוקן ס'רוב די מענער פון דער שיף. די מיידלעך האָבן פאַרגעניגן צו קוקן אױף די יונגען וואָס שטייען אין ווייסע קאָסטיומען און לאָבן צו זיי ארויף. פאָכען מיט ווייסע טיכעלעך. פון דעם האָבן די מיידלעך פאַרגעניגן.

אױפן דעק פון דער שיף גייט איצט אָן א גאַנצער האנדל. מען האָט ארויפגעבראַכט צו פאַרקויפן פון די שענסטע פרוכטן. פרוכטן, וואָס מען ווייסט אפילו ניט זייערע נעמען. דאָס ארויפברענגען זיי איז צוגעגאַנגען שיין. די הענדלער האָבן מסתמא געוואוסט ווען די שיף דאַרף אָנקומען אין

פּאַרט, ווייל זיי האָבן זי שוין אָפּגעוואַרט מיט שיפלעך געלאָדן מיט אַל־דאָס־גוטס. ווי נאָר די שיף האָט זיך פאַראַנקערט, האָבן די שיפלעך זיך דערנענטערט צו דער שיף. זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן לאַנגע שטריק, די בחורים האָבן זיי אָנגעכאַפּט, זיי פאַרבונדן אָן די אייזנס און איינער פון שיפל האָט קלעטערנדיק אָפן שטריק, באַלד אַרויפגעקומען אָפן דעק. אַ צווייטער פון שיפל האָט אים באַלד מיט דער זעלבער שטריק אַרויפגע־שיקט קוישן מיט מאָדנע פּירות און ווײַנען, ניס, פייגן און אַנדערע גוטע זאַכן. דער וואָס האָט נאָך געהאַט אַ דאָלאַר צי מער האָט געביטן און געקויפט זיך עפּעס צו דערקוויקן דאָס האַרץ, די וואָס האָבן ניט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן, זיינען אייניקע פון זיי געלעגן אויף זייערע בעטלעך פאַר קרענקונג, און אַנדערע זיינען געשטאַנען פון דער זייט אָפן דעק און האָבן געקוקט אויף די גוטע זאַכן מיט שטומע אויגן.

רודין מיידט יעדערער אויס. מען קוקט אויף אים מיט אומצוטרוי און פאַראַכטונג. ער איז צופרידן וואָס מען לאָזט אים צורו. ער וואָלט געווען צופרידן ווען מלכהלע זאָל אים אויך לאָזן צורו. ער וויל זיין אינגאַנצן אַליין. אַליין אין דער גרויסער וועלט. זי ווערט צו גוט צו אים און צוליב דעם קען ער זי ניט פאַרליידן. ער וויל קוקן אָפן רעשיקן ים און טראַכטן וועגן די יאָרן אויף וועלכע זיין לעבן איז געהאַנגען אין געפאַרן. אַזוי פיל גע־פאַרן זיינען געווען. אַזוי פיל וועגן זיינען געווען אויף וועלכע ער האָט גע־בלאָנדזשעט. דעם איינציקן וועמען ער האָט לעבן זיך בעת ער טראַכט איז דזשים. ווי נאָר ער נעמט טראַכטן אפילו וועגן אַזעלכע געשעעענישן וואָס זיינען פאַרגעקומען מיט פיל יאָרן צוריק, וואַקסט אויס דזשים פאַר די אויגן און פרעגט איבער אפשר צום טויזנטסטן מאָל זיין טענה:

— „איך האָב רעכט צו לעבן אויף דער וועלט צי ניט”?

רודי ווערט אויף אים בייז פאַר דער טענה, למאי ער האַלט זי אין איין איבערכאַזערן. אָבער ער קען אים מיטן געדאַנק ניט אָפּטרייבן פון אָרט. אַלע געשעעענישן וואָס זיינען פאַרגעקומען באַ דזשימען אין שטוב גייען דורך פאַר די אויגן פּונקטלעך ווי זיי זיינען פאַרגעקומען. אָבער ניט נאָר

פון די געשעענישן וואס זיינען פארגעקומען ביי דזשימען אין שטוב איז צוזאמענגעשטעלט זיין לעבן. ער האט דאך עפעס א פארגאנגענהייט מיט ווילדע יארן. ער האט דאך עפעס א פארגאנגענהייט מיט עפעס א שטי־בעלע, מיט טעג ווי בלומען פארביק און שמעקעוודיק. מיט דריי קינדערלעך קליינינקע וואס פלעגן זיך אנהענגען פון אלע זייטן אף אים און צוויטשערן ווי די פויגעלעך. פארוואס פארטרייבן זיי ניט דעם בלייכן הונגעריקן דזשים פון די אויגן און שרייען ניט אוים: טאטע! — דאס אלץ קומט ניט צו. אין די נעכט האט ער דערפון גרויסע יסורים. ער וויל זיך נעמען דער־מאנען און קען ניט. ווען ער הויבט אן אין פינצטערע שעהן אף זיין בעטל ארויסרופן די טעג פון יענעם לעבן, ווערט א מיש־מאש אין קאפ. עס פאלן אן שאטנס אף די אויגן. ער פרואווט איינגראבן זיין פנים אין זיינע הענט און ער זעט גארניט. ער וואלט וועלן כאטש רגעם אויסגראבן פון קבר וואו דער טאטע רודי פון דריי קינדערלעך ליגט באגראבן, — גארניט. וואלט זיך דזשים אפשר ניט געשטעלט פאר די אויגן — מיינט ער — וואלט זיך אפשר עפעס יא דערמאנט. דזשים שטעלט זיך אוועק פאר די אויגן נאך העכער ווי ער איז אין דער אמתן און רעדט אויסגלאצנדיק זיינע אויגן:

— איך האב רעכט צו לעבן אף דער וועלט צי ניט?

אמאל, באטאג, גיט א טראכט, רודי: אפשר זאל איך זיך ניט אנ־שטרענגען אף צו דערמאנען זיך. אפשר מאך איך נאך מיט דעם ערגער. אפשר וועט עס אליין קומען. אפשר ווען איך וועל זיין אין דעם נייעם לאנד און ווען, אפשר, איך וועל קענען פירן א נארמאל לעבן, אפשר דער־מאלט וועט זיך אפזעצן דער גערויש אין קאפ און עס וועט ווערן קלאר פאר די אויגן און דער געדאנק.

נאך אזעלכע שעהן פון טראכטן, פון זיך ראנגלען מיט זיך, הויבט ער זיך אויף א פארמאטערטער. עסט ניט מיט אפעטיט, ענטפערט ניט מלכהלען אף וואס זי פרעגט. האט ניט קיין רו וואו ער שטעלט זיך. ער הויבט פלוצים גאר אן עמיצן ארייננקוקן אין פנים, וועלכער ווערט אף אים דערפאר אויפ־געבראכט און באליידיקט אים פאר אנדערע. רודי איז גארניט אויסן מיט

זיין אריינקוקן יענעם אין פּנים. ער זעט יענעם גאָרניט. ער זעט אין אַזאַ מאָמענט בכלל ניט קיין מענטשן. עס וויגט זיך ווי אַ וואַנט, אַ גראָע, פאַר די אויגן. ער וויל שוין דערלעבן אַראָפּגיין פון דער שיף. ער מיינט אַז דער ים האָט אויף אים אַזוי שלעכט געווירקט. אָדער יענער קלאַפּ מיטן קאָפּ אין קוימען. ווען ער איז געווען אויף דער יבשה, די גאַנצע צייט פון זינט ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, האָט ער אַזאַ טומל אין קאָפּ ניט געהאַט. דעם לעצטן טאָג פאַרן אָפּפאָרן מיט דער שיף האָט ער זיך שוין גאָר געפילט גוט. אפשר דערפאַר וואָס ער איז ניט געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך און האָט גאָר ווייניק געטראַכט. ער האָט זיך ניט גערעכנט אַז אַזוי וועט אים אויסקומען צו זיין אויף דער שיף אָפּגעשטויסן פון אַלעמען און אָפּגעלאַכט.

איין פרימאָרגן, ווען מלכהלע איז אַרויף אויף דער דעק, האָט זי רודין ניט געטראָפן. זי האָט אים אַרומגעזוכט מיט די אויגן אין אַלע ווינקלען. פאַר האַלבן טאָג, ווען זי איז אַזוי געזעסן אַ פאַרזאָרגטע, איז צו איר צוגעגאַנגען אַ בחור און איר נאָך אַנגעשאַטן זאַלץ אויף אירע וואונדן. ער זאָגט צו איר:

— וואָס זיצט איר אַזוי פאַרזאָרגט, איר בענקט נאָך אייער קאַוואַליער? ער ליגט. ס'וועט אים גאָרניט זיין. ער איז דול, ניט מער. גאָט וועט העלפן. זאָרגט ניט פריילין. — ער האָט עס אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך איבערגעבויגן פון דער שיף, אַ קוק געטון אויפן ים און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיינע חברים וואָס זיינען געזעסן אויף דער ערד אויסגעזעצט אין אַ קרייז און האָבן געשפּילט אין קאָרטן.

מלכהלע האָט קיין אָרט פאַר זיך ניט געפונען, ווייל, פּונקט ווי רודי, איז זי געווען אויסגעלאַכט פון אַלעמען אויף דער שיף. ביז אַהער, אָדער זי פלעגט זיין לעבן רודין, אָדער זי פלעגט ליגן בא איר אויפן בעטל. איצט האָט זי ניט קיין תקומה. אויפן בעטל קען זי ניט איינליגן, ווייל די היץ איז אַ נעווייניק איז אומדערטרעגלעך. די לופט איז אַזוי זויער אַז מען קען ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אפילו די פּאָר קראַנקע ווייבער וואָס זיינען די גאַנצע

מאנטרעאל - יודישע ... LIBRARY

צייט געלעגן אין די בעטן האָבן שוין איצט געמוזט פאַרלאָזן די געלעגערס און ליגן אויף דער דעק. אבער פון זיי שפּאָט מען ניט און פון מלכהלען שפּאָט מען. די בחורים ליגן אויסגעלייגט איבער דער גאַנצער דעק און זי האָט זיך ניט וואו אהינצוטון. אראפגיין צו רודין און אים אויפזוכן, האָט זי זיך גע־שעמט פאַר די געפּערלעכע צינגער פונם פּראָסטן, ביליקן עולם. כאָטש אַ פּאָר מינוט וואָלט זי וועלן זיין לעבן אים. אַ קוק טון אויף אים בלויז. זען ווי זעט ער אויס. טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. זי האָט אפילו ניט קיין ווינקל וואו זי זאָל זיך קענען אוועקשטעלן און זיך אויסוויינען אומגע־שטערט. אויסוויינען זיך אביסל פאַרן ים. דערציילן אים וואָס פאַר אַ לעבן מען לעבט, וואָס איז פול מיט פּיין און געוויין פון וועלכן דער ים ווייסט גאָרניט. דער ים וועט דאָך ניט אפּלאַכן.

אנגעבויגן איבערן שיף שטייט מלכהלע און וויינט. זי וויינט אבער אזוי שטיל אז קיינער קען גאָרניט באמערקן פון הינטער איר. עס טוט ניט איר גוף דעם קלענסטן ציטער ווי שטענדיק ווען זי וויינט. שטייט רואיק אנגע־שפּאַרט אָן די אייזערנע שטאַנגען. דאָס פּנים קוקט גלייך פאַר זיך און גרויסע טרערן פאַלן פון די אָפענע אויגן אין ים אריין.

אנדערע האָבן זיך שוין גאָר פאַרגעסן אז זיי פאָרן אויף אַ שיף. זיי גיבן שוין גאָרניט קיין קוק אָפן ים. די איינציקע וועלכע קוקן נאָך אָפן ים, דאָס זיינען די מיידלעך וועלכע פאָרן צו חתנים. נאָך יעדן טאָג ווערן זיי אומרואיקער. די בחורים שפּילן אין קאָרטן און פאַרקוקן זיך אויף די מייד־לעך בלויז דעמאָלט, ווען אַ ווינט הויבט אָן צו בושעווען און נעמט אונ־טערהויבן די קליידלעך. אזוי זיצן זיי פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין און שפּילן אין קאָרטן.

ווען די שיף האָט פאַרלאָזן דעם לעצטן פּאָרט און זיך גענומען דער־נענטערן צו בוענאָס־איירעס, האָט זיך רודי באוויזן אויף דער דעק. ווען מלכהלע האָט אים דערזען, האָט זי זיך ניט געקענט באהערשן. זי האָט אים ארומגעכאַפּט און זיך אזוי פּיינלעך צעוויינט, אז קיינער האָט זיך ניט דער־

וועגט דאָס מאָל צו שפּעטן פון איר און פון אים. אפשר דערפאַר וואָס אַלע זיינען שוין געשטאַנען פול מיט אייגענע זאָרגן. רודי האָט געדריקט פעסט אירע הענט, ווייל רעדן האָט ער ניט געקענט צו איר. ס'איז אים ענג געווען אין האַלז: טרערן האָט אים געוואָרגן. און וואָס מער זי וויינט אַלץ מער ווילט זיך אים וויינען. מען קוקט אויף זיי פון אַלע זייטן אָבער קיינער שפּאַט ניט. באַ אַנדערע גיסן זיך אויך אָן די אויגן מיט טרערן.

רודי דערציילט איר אַז ער איז ניט געווען קראַנק. ער איז אַזוי געלעגן. ער זאָגט אַז ס'איז אים געווען בעסער צו ליגן אַליין אין דער שרעקלעכער היץ, איידער זיצן און הערן פון אַלע זייטן זידל־ווערטער. ס'איז טאַקע ניט קענטיק אויף זיין פּנים אַז ער זאָל האָבן געווען קראַנק. ניט מער וואָס זיינע אויגן זיינען געוואָרן טיפער און רואיקער.

אַלע זיינען שוין געשטאַנען אויסגעפּוצט. די מיידלעך מיט די היט אויף די קעפּ מיט נייע קליידער וואָס האָבן עס איצט אָנגעטון דאָס ערשטע מאָל אויף זיך. אָבער זייערע אויגן זיינען פייכט. באַ יעדערער פון זיי קלאַפּט דאָס האַרץ גאָר אַנדערש ווי שטענדיק. רודי בעט מלכהלען זי זאָל זיך אויך אויספּוצן. זי וויל ניט. ער בעט זי און שטייט צו צו איר אַזוי לאַנג ביז זי פאָלגט אים. ער אַליין העלפט איר זיך אויספּוצן. ער אַליין טוט אָן אויף איר די נייע הוט וואָס ער האָט געטראָגן אין האַנט פיל מאָל און געהיט אַז זי זאָל זיך ניט צעקנייטשען. אין ראַנד פון דער הוט בייט זיך איר פּנים און דאָס רופט אַרויס אין זיין האַרצן אַ פריידע. אירע אויגן קוקן אויף אים און ווילן שטאַרק וויינען. ער ווייסט וואָס אין איר האַרצן קומט פאָר, לאָזט ער ניט אַז אירע אויגן זאָלן זיך אָנטרעפן מיט זיינע.

ער שטייט איבער איר ווי אַ טאַטע און זעט אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג. לייגט צונויף אירע זאַכן. געפינט באַ איר פּאַרפום, באַשפּריצט ער זי און באַנעצט אירע האָר וואָס הענגען אַרויס פון דער הוט. אירע אויגן זיינען פייכט און שמייכלען. רודי קאָן דעם דאָזיקן שמייכל פון אויגן ווען זיי זיי־נען פייכט פון טרערן. ער ווייסט אַז אַזאַ שמייכל קען פּלוצים אויפרייסן און דער גוף זאָל זיך נעמען וואַרפן אין קאַנוואַולסיעס. ער קאָן דעם דאָזיקן שמייכל, דעריבער טוט ער מיט אַלע מיטלען אויף ניט צו דערלאָזן זי לאַנג

צו טראַכטן וועגן איין זאַך. אַלע ווײַלע רעדט ער צו איר עפּעס אַנדערש. און אַז זי ענטפערט ניט באַלד, הויבט ער זי אָן איבערפרעגן אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל ביז ער צושטרייט זי.

ער הערט ווי איר האַרץ קלאַפּט. אָבער זי בארואיקט זיך. ער האָט זי באַרואיקט. אָבער ער אַליין זאָל זיך וועלן באַרואיקן דאָס קען ער ניט. איר אַנוועזנהייט הויבט אים אָן נאָגן. ער פילט עפּעס אַזוינס, ווי אַ וואָרים זאָל ליגן אין אים און זויגן דאָס בלוט. דעריבער איז ער דאָך אָפּגעלעגן עטלעכע טעג אויף זיין בעטל כדי איר ניט צו זען, כדי זי זאָל אים ניט זען.

ער האָט געמיינט אַז ער באַדאַרף אויסבאַהאַלטן פון איר זיינע אויגן. אָט קוקן זיי זיך אָן. אָט שטייען זיי מיט פּנים צו פּנים, אויגן צו אויגן און שמייכלען אַזוי ליבטיק. אמת, דער שמייכל איז ניט קיין נאַטירלעכער, אָבער אויך ניט געפּערלעך. זי פרעגט אים:

— ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין חתן, וואָלט איר מיר ליב געהאַט?..

— קינד — זאָגט ער צו איר און גיט זיך בלומרשט אַ בייזער, — קינד, איך בין דאָך שוין אַן עלטערער מענטש. כ'בין דאָך אפשר עלטער פון אייך מיט צען יאָר. איך האָב דאָך דריי קליינע קינדערלעך.

— יאָ, דאָס האָט איר דאָך שוין מיר געזאָגט אַז איר האָט דריי קינ־דערלעך. איך האָב ליב קליינע קינדערלעך. כ'וואָלט געוואָלט זיין לעבן אייך. און איר זאָלט זיין לעבן מיר.

— אָ, קינד — רופט ער אויס און מאַכט אַוועק מיט דער האַנט אירע רייד — איר וואָלט קיין וואָך צייט לעבן מיר ניט געווען, ווייל אָט בין איך גוט און באַלד בין איך שלעכט.

— ניט אמת. לעבן מיר זענט איר די גאַנצע צייט געווען אַ גוטער.

— ווייל לעבן אייך. ניין, ניין, ניט ווייל לעבן אייך — וויל ער כאַפּן צוריק זיינע ווערטער — איך בין געווען אַ גוטער צו אייך ווייל איר זענט אַ פרעמדע.

— אַ פרעמדע? — און עס ווערט פאַרביטן איר קול — אַ פרעמדע, און איך האָב אַזוי פיל געבענקט און אַזוי פיל געוויינט. אפשר האָט איר גאָר געלאַכט הינטער מיינע אויגן.

ער קוקט זיך ארום און זוכט עפעס פאר זיך וואָס זאָל קענען אים געבן א מאָטיוו צו רעדן וועגן עפעס אנדערש. ס'איז אבער גארניט ניטאָ עפּעס אזוינס. לעבן זיי אונטן איז קיינער שוין ניטאָ. אלע זיינען אף דער דעק. אלע קוקן שוין אויס אז דאס לאנד זאָל זיך שוין דערנענ־טערן.

— כ'האָב ניט געמיינט צו זאָגן א פרעמדע ווי איר פארשטייט. איך וויים ניט קלאר ווי דאס צו זאגן איצט. אזוי צי אזוי, מוזן מיר וואס פרעמדער בלייבן איינער צום אנדערן.

זי גיט ניט קיין ענטפער. אבער ער זעט און פילט אז זיינע ווערטער האָבן ווי פיילן געטראפן איר אין הארץ אריין. ער פרואווט פארבעסערן:

— און איך זאָג אייך צו, אז איך וועל אייך אייביק דערמאנען צום גוטן. קיינעם וועל איך אזוי ניט דערמאנען צום גוטן, ווי אייך. וואָס נאָך?

— גארניט. אלץ איינס האָט מיין לעבן שוין פון איצט קיין ווערט ניט. אלץ איינס וועל איך ניט לעבן. ניט דערפאר — — —

— איך וואלט עס באדארפט זאגן, ניט איר. איר פּאַרט צו א מענטשן, וועמען איר האָט אוודאי ליב. איר פארט צו א היים. אייך וועט זיין גוט, מלכהלע, אבער איך? צו וועמען פאָר איך? ווער וועט אויסרופן מיין נאָמען און מיר געבן א האנט? אף וועלכן טיש וועט זיין געגרייט פאר מיר דאס עסן? — וויינט ניט, מלכהלע. עס קומט אויס, אז איך באקלאָג זיך; אבער אין דער אמתן באקלאג איך זיך ניט און וועל זיך ניט באקלאגן. ווײנען וואָלט איך דאך באדארפט, ניט איר. אָט, זעט איר, לאַך, איך גאָר. — וויינט ניט, בעט איך אייך. ערגעץ וואַרט א מענטש און קוקט אוים זיינע אויגן, צו דערלעבן אייך וואָס גיכער זען. איר הויבט ערשט אָן צו לעבן. ערשט איצט ווערט איר געבארן. ווישט אוים די אויגן און קוקט אָן גוט די שעה פון אייער געבוירן. ס'וועט אייך אמאל זיין ליב זיך צו דערמאנען אָן דער דאזיקער שעה... ניט איינמאל וועט איר טראכטן וועגן דער דאזיקער שעה. וויינט ניט. איר האָט שוין פארשוואָלענע אויגן. איך וואָלט אויך וועלן דערמאנען יענע שעה, נאָר איך קען ניט. איך וויים נאָר, אז א שטורעם איז אנגעפלויגן און אויסגעריסן מיין לעבן מיטן וואָרצל. וואָס נאכער איז

פאַרגעקומען — געדענק איך, אבער וואָס פאַרן שטורעם איז געווען — קען איך מיר ניט דערמאַנען. די לעצטע טעג, ליגנדיק אליין אויף מיין בעטל, האָב איך יאָ עפּעס אנגעכאַפּט מיטן געדאַנק. וויינט ניט!

דאָס, וואָס ער זאָגט איר: וויינט ניט, איז נאָך ערגער. זי וויינט נאָך מער. אויף זיין האַנט וויינט זי. זי וויל ניט אָפּלאָזן זיין האַנט. זי זאָגט:

— זאָגט מיר בעסער וואָס זאָל איך איצט טון?

— יאָ, קומט וועלן מיר זיך שטעלן אין דער הויך וואו אַלע שטייען און מירן אויסקוקן. איצט וועלן זיי שוין פון אונז ניט שפּאָטן. יעדער איז שוין איצט פאַרנומען מיט זיך. אין אַזאַ שעה איז שווער צו לאַכן.

— נעמט מיך מיט אייך — און זי גראַבט איין אירע אויגן אין זיין אַקסל.

— וואו זאָל איך אייך מיטנעמען? נעמט מיך מיט אייך. איר רעדט ווי איר וואָלט גאָרניט געווען באַם זינען. הערט אויף! איך גיי אוועק פון אייך.

זי לאָזט אים אבער ניט אוועקגיין פון זיך. פון וויינען איז זי איבער־געגאַנגען אין צאָרן. ער גלעט זי. ער ווישט פון איר פּנים די טרערן. עס קלאַפּט אים אין האַרצן ווי עמיצער וואָלט דאָרט געקלאַפּט מיט אַ האַמער. ער דריקט זי צו זיך. זיינע אויגן ווערן ווילד. אַלץ נענטער ווערט זיין פּנים צו איר פּנים. ער ווייסט גאָרניט וואָס ער טוט. האַרץ צו האַרץ דריקט זיך אַליין צו. ליפּן אין ליפּן פאַרעסן זיך אַליין איין. אַ ווייל איז געווען פינצטער אין די אויגן. אבער דערנאָך האָט זיך דער נעפּל גענומען פאַרוויישן און ס'איז געוואָרן רואיק און גוט אַרום זיי.

— איר וועט גיין מיט מיר. מיט אונז וועט איר וואוינען.

— גוט, — זאָגט רודי און פירט זי אויף דער דעק.

פון צופיל וויינען האָט די זון איר געשטאָכן אין די אויגן. דאָס האָט אבער איר ניט געשטערט אַז איר זאָל זיין גוט אָפּן האַרצן. ערשט איצט האָט זי דערפילט אַז איר לעבן גייט איבער אין אַן אַנדער וועלט. ערשט איצט האָט זי דערפילט עפּעס אַזוינס וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט גע־

פילט. ס׳איז עפּעס אַלץ אַזוי שיין. אַלץ אַזוי ניי. זי האָט אַזוי גאָר קיינמאָל קיין זאַך פאַר זיך אַזוי ניט געזען. אַלץ זינגט. ווי ווייסע פליגל שוועבן אַזוי ווי פון דער זון צו איר. אַ וועלט גייט אַנטקעגן אין יום־טוב געהילט.

רודין איז אויך גוט. ווען מען גיט אַ קוק אריין אין זיין פּנים, זעט מען אַז דער מענטש לעבט איבער אַ שיינעם חלום. מען הערט ווי זיין אויסדרוק זאָגט: די גאַנצע וועלט איז איצט מיינע. די גאַנצע וועלט געהערט רודין.

פערטער קאַפּיטל

אָט איז דאס לאנד. אט איז די ערד. אָט זיינען מענטשן וואס זיינען ענלעך צו אלע מענטשן. די שיף גייט לאנגזאם אריין צווישן די שיפן און פאראנקערט זיך. פון אונטן זעט מען די מענטשן אף דער שיף ניט אזוי גוט, ווייל ס'איז פארנאכט. מען זעט נאָר ווי זיי באוועגן זיך אין גרויסער אומ־ארדנונג, ווי זיי וואלטן געטאנצט. גרוסן פליען אראפּ און ארויף פון ווייסע טיכעלעך וואָס וויגן זיך אין דער לופט ווי טויבן. מען שרייט אראפּ און מען שרייט ארויף. מען רופט אוים א נאָמען און ווען דער נאָמען האָט געטראָפן, לויפט ווי א פארוואונדעטער צום ראנד און ענטפערט אָפּ מיט א ווילדן יובל־געשריי. קיינער רעדט ניט מיט זיין אייגן קול נאָר מיט א פרעמדן. קיינער ווייסט ניט וואס מיט אים טוט זיך. עס ווייסן בלויז די, וועמענס נעמען וועלן פון קיינעם ניט אויסגערופן ווערן. זיי ווייסן אף וועל־כער וועלט זיי זיינען. די פאנאנדערגעוויקלטע שטאָט פון חלומות טויט ניט אָפּ די וואָר וואָס שטייט ווי א הונט באַ יענעמס פיס וועמענס נאָמען ווערט ניט אויסגערופן פון קיינעם.

רודי וואלט אויך מיט דעם געדאנק פון די דערמאנטע געשטאַנען ווען ער וואלט ניט געוואוסט פון דעם נאָמען: מלכהלע. אזוי האָט ער פארגעסן אָן זיך. ער איז אויך מלכהלע. זיין נאָמען לעבט ניט מער אין דער דאָזיקער שעה. עס לעבט: מלכהלע.

— מלכהלע! — ווערט פלוצים אויסגעשריגן פון אונטן. דער אויסגע־שריי האָט איר פארוואונדעט. זי דריקט זיך אָן רודין ווי זי וואלט געפילט

נאָענט א סכנה. ער רוקט זיך אפּ פון איר. גיט איר א קוק אין פּנים און זי קומט צו זיך. אבער איר נאָמען זאָל ענטפערן איר נאָמען וואָס איז צו איר געפלויגן פון אונטן — ענטפערט ניט. עס קומט איר אָן שווער צו עפענען דאס מויל. זעען זעט זי אים. זי ווייזט אן רודין איר חתן וואס שטייט אין א קליין שיפל באם ברעג וואסער. דארט שטייען עטלעכע. נאָר זי ווייזט אים אף איינעם וואס שטייט אין א העלן קאסטיום, און אין איין האנט האלט ער זיין הוט און אין דער צווייטער — בלומען.

זי זעט דאס פּנים אויך. זי וואלט געזען זיין פּנים ווען ס'איז אפילו נאָך טונקעלער. ניט די ליבע העלפט דאָ, ווי אנדערע זאָגן, נאָר דאָס פּנים וואקסט אוים וואו דער געדאנק זאל עס ניט ארויסרופן. אבי ער איז דאָ אין זכרון. רודי זעט אבער ניט זיין פּנים, ווייל ער האָט אים קיינמאל ניט געזען.

זי זעט ווי ער הייסט דעם שיפער רודערן נענטער צום שיף. ווען ער איז צוגעשוואומען נענטער האָט ער זי דערזען. רודי האָט זיך געוואלט אפּרוקן עטוואס פון איר, ער זאל ניט שטיין אזוי נאָענט פון איר, האָט זי אים אבער צוגעהאלטן פעסט און ניט געלאזן. קיין ווידערשטאנד, מיט כוח האָט ער זיך ניט געריסן. ער איז געווען צופרידן פון דעם אויך.

גאָט האָט געהאלפן — ווי מען זאגט — און זיי זיינען מיט מזל אראפּגעגאנגען פון דער שיף. רודי האָט שוין געמוזט גיין לעבן איר, ווייל ער האָט געטראָגן — חוץ זיינע — אירע אייניקע קליינע פּעקעלעך. ער האָט געזען, אז ניט גוואלדיק איז געווען דאס ארומכאַפּן זיך מיט אים. ער יאָ, פארשטייט זיך. רודי האָט גוט געקענט צוקוקן, ווייל ער איז ניט געווען ווי אלע צעטומלט. ער איז געשטאַנען אין דער פאַזע און אין דער לאגע פון א פורמאַן וואָס האָט זיין פאסאזשיר געבראכט אף אן אָרט: קושט זיך, דריקט זיך — מיר גייט עס ניט אָן. גאָר אנדערש, פארשטייט זיך, וואלט אויסגעזען רודי, ווען מלכהלע זאל ניט געווען זיין לעבן אים.

רודין טוט אביסל באנג פארוואס מלכהלע ענטפערט אזוי קאלט אף דער הייסער ליבע פונם חתן. ער וואלט וועלן בעסער אז זי זאל ליב האָבן איר חתן און זיך עלטערן מיט אים. ער, רודי, וויל שוין ניט האָבן צו טון מיטן גליק. ער ווייסט גאנץ גוט און פארשטייט גאנץ גוט אז ער מיטן גליק

וועלן שוין קיינמאָל ניט קענען זיין קיין פּאָרל. ער שטעלט זיך ניט פּאָר אַף וועלכן וואָגן דאָס לעבן זיינס וועט אים נאָך פירן אָבער אַף קיין טראָן, וועט ער זיך שוין אליין ניט לאָזן זעצן. דאָס פּראָסטע לעבן, דאָס אָפּגעזונ־דערט לעבן וויל ער זאָל זיין רואיק און אַרומגעצאַמט. נישט קיין פויגלען זאָלן פליען צו די פענצטער און נישט קיין שטיינער זאָל מען וואַרפן אין זיין טיר.

זי באַקענט זיי ביידן. רודי גיט דאָס ערשטע מאָל, אָבער גוט, א קוק אין פּנים און ער אַנטוישט זיך. ער דערזעט פאַר זיך א ערלעך פּנים און ערלעכע אויגן. ניט קיין שיינער אָבער זעט זיך אָן צו זיין ניט קיין נאַריי־שער. ער האָט רודין וואַרים און פעסט געדריקט זיין האַנט און אים פאַררופן צו זיך.

רודין האָט זייער צופרידנגעשטעלט זיין אַרט בעטן. באַלד איז ער אָבער געבליבן אביסל אומצופרידן: דער חתן האָט א רוף געטון פון דער זייט עטלעכע בחורים וואָס זיינען געשטאַנען — זיינע חברים וואָס זיינען מיט אים געשטאַנען אין שיפל — און זיי גערופן מיט זיך. ער האָט רודין מיט זיי אַלעמען באַקאַנט געמאַכט און זיי האָבן זיך געזעצט פאָרן.

רודי האָט ניט פיינט צו זיין אין א געזעלשאַפט. קיינעם פאַרשעמט ער ניט. ער קען אין יעדער געזעלשאַפט שפּילן א ראָל מיט וועלכע „שפּי־לער" ער זאָל זיך ניט געפינען. די בחורים, מיט וועלכע ער האָט זיך באַ־קאַנט איצט, זעען אים אויס צו זיין פון שווערן ערלעכן לעבן אָבער איצט, דווקא איצט, וואָלט ער ניט וועלן זיין צווישן פיל מענטשן. אין דער גע־זעלשאַפט פון מלכהלע מיט איר חתן וואָלט געווען גענוג.

מלכהלע קוקט אַף רודין מער ווי אַף איר חתן. רודי רוימט איר אריין אין אויער:

— איר האָט ניט קיין שכל.

מלכהלע האָט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט. זי האָט שוין טאַקע אויפגעהערט צו קוקן אַף אים. רודי הערט ווי די בחורים ריידן מיטן חתן און פון זייער שמועס און פון זיי אליין ווייעט מיט היימישקייט. מיט פּראָסטקייט. זי הויבט אָן ווידער צו קוקן אַף רודין. ער דרייט אַוועק דעם קאָפּ און זי לאַכט. ער בעט זי מיט די אויגן אַז זי זאָל איינזיצן רואיק.

פונקט ווי רודי ווען ער איז אַן מלכהלען וואלט ער אין דער דאָזיקער שעה פארצווייפלט געמוזט ווערן, פונקט אזוי ווען מלכהלע איז אַן אים וואָלט געווען אומגליקלעך. אומגליקלעכער פון אים. פאר אים אין אזא לאגע, שפרינגט ווי פון דער ערד ארויס א צופאל. ער איז רייך מיט איינ־פאלן און מיטלען. שטענדיק ווען ער איז אין א שלעכטער לאגע קומט אים צוהילף א געשעעניש. מלכהלע ווייסט אבער ניט פון קיין געשעענישן. זי וואלט פארלארן געגאנגען אין איר טרויערן נאָך דעם, ווי זי האָט רודין פאר זיך דערזען. בא איר אין קאָפּ איז אנגעווארפן א פּלאן א גאנץ אנדערער ווי רודי און איר חתן שטעלן זיך פאָר.

באם חתן פון די ליפּן רינט אויך ניט דאס האניק פון ליבע ווי בא אנ־דערע חתנים. ער זיצט רואיק און שמועסט מיט די חברים זיינע וועגן זאכן פון וועלכע רודי האָט גאר קיין אנונג. ער הערט זיי אויך ניט גוט: דער גערויש פון דער גאס שרייט זיי איבער. דאס אליין וואס דער חתן פאר־קוקט זי ניט אין די אויגן נאָך פיר יאָר צייט וואָס ער האָט זי ניט געזען, דאָס אליין איז א גענוגער באווייז פאַר רודין אז דער בחור האָט ערגעץ אויך ניט קיין גאָרטן מיט בלומען.

ער ווייסט נאָך ניט, רודי, וואו ער וועט האָבן נאכטלעגער. אבער ער איז רואיק. ער ווייסט אז אף דער גאס אונטערן פרעמדן הימל וועט אים ניט אויסקומען צו ליגן.

זיי זיינען אויסגעשטיגן פונם טראמוויי און אלע זיינען אוועק צום חתן אין שטוב.

אַ צימער. אַ בעט, א שאפע, אַ טיש. אלץ, זעט מען, זיינען נאָר וואס פון קראָם ארויס. מלכלה איז פריילעך, זי איז ניט פריילעך פון דער נייער היים אָדער פונם חתן. זי איז פריילעך וואָס רודין זעט זי לעבן זיך. דער חתן שטעלט שוין אַן אפן טיש פלעשער מיט וויין און צוביסן. די חברים זיינע ווערן אויפגעהייטערט, זיי צעזעצן זיך. איינער הויבט שוין אפילו אָן אונטערצוזינגען. דער חתן וויל זי זעצן אויבן־אָן לעבן זיך, וויל זי ניט. זי וויל זיך ארומדרייען איבערן שטוב. זי וויל בעסער אלע מאָל א קוק טון

אף רודין און א שמייכל טון. אבער רודין שמייכלט זיך עפּעס איצט ניט. דער חתן הייסט זיך אים זעצן, זעצט ער זיך אָן איבעריקן ווילן.

מען נעמט זיך צו די פלעשער. די קאָרקעס רייסן אויף און מען טרינקט אָן צערעמאָניעס, אָן גרויסע, פיל ווערטערדיקע וואונטשן. פאר רודין איז עס אביסל אומפארשטענדלעך, אבער עס געפעלט אים, אָן א פארוואָס.

רודי האָט אויך אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך. ער האָט געטרונקען וויפל אלע האָבן געטרונקען. בלויז דער חתן האָט מיט אלעמען גלייך ניט מיט־געטרונקען. נאָכן צווייטן גלעזל איז ער געוואָרן ערנסט און האָט כסדר געקוקט אף מלכהלען. מלכהלע האָט געטרונקען גלייך מיט אלעמען. דער חתן אירער האָט איר ניט געלאָזט, אָבער זי האָט אים ניט געפאָלגט. אלע האָבן פארלאָרן די קעפּ, נאָר ניט רודי און דער חתן. מלכהלע איז ארויס פון די כלים און האָט זיך געהאָנגען ביי רודין אפן האלז. קיינער און דער חתן אליין האָט אויך ניט געהאט אף איר קיין פארדרוס. אבער רודי איז ניט געווען צופרידן. ער האָט זי יעדעס מאָל, ווען זי איז צו אים צוגעלאָפן — געבעטן אוועקגיין.

— וואו וועט איר שלאָפן? — האָט רודין דער חתן געפרעגט פון דער זייט, אז קיינער זאָל ניט הערן.

רודי האָט א הויב געטון די אקסלען און א שמייכל געטון. — ער ווייסט ניט.

— נעמט אים צו צו אייך, חברים, — האָט ער זיך געווענדעט צו די פריילעכע יאַטן, וועלכע האָבן שוין ניט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט זיי.

— מיט מיר, מיט מיר, — האָבן אלע גענומען שרייען.

רודי איז געזעסן פארקלערט און זיי אלעמען אָנגעקוקט ווי זיי קריגן זיך איבער אים. וואלטן זיי ניט געווען שכור, וואלט ער זיך אנדערש גע־פילט אין אזא צושטאנד. אָבער אזוי־ווי זיי זיינען געווען שכור, האָבן ניט געטראכט וועגן דאס, וואס זיי זאָגן, האָט עס אים ניט געארט, אויך מלכהלע וואלט אנדערש גערעדט, ווען זי איז ניכטער.

די חברה האָט ניט געוואוסט פאר וואס דער חתן דרייט זיך ארום אזוי אומרואיק. זיי זיינען ניט געווען באם פארשטאַנד. אבער רודי האָט געוואוסט, דעריבער האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט געפרעגט, קוקנדיק צו אַלעמען:

— נו, וועה נעמט מיך מיט?

אלע זיינען צוגעלאָפן צו אים. אבער געגאַנגען איז ער מיט איינעם, וועלכער וואוינט אליין אין אַ צימער. זיי האָבן זיך געזעגנט. רודי האָט דעם חתן געווינטשן גוטס. מלכהלע האָט ניט געוואוסט, אז רודי גייט פון איר אוועק. זי האָט געלאַכט צו אים, נאר אירע אויגן האָבן גארניט געזען. רודי האָט געזען, אז זי זעט גארניט. רודי האָט זי לייכט אָנגענומען פאר דער האנט און איז מיט די איבעריקע אוועק.

רודי איז די נאכט ניט געשלאָפן ווי קיין מענטש, ווי קיין הונט אויך נים. געקענט האָט ער גיין שלאָפן צו וועמען ער האָט געוואלט און אריינגעפאלן איז ער אין שלעכטע הענט, דער אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואס דער בחור פלעגט אף אים ארויפלייגן זיינע פים. דער בחור האָט זיך געמאכט, אז ער שלאָפט, אָבער שלאָפן האָט ער ניט געמוזט, ווייל ווי נאָר רודי פלעגט איינדרימלען, אזוי גלייך פלעגט זיך אף זיינע פים ארויפלייגן דעם בחורס פים. דאס האָט ער שרעקלעך פיינט. אפילו מיט זיין פרוי, פלעגט ער ניט אפשלאָפן אַ גאַנצע נאכט אין איין בעט. וואָלט ער ניט געווען אין קיין ווילד־פרעמדער שטאָט, אדער וואלט ער כאָטש געוואוסט, וואו אוועקצוגיין, וואָלט ער ארויסגעשפרונגען פון דעם חזריש בעטל און וואָלט אוועק ערגעץ. דער בחור האָט אים ניט צורו געלאזט. פלעגט ער דערפילן דעם בחורס פים אף זיינע, איז גלייך ווי מען וואָלט אים אָפגעגאָסן מיט קאלט וואסער. די נאכט איז געווען אַ גאַנצע אייביקייט. ער האָט קוים דערלעבט צו זען זיך גראָען.

ערשט דעמאלט, ווען דער בחור איז אוועק צו דער ארבעט, ערשט דעמאָלט האָט זיך רודי געלייגט שלאָפן.

ער איז געשלאָפן ביז האלבן טאג. פון דער צווייטער זייט וואנט האָט ער דערהערט זינגען:

„אך זאטשעם עטא נאטש"...

דאס קול דארף זיין פון א בחור, פארשטייט ער. ער פארשטייט אויך, אז דעם דאזיקן בחור דארף ניט זיין ליב אזוי שטארק זיין לעבן, ווייל די זון ליכטיקט אין הימל און דעם בחור חלומט זיך ערגעץ אז ס'איז נאכט. עס חלומט זיך אים ניט. פאר אים מוז ניט זיין די זון. אף אים מוז ליגן די נאכט.

רודי וויל זען דעם דאזיקן מענטש פון יענער זייט וואנט. ער טוט זיך אן, ער גיט א קוק צו דער טיר פונם צווייטן צימער, זי איז פארמאכט מיט די לאדן. ער גייט צו און קלאפט אן. יענער פון אינעווייניק וואלט אים זיכער ניט פארבעטן אריינצוקומען, ער האט אבער געמיינט, אז דאס קלאפט אים אן זיינער א חבר, גיט ער א געשריי:

— אריין!

רודי עפנט אויף די טיר. גייט אריין און מאכט צוריק צו די לאדן. ס'איז פינצטער, אבער דאס ביסל ליכט דורך די לאדן באלייכט צו זען וואס עס טוט זיך.

דער בחור וואס איז געלעגן אין בעטל האט זיך דערשראקן אויפגע־זעצט, דערזעענדיק א פרעמדן מענטשן אריינגייענדיק צו אים אין צימער און צומאכנדיק די לאדן. רודי בעט אנטשולדיקונג און זאגט אים אז ער איז א פריינט זיין שכנם און בעט אים פייער צו אנצינדן א פאפיראס.

דער בחור בארואיקט זיך. לעבן אים שטייט אף א שטול א ברענענ־דיקע מאשינקע און עס קאכט זיך א טשייניקל וואסער. דער בחור נעמט אראפ דאס טשייניקל און הייסט אים פארויכערן. אפן זעלבן בענקל שטייט א גלאז, א פאפיר מיט עטלעכע קיכעלעך. דער בחור אין בעט זוכט זיך ארומצודעקן, ווייל ער טראגט אף זיך זייער א ברודיק העמדל. רודי גיט אים א פאפיראס. דער בחור ציט אוים זיין נאקעטע האנט און פארויכערט. זיי רויכערן און קוקן זיך אן. איינער וויל פון אנדערן זיך עפעס דערוויסן.

רודי זאגט און מאכט אזא אויסדרוק וואס זאל איבערצייגן:

— אזוי ווי איר קוקט מיך אן בין איך שוין ניט קיין אינגעלע און

דאך בין איך נאָך אין א ערגערע לאגע. כ׳וואָלט וועלן גיין ערגעץ, ווייס איך ניט.

— וואָס ווייסט איר ניט. וואו ווילט איר גיין?

— גיין ערגעץ זוכן ארבעט. איך בין א גרינער, ערשט נעכטן אין אוונט אנגעקומען אהער מיט דער שיף.

דער בחור גיסט אים אָן א מאַטע און דערלאַנגט אים. רודי בריט זיך און זופּט פונם רערל. רודי זעט ווי דער בחור שמייכלט, שמייכלט און האלט זיך איין ניט צו לאכן.

— איר זענט א פאַכמאַן? — פרעגט אים דער בחור.

— קיין באשטימטע ארבעט קען איך ניט, אבער דאָ מוזן דאָך זיין אויך מענטשן וואָס אַרבעטן בא ניט קיין באַשטימטע ארבעטן.

דער בחור ענטפערט ניט און ווי רודי מיינט טראַכט ער אפילו ניט צו ענטפערן. ער גענעצט און זופּט מאַטע.

זאָגט ווידער אמאל רודי:

— אבער דאָ מוזן דאָך זיין אויך מענטשן וואָס אַרבעטן ניט בא קיין באשטימטע ארבעטן. — דאָס מאָל האָט רודי געזאָגט שטאַרקער, כדי דער בחור זאל מער ניט פארשווייגן. דער בחור וויל טאקע אפילו ניט ענטפערן אף דעם, אבער ער מוז אים שוין ענטפערן:

— איך וועל אייך זאָגן פונקט דאָס אייגענע וואָס איר האָט מיר געזאָגט: אזוי ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין ניט קיין אינגעלע. כ׳וועל שפּעטער ארויסגיין פונם בעט וועט איר מיר זען. איך בין פון לעטלאַנד. בין ניט געבילדעט און ניט אינגאַנצן פּראָסט. קיין קראַנקער בין איך ניט. פרעג איך אייך, וואָלט איך באדאַרפט אזוי ליגן און פוילן? וואַרט אויף, כ׳וועל אייך שוין זאָגן וואָס איך האָב צו זאָגן מיט אמאל, אין גאַנצן, וועט איר מיר אויפהערן שוין מער צו פרעגן קיין פראַגן. איך בין א לעט. קיין פאַכמאַן בין איך ניט. אויך ניט לאַנג געקומען. אַרבעט איך דאָ בא א בעקער די נעכט, פארשטייט זיך, און פאַרדין צוויי מיט א האלבע פּעזאָ א טאָג — א נאַכט וויל איך זאָגן און דעם טאָג ליג איך אין בעט און טרינק מאַטע און פויל און קראַץ זיך.

— פארבלייבט געזונט — זאגט אים רודי און גייט אוועק. דער לעט האָט אפן קול א גענעץ געטון און דאס איז געווען זיין ענטפער.

רודי איז אריין צוריק אין זיין צימערל. האָט זיך אוועקגעזעצט קעגן א שפיגל וואָס איז געהאנגען אף דער וואנט און נאָך א לענגערע ווײַלע טראכטן, האָט ער גענומען ריידן צו דזשימען:

— ס'איז גוט דזשים. דו טרינקסט טיי און וואשסט לײַלעכער, איך האב עס אין דר'ערד. דו ליגסט און חלומסט ווי אזוי ארייַנצוקריגן זיך אין צימער וואו דער הייליקער ליגט און געפינען א פּאָר בולקעלעך און איך, איך בין געפארן אף א שיף, האָב געקריגן א קלאפּ אין קאָפּ, האב אבער יענעם צוראָמט. אָך, ליבער דזשים, ווי עס וואלט מיר גוט געווען ווען דו ביזט לעבן מיר. לעבן דיר וואלט מיר ניט געארט ווען מיר איז שלעכט, אבער אליין, אויב איך וועל דאָ זיין, וועל איך ניט דערלאזן אז מיר זאָל זיין שלעכט. כ'וועל ניט ליגן אין בעט ווי דער לעט און זינגען צעקראכן א לידל וועגן דער נאכט. כ'וועל, דזשים, דעם אומגליק ניט לאזן ארויפקריכן צו מיר אפן האלז. דעם טויט דארף מען דאך פון דאנען ניט פאָרן זוכן מיט דער שיף צי מיט דער באַן. און ניט בא גאָט דארף מען בעטן דעם טויט. אין יעדער שטאָט, אין יעדן וועג שטייט ער צו דינסט. כאַ־כאַ־כאַ, ליבער דזשים, וואָס ווײַנסטו? באדויער דיך, ניט מיך. צו מיר וועלן נאָך קומען גוטע טעג. מיט גוואלד וועלן זיי קומען. כ'וועל זיי ארויסשלעפּן פון א פּאַלאַץ. אויב איך וועל דאס ניט טון, וועל איך קומען צוריק צו דיר, נאָר אזוי פיל טרינקען טיי ווי דו וועל איך ניט, און לײַלעכער וואשן וועל איך ניט. — —

ער וואלט נאָך געקענט אזוי זיצן און ריידן און קוקן צעמישט אין שפיגל ווען דער בחור פון יענער זייט וואַנט זאָל ניט געווען אנהויבן זינגען דאס לידל וועגן דער נאכט און צעשטערט רודיס חלום. רודי ווערט דערפון אויפגערעגט און וואס ווייטער דער בחור זינגט, ווערט רודי אַלץ מער אויפ־געבראכט.

ער קלאפּט אָן אין דער וואַנט:

— איך בעט אייך, הערט אויף.

דער לעט הערט ניט צו וואָס, ער זינגט.

רודי קלאַפּט ווידער אָן דער וואַנט:

— איך בעט אייך, הערט אויף. איר דאַרפט ניט זינגען. איך בעט אייך, לעט, הערט אויף.

ס'איז געוואָרן שטיל.

רודי האָט זיך צוגעלייגט און האָט איינגעדרימלט. פאַרנאַכט, ווען דער בחור פונם צימערל איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך איבערגעטון און האָט געוואָלט גיין מיט אים אין א רעסטאָראַן עפּעס עסן. רודי האָט נאָך דעם גאַנצן טאָג קיין קאַפּ וואַסער ניט געהאַט אין מויל. איז אָנגעקומען גרינפעלד: מלכהלעם מאַן. זיין פּנים איז עפּעס ניט אַזוי צופרידן. ניט אַזוי זעט אויס ס'פּנים פון א באַלעבעסל דעם ערשטן טאָג נאָך א „חתונה".

רודי זאָגט אים:

— אפשר וואָלט איך ערגעץ געקענט שלאָפן אין אַן אַנדער אָרט. איך קען ניט שלאָפן צוזאַמען מיט אים. סיידן ער זאָל שלאָפן די נאַכט און איך זאָל שלאָפן דעם טאָג, ווי דער לעט פון יענער זייט וואַנט. ער איז כאָטש פאַרנומען די נאַכט מיט באַקן, און וואָס קען איך אַזוינס טון? איך האָב אים טאַקע געוואָלט בעטן מיך איצט פירן צו אייך.

— נאָך שענער: איך בין אייך געקומען נעמען צו מיר אפילו ווען איר וואָלט ניט געוואָלט גיין, וואָלט איר אויך געמוזט גיין מיט מיר.

רודי שטעלט זיך אויף און זאָגט צו זיי ביידן:

— איך האָב געהאַט א טייערן פריינט דזשים, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט: דעם אומגליק וועט דיר ניט אָנקומען שווער צו געפינען, וואו דו זאָלסט ניט זיין. ער האָט געהאַט רעכט. קומט.

דער בחור פונם צימערל זאָגט אָן גרינפעלדן, אַז ער זאָל רודין געבן גלייך עסן, ווייל ער האָט נאָך היינט גאָרניט געגעסן.

גרינפעלד האָט זיך פון דער בשורה א קרים געטון און איז אַוועק מיט אים.

אַפן וועג גייען זיי און זיי שמועסן. גרינפעלד רעדט:

— דער מענטש פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, איז אומפאַראַנט־וואָרטלעך אין לעבן. ער באַנעמט ניט ווי מיר אַרבעטער, מיט געזונטן פאַר־שטאַנד, קלאָר און פשוט אַלץ וואָס עס קומט פאַר אַרום אים. ער טראַכט נאָר וועגן זיך. פון אַ צווייטן לערנט ער נאָר דאָס גליק און אויב יענער האָט ליידן, לאָזט ער אים צו זיך ניט צו, פונקט ווי ליידן וואָלט געווען אַ גע־באָרענע זאַך. אַ קרענק, וואָס איז מיטן מענטשן געקומען אויף דער וועלט. נאָר דער וואָס האָט ניט קיין פאַרשטאַנד, קען מיינען, אַז אַזוי איז עס.

פאַר רודין איז עפּעס אַביסל פרעמד די שפּראַך, אָבער ער רופט זיך אָפּ:

— איך האָב אַלץ קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס איר האָט איצט געזאָגט, אָבער איך וויל פרעגן: צי קען מען האָבן טענות צו די מענטשן, וואָס ווילן ניט ליידן, וואָס זיי קענען זיך אויסבאַהאַלטן דערפון? אַלץ איז דאָך בעסער צו האָבן הנאה פון דער וועלט, געניסן פון לעבן, איידער ליגן ווי יענער לעט פאַרשפּאַרט אין אַ צימער, ווען די גאַס איז פול מיט ליכט, און זינגען אַ לידל פון דער נאַכט.

— איר האָט רעכט — נעמט אים אָן גרינפעלד פאַר דער האַנט — אַזאַ משוגענער איז ניט צו געפינען מיט ליכט וועלכער זאָל בעסער וועלן ליידן איידער לעבן זאָרגלאָז. איך וויל נאָר זאָגן דאָס: אָבער פאַראַנטוואָרטלעך דאַרף מען דאָך זיין און זיי זיינען ניט פאַראַנטוואָרט־לעך. ניט פאַר זיך און ניט פאַר יענעם.

— וועמען מיינט איר „יענעם" — גאָט?

— וואָס פאַר אַ גאָט! יענעם — אַ צווייטן מיין איך.

— טאַ וואָרט — זאָגט רודי און ווערט ערנסט.

— אפשר איז גאָרניט כדאי צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך אַבי צו לעבן אַ לעבן? פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט קען מען קיין געלעגער ניט מאַכן. דאָס איז דאָך אַ טויטע זאַך.

— דאָס איז ניט קיין טויטע זאַך. איר האָט אַ טעות, חבר. דאָס איז ניט קיין טויטע זאַך. מען ליגט עס ניט אַריין אין קבר.

דאָס זיינען די בלעטער פון דעם ארבעטערס געשיכטע. מיט די בלעטער וועלן מיר צושטערן די וועלט!

רודי פרעגט אים צי זיי וועלן פאָרן. ער וויל אים ניט זאָגן אז ער איז שוואַך אף די פיס. גרינפעלד זאָגט אים אבער אז זיי האָבן נאָך איינגאנצן א פּאָר קוואַרטאלן. רודין פון דער האפענונג ווערט אבער ניט גרינגער צו גיין. רודי שטעלט זיך פלוצים אָפּ און קוקט זיך צו צו די מענטשן וואָס גייען פארביי. קוקט זיך צו און פארפרעסט די ליפּן.

גרינפעלד פרעגט אים:

— נו, ווי געפעלט אייך דאָס לאַנד?

רודי גיט אים א קוק אין פּנים.

— אזוי לעבט מען עס דאָ? טויטע מענטשן גייען דאָך פארביי. זיי לעבן דאָך ניט. איך קען אייך שווערן אז זיי לעבן ניט. זיי גייען טאקע, זיי עסן און שלאָפן, אבער זיי לעבן ניט.

— קומט — זאָגט גרינפעלד — אזוי איז עס. דאָס קומט טאקע צו אונזערע פריערדיקע רייד: טויט זיינען גראד די מענטשן וועלכע לעבן אומפאראנטווארטלעך. ניט קוקנדיק וואָס זיי האָבן אלע וואוילטאָגן זיינען זיי דאָך טויט.

רודי ווייזט אים אָן אף עטלעכע מאָן וואָס גייען פארשוויצטע און טראָגן אף זיך ארבעטס־קליידער:

— ווער זיינען די דאָזיקע?

— דאָס זיינען ארבעטער — ענטפערט גרינפעלד.

רודי שטעלט זיך אָפּ:

— זיי זיינען אויך טויט. ווי אזוי לעבן זיי? — פרעג איך אייך.

— איר וועט אויך אזוי לעבן. נאָך א פּאָר טעג, וועט איר שוין דאָס מער ניט פרעגן.

ווען מיין פריינט דזשים וואָלט געהאַט צו עסן צו זעט, וואָלט איר דערמאָלט געזען ווי אזוי מען לעבט.

ווען זיי זיינען אריין אין שטוב איז מלכהלע געלעגן אף דעם בעט מיט א פארשוואָלן פּנים פון וויינען. רודי האָט זיך געזעצט און נערוועז

געקלאַפּט מיט די פינגער אָן טיש. גרינפעלד האָט אים צוגעטראָגן ווײַן מיט צובײַסעכץ. מער, זאָגט ער, האָט ער ניט וואָס אים צו געבן. ער האָט נאָך היינט אליין קיין מיטיק ניט געגעסן. זי, מלכהלע, האָט זיך נאָך א גאַנצן טאָג ניט אויפגעהויבן פון בעט. זי אליין האָט נאָך אויך גאָרניט געגעסן. ווי נאָר זי האָט זיך אויסגעניכטערט פון דעם באַנאַכטיקן ווײַן, האָט זי געוואָמען ווײַנען אף איר מזל. זי האָט געוויינט האָבנדיק איין טענה:

— וואו האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט?

איצט שווײַגן אַלע דרײַ. זיי פאַרשטייען זיך איין אַלע. זיי רעדן זיך אפילו דורך אבער אָן לשון. ניט רודי און ניט מלכהלע וואָלטן אזוי גיך געוואָמען ריידן, מוז דער מאַן שפּילן דעם נאַר. ער ווערט אבער ניט קאָמיש. ער זאָגט זײַער שטיל צו רודין, ניט קוקנדיק צו אים:

— איר וועט קענען פאַרבלײַבן בא אונז. מלכהלען האָט ווי געטון — אַז זי האָט דעם גאַנצן טאָג צוליב דעם געוויינט, דאָס האָט ער ניט געוואָלט זאָגן. — ווי קום איך אײַך לאָזן אוועקגיין נאָך נעכטן אין אוונט. זי פילט זיך עלנט און זי בענקט זייער. איך מיין מען דאַרף קויפן א בעטל וואָס ליגט זיך צונויף, ווײַל ס'איז ניטא וואו צו שטעלן אַן אָפענע בעט: מען וועט ניט קענען אַדורכגיין. איצט מלכהלע, האָט ער זיך געווענדט צו איר, וועסטו שוין אפשר אויפהערן ווײַנען. קיין נעענטערן פרײַנט זאָגסטו דאָך האסטו ניט. — ער האָט אף איר לאַנג נאָך די רייד געהאַלטן די אויגן. ער האָט געוואָלט זען אף איר פּנים אַן ענדערונג. זי האָט אבער ניט געקוקט אף ביידן.

רודי קוקט אים אָן און באַוואונדערט אים. ניט געקוקט וואָס מלכהלע האָט אַרײַנגעטריפט אין זײַן פינצטערן לעבן א טראָפּן ליכט, וואָלט ער זיך דאָך באַמיט מיט אַלע כוחות צו פאַרשווינדן פון אירע אויגן. אים צוליב, גרינפעלדן, וואָלט ער עס געטון, האָט ער אבער מורא אַז דאָס וועט זיך נאָך אויסלאָזן ערגער. גרינפעלדן וועט זײַן ערגער. אף דער שיף, האָט ער זיך שוין געגעבן רעכענונג צו וואָס זײַן נאָענטקייט מיט איר קען דערפירן. דעריבער איז ער דאָך גלעגן טעג נאַכאַנאַנד אף זײַן בעטל און ניט געוואָלט אַרויפגיין אף דער דעק. איצט האָט ער מורא, ווען ער זאָל אוועקגיין פון

דאַנען, קען ברענגען צו דעם אַז מלכהלע זאָל אומברענגען איר יונג לעבן אויף אַ מיאוסן אָדער אויף אַ שיינעם אופן און גרינפעלד זאָל זיך שוין אויך ניט אויסלעבן ווי אַ מענטש.

ווען דאָס שפּיל זאָל ניט מוזן געשפּילט ווערן מיט איבערגעקערטע קאָרטן, וואָלט זיך רודי צוגערוקט צו גרינפעלדן און אים געזאָגט: דאָס וואָס איז אומפאַרמיידלעך אין אַזאַ פאַל צווישן מיר מיט איר — וועט ניט קומען. אייער ווייב וועט זי בלייבן, ניט מיינע. אייער לעבן קען ווייטער פאָרן גאַנץ רואיק און זיכער. ער קען דאָס אָבער אים ניט זאָגן. ער קאָן נאָך אים ניט געניג.

גרינפעלד רופט אויס מיט אַ אומנאַטירלעכן קול:

— נו, מלכהלע, וועסט שוין פון איצט מער ניט וויינען?

רודי פילט אַז צווישן די ווערטער, גרינפעלדס, איז עפּעס דאָ אַ דיר־נינקער רויגז. דער געדאַנק טאַפּט עס אָן. אין די דאָזיקע צוויי ווערטער „פון איצט" ליגט צוגעדעקט אַ קליין ווערימל. דאָס ווערימל וואַרפט זיך טאַקע ניט אָבער עס לעבט. אין זיינע פריערדיקע ווערטער: „קיין נענטערן פריינט, זאָגסטו דאָך האָסטו ניט" — אין די דאָזיקע ווערטער האָט אויך געדרימלט דאָס ווערימל. אַ ווערימל, וואָס וועט, אפשר, אויסוואַקסן און ווערן פול מיט גיפט. דערווייל, אָבער, איז נאָך דאָס ווערימל ניט געפערלעך.

ווען גרינפעלד זאָל קענען זען פאַר זיינע אויגן רודים געדאַנקען און זיי איבערלייענען, וואָלט דאָס ווערימל אין זיין מח קיין רגע ניט געלעבט. אָבער זען, אַז דאָס ווערימל אין גרינפעלדס קאָפּ זאָל ניט דערלעבן צו וואַקסן, דאָס קען רודי טון און וועט עס טון.

דאָס וואָס רודי רעדט ניט צו מלכהלען און מלכהלע רעדט ניט צו אים, איז אויך ניט צום גוטן פאַר גרינפעלדן. דורך דעם ווייסט ער, אַז ביידע זען גוט דאָס וואָס מען זעט ניט. דאָס וואָס עס ליגט צוגעדעקט אונטער גרינפעלדס נישט דערזאָגן. אַלע דריי קוקן מיטן געדאַנק צו איין פּונקט. יעדער פון זיי וויל אָפּגיין אָן אַ זייט פון דעם פּונקט און קען ניט.

רודי קוקט אָן זיין באַלעבאָס און דאָס וואָס ער האָט איבערגעטראַכט, און איז געבליבן שטיין בײַ אַ וואַנט וואו מען זעט ניט קיין טיר, און זיך

ניט געבנדיק רעכענונג וואס יענער וועט דרינגען און אים קענען ענטפערן אויף זיין פראגע, האָט ער געפרעגט נישט זעענדיק אפילו ווער עס הערט אים.

— וואָס זאָל איך צו דעם טון?

ס'איז קלאר געווארן פון דער פראגע, גרינפעלדן, אז זיי פארשטיין זיך אויף א וואונדערבארן אופן. די פראגע פאר גרינפעלדן איז געווען א דערלייכטערונג, מיט דעם אליין וואָס זיי פארשטייען זיך. גרינפעלד ענטפערט אים:

— איך וואָלט אליין אויך ניט געוואוסט.

די פראזן דערגענצן זיך בא ביידן אין די קעפּ, כמעט אויף איין אופן.

די פראגע און דער ענטפער זיינען געקומען נאָך א לאנגע צייט פון טראכטן.ביידע זיינען צוגעגאנגען צום טראכטן מיט איין וועג.

רודי הייסט גרינפעלדן אויסטרינקען א גלאָז וויין, אבער אנשטאָט גרינפעלד זאָל ענטפערן, האָט ער געגעבן א קוק אויף מלכהלען. פון דעם קוק אויף מלכהלען האָט פארשטאַנען רודי וואָס ער זאָגט:

— געוווג מישט מיך שוין אין קאָפּ פון איר.

מלכהלע אפן בעט ליגט גאנץ רואיק: זי דאַרף שוין ניט טראכטן. מען טראכט שוין וועגן איר. אונטער די אויגן איז איר שווארץ. די אויגן אירע פון וויינען, זיינען גרעסער געווארן. זי טראכט פון דער שעה ווען רודי האָט זי צוגעדריקט צו זיך און די רעגעס זיינען ניט צו דערמאנען זיך. עפּעס האָט דעמאלט צוגעדעקט די אויגן און מען האָט נאָר געזען ווי פּאָספּאָר־פליגעלעך זיך אנצינדן און אויסלעשן. די פיס זיינען גארניט געשטאַנען אויף דער ערד נאָר אין דער לופט איז זי געהאנגען און גערוישט האָט אזוי שטאַרק אין די אויערן. אזוי שטאַרק — — —

רודי דרייט אוים דעם קאָפּ צו איר. גרינפעלד זעט אויף זיין פּנים אז ער וויל איר עפּעס זאָגן און זאגט ניט דערפאר וואס ער זיצט. און אזוי ווי נאָך זיין אויסדרוק האָט ער געזען, אז דאס וואס ער וועט איר זאָגן וועט פּאַר אים ניט זיין צום שלעכטן איז ער ארויסגעגאנגען אוועקלייגנדיק זיין הוט אפן טיש כדי מען זאָל וויסן אז ער גייט ניט אויף לאנג אוועק און גארניט ניט דארפן זאָגן.

אַזוי ווי מלכהלע איז געלעגן אַזוי איז זי געבליבן ליגן נאָכדעם ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער אַז עס רודערט איר איינעווייניק האָט מען געהערט פון איר אָטעמען. זי האָט געאָטעמט שטאַרק כּדי דאָס געוויין זאָל אַזוי גיך ניט אויסברעכן.

רודי גייט צו צו דער זאַך: ער וויל איר געבן צו פילן אַז ער חוזקט איבער איר. אַז דאָס וואָס עס איז געווען אויף דער שיף איז נאָר געווען אַ שפּאַס־פּאַרטרייב. ער זאָגט צו איר מיט אַ שוואַכן געלעכטערל.

— איר האָט זיך טאַקע שטאַרק, גאָר שטאַרק פאַרבענקט נאָך מיר? מיינט איר טאַקע, מלכהלע, אַז מען רופט מיך: רודי?

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. צום ערשטן האָט ער געלאַכט, אָבער באַלד האָט ער זיך געביטן. ער האָט אַ קוק געטון אויף די וועגט צו זען צי עמיצער שטייט ניט קיין זייטיקער. עס האָט אים אָבער ניט געאַרט וואָס זי וויינט. ער האָט געדאַרפט האָבן אַז איר געוויין זאָל צעפּלאַנטערן זיינע געדאַנקען וואָס האָבן זיך אויפגעקליבן אין איין אָרט. נאָר איר געוויין וואָלט באַדאַרפט זיין קורץ. ריידן מער האָט ער שוין איצט ניט געקענט. שווייגן וואָלט צו גאָרניט ניט געבראַכט, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און מיט גוואַלד אויסגעדרייט איר פּנים צו אים. דאָס האָט געווירקט אַז זי זאָל אויפהערן וויינען. ער האָט ווידער געוואָלט וואַרפן אין איר אַ שפּאַסנדיקן וואָרט, אָבער אַז זי האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט ער געזען ווי הילפלאָז זי איז. ווי גוט זי איז. דאָס זיינען דאָך דיזעלבע אויגן וואָס האָבן אים אויף דער שיף געטרייסט און געגעבן האָפענונג צו קענען איבערטראָגן דאָס לעבן. דאָס איז דאָך די גוטע מלכהלע וואָס בײַ איר איז רעכט געווען אָפּגעשפּאָט און אָפּגעשטויסן פון אַלעמען צו זיין אַבי אים זאָלן ניט זיין אַזוי שווער די פאַרשאָלטענע טעג. אַלע האָבן דאָך פון אים געחוזקט. קיינער האָט זיך דאָך ניט געפונען וואָס זאָל אויף אים ניט אַ קוק טון און ניט לאַכן. און דעמאָלט, ווען דער פאַבריקאַנט האָט אים פון זיך אַ וואַרף געטון מיטן קאָפּ אָן קוימען, וואָלט ער דאָך אויך ניט, ווען ער איז אַליין, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די גבורה אויף אַ וואַרף צו טון זיך אויף אַלעמען און זיי שליידערן ווי שטרוי האָט דאָך אויך, דוכט זיך, גע־

קומען פון מלכהלעס אויגן. זי איז דאך, וואס מיט אן אמת, גארניט אנדערש געווארן. און וואלט ער, רודי, נעכטן פארבליבן אין שטוב און גרינפעלד זאל האבן אוועקגעאנגען, וואלט זי דאך היינט אזוי ניט געלעגן א גאנצן טאג און געטרויערט אף דער שעה וואס האט איר געבראכט אף דער וועלט. זי וואלט דאך געווען גליקלעך איבער גליקלעך. זי וואלט דאך געגאנגען פאר אים אין פייער אריין ווען ער שיקט זי. און אויב זי ליגט און קלאגט איז זי דאך אליין אין דעם ניט שולדיק. פונקט ווי פון טאג קען פלוצים ניט ווערן נאכט אזוי קען דאך די קלאג ניט איבערגיין אין פרייד.

— וואס ווילט איר מלכהלע? — זאגט ער צו איר, כאטש ער ווייסט גאנץ זיכער וואס זי וויל.

— פירט מיך ערגעץ אוועק פון דאנען. איך וועל שטארבן. וואו איר גייט נעמט מיך מיט.

ער האט פארדרוס פון איר פראגע און לאכט זיך פאנאנדער:

— וואו זאל איך אייך פירן אין דרערד אריין? איך בין דאך א טאטע פון דריי קינדער. איך גיי דאך ארום אן א קאפ.

ער האט איר געוואלט עפעס נאך זאגן, נאר ער איז געווען צעטומלט, צעשראקן און הילפלאז. אין דעם זעלבן מאמענט איז אריינגעקומען גרינפעלד. גרינפעלד האט פארשטאנען פון רודים אויסדרוק אז ער מוז זי שטראפן. ער האט אבער געוואוסט אז אין זיין געגנווארט וועט ער איר מער גארניט זאגן. האט ער גלייך גענומען די הוט און געזאגט אז ער גייט ברעגגען א בעט פאר רודין. גלייך ווי ער האט די ווערטער ארויסגעזאגט האט רודי ניט געהערט, ערשט שפעטער, ווען גרינפעלד איז שוין געווען אף דער גאס, האט רודי דערהערט די ווערטער. ס'האט אים פארדראסן ווי קומט ער ניט גיין מיט אים. פארפאלן.

איצט בלייבנדיק מיט איר אליין און זייענדיק זיכערער ווי פריער אז גרינפעלד וועט אזוי גיך ניט אנקומען, האט ער רואיקער זיך גענומען פארטראכטן וועגן איר און זיך.

— איר זענט נאך א קינד, דעריבער הערט וואס עס זאגט אייך אן

עלטערער, אַ פריינט אייערער, וואָס איז שוין געלעגן אַפּן וואָגן און אונ־טערן וואָגן: איר וועט דערפירן צו אַן אומגליק.

— איך האָב אים ניט ליב. איידער ער רירט זיך צו צו מיר וואָלט איך בעסער געוואָלט אַז ער זאָל מיר אַראָפּשניידן דעם קאָפּ. קען מען לעבן מיט אַ מענטשן וואָס מען האָט אים ניט ליב?

— יאָ, מען קען לעבן — זאָגט רודי אַרויס קאַלט און בייז.

— נו, איך קען נישט.

— קוקט נישט אַזוי אויף מיר, — זאָגט רודי אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. — איך קען אייך גאָרניט העלפן. ווען איר וואָלט ניט געטראַכט פון מיר וואָלט איר אים אַזוי ניט פיינט געהאַט. אַמאָל געוואוינט מען זיך צו צו אַ מענטשן שפּעטער.

— וואָס לאַכט איר — פרעגט זי, זיך צורוקנדיק צו אים.

זי איז געבליבן זיצן לעבן אים זייער נאָענט און ער, איר וועלנדיק אָפּרוקן פון זיך, איז אָבער זיין האַנט געבליבן ליגן אויף איר אַקסל ווי פּאַ־ראַליזירט. ער האָט זיך אַ שטעל געטון, אָבער ער האָט זיך צוריק אַוועק־געזעצט. ער האָט זיך נאָך אַמאָל אַ שטעל אויף געטון און איז אַוועק צו דער וואַנט.

— זעצט זיך אַוועק, איר וועט נאָך פאַלן, — האָט זי געזאָגט לאַכנדיק פון בעט.

— כ'וועל ניט פאַלן, — האָט ער געזאָגט ווי פאַרשעמט און האָט זיך טאַקע געזעצט לעבן טיש.

ער האָט זיך גענומען דערמאַנען אָנם פריערדיקן געדאַנק און האָט ווי־דער גענומען לאַכן.

— פון וואָס שמייכלט איר — פרעגט זי — איר זענט שכור?

— איר זענט דאָך נעכטן באַנאַכט געווען שכור, טאָ וואָס האָט איר געעקנט וויסן פון ליב האָבן צי פיינט האָבן?

זי שווייגט. פרעגט ער זי:

— וואָס שווייגט איר?

— קומט אַהער, וועל איך אייך זאָגן.

— זאָגט מיר, איך וועל הערן.

— ס׳איז צו ווייט. .

— איר שעמט זיך?

— איך שעם זיך.

— קיינער איז דאָך ניטאָ?

— דער טיש דאַרף אויך ניט הערן.

ער האָט זיך ניט געקענט העלפן און איז צוגעגאַנגען.

זי האָט אים געהייסן זיך זעצן אַפן בעט, האָט ער ניט געוואָלט און זיך אַוועקגעזעצט אַפן שטול. אין דעם מאָמענט זיינען אָנגעקומען צוויי חברים, גרינפעלדס, וואָס האָבן נעכטן באַנאַכט אַנטייל גענומען אין זיין שמחה.

רודי האָט זייער געוואָלט וויסן וואָס זי וויל אים זאָגן, אָבער ער האָט שוין געמוזט שווייגן.

זיי פרעגן זיך אַף גרינפעלדן, אָבער ניט רודי און ניט מלכהלע ווילן זאָגן נאָך וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען.

ביידע אַריינגעקומענע קוקן אַף מלכהלען, לאָזן אַוועק די אויגן איבער אירע פּיסלעך וואָס ליגן גאַרניט אין אָרדענונג און ביידע טראַכטן איינס און דאָס זעלבע.

— באַ וואָס וואָלט איך געקאָנט קריגן אַרבעט — פרעגט רודי זיי ביידן, זיך אויפשטעלנדיק און צוגייענדיק צו זיי.

— ביי וואָס אַרבעט איר? — פרעגט אים איינער.

— באַ גאָרניט — ענטפערט רודי.

— אַף אַזאַ אופן — רופט זיך אָפּ דער אַנדערער האָט איר דאָ ניט געהאַט נאָך וואָס צו קומען.

— כ׳וועל דאַרפן פאָרן צוריק? — פרעגט רודי און גיט פאַרזיכטיק אַ קוק אַף מלכהלען.

— דאָס איז שוין ניט קיין פּלאַן. איר וועט אפשר קריגן אַרבעט באַ וואָס ניט איז, אָבער איר וועט פאַרדינען ווייניק.

— איר האָט אַ פאַמיליע אין דער היים? — פרעגט אים איינער.

פון רודים בליקן, פאַרשטייט שוין יענער אַז ער האָט עס שוין ניט באַדאַרפט פרעגן. ער רוקט זיך שוין אָפּ און וויל שוין ניט קיין ענטפער, אָבער רודי ענטפערט:

— זאָל איך אייך זאָגן אַז איך האָב ניט קיין פאַמיליע, איז עס פאַלש, זאָל איך זאָגן אַז איך האָב יאָ אַ פאַמיליע, איז אויך פאַלש. איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן?

— איר וועט זיך מיט אים ניט אויפריידן — זאָגט מלכהלע און אין אירע רייד קומט אָן גרינפעלד אַ פאַרמאַטערטער מיט אַן אויפגעלייגט בעטל אויף זיין רוקן.

רודי נעמט אַראָפּ דאָס בעטל פון זיין פּלייצע און זאָגט אים אַז ער זאָל פאַרשטיין:

— און איך האָב נאָך דערוויל פאַר אייך גאָרניט ניט געטון.

— וואָס איר קענט טוט — ענטפערט גרינפעלד מיט באַליידיקטע, אַראָפּגעלאָזטע אויגן און ווישט דעם נאַסן שטערן. און צו מלכהלען ווענדעט ער זיך:

— אפשר וואָלסטו שוין אַראָפּגעגאַנגען פון בעט?

מלכהלע האָט אים ניט געענטפערט און איז באַלד אַראָפּגעגאַנגען.

אַז די צוויי בחורים זעען ווי זי וואַקלט זיך אויף די פיס, פרעגן זיי איר:

— איר זענט נאָך שכור פון נעכטן באַנאַכט? — אָבער אַז זי ענטפערט ניט, פאַרשטייען זיי, אַז זיי האָבן דאָס ניט באַדאַרפט פרעגן. זיי פאַרשטייען שוין נאָך דעם אפילו, וואָס מען קען אויסטייטשן וואָס זיי האָבן געמיינט אַלץ פון דער ניט איינגעגעבענער פראַגע.

רודי מיט די צוויי בחורים גייען שפּאַצירן. כאָטש עס איז אַ ווינט אָבער עס שטערט זיי ניט. זיי האָבן אים אוועקגעפירט אין צענטער פון שטאָט צו ווייזן אים וואָס בוענאָס־איירעס פאַרמאָגט. נתפעל איז רודי ניט געוואָרן פאַר גאָרניט. זיי זיינען אַריין עסן נאַכטמאָל. לכבוד אים זיינען זיי אַריין אין אַ ערשט־קלאַסיקן רעסטאָראַן. רודי האָט ניט געקענט עסן וואָס מען האָט אים דערלאַנגט, און פון דאָס וואָס ער האָט געגעסן, האָט

ער אויך קיין הנאה ניט געהאַט. די ליכטיקייט און די מוזיק האָבן אױף אים אויך ניט גוט געווירקט. פון צופיל ליכטיקייט האָט אים אַזוי גע־שווינדלט אין די אויגן, אַז ער האָט די פּנימער פון די עסנדיקע מענטשן אַרום די טישלעך ניט געקענט גוט זען. זיי זיינען דאָרט לאַנג ניט געזעסן. זיי האָבן צוליב געטון רודין און זיינען פון דאָרט גיך אַוועק. כאָטש די צוויי בחורים, אַז זיי זיינען שוין יאָ איינמאָל אַריין אין אַזאַ גרויסאַרטיקן רעס־טאָראַן, וואָלטן זיי שוין געוואָלט פאַר דעם זעלבן געלט אביסל לענגער אונטערזיצן, נאָר זיי האָבן ניט געקענט צוזען ווי רודין מאַטערט און וויל וואָס גיכער פון דאָרטן אַוועקגיין.

רודי האָט זיי געפרעגט אפן וועג צי ער וואָלט געקענט באַ זיי איבער־נעכטיקן. זיי זאָגן אים אַז זיי קענען אים נעמען צו זיך, ווייל זיי וואוינען ביידע אין איין צימער, נאָר גרינפעלד האָט דאָך זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן אים ברענגען שלאָפן צו אים. רודי ווייסט אַז גרינפעלד וועט האָבן יסורים וואָס ער וועט ניט קומען נעכטיקן, כאָטש יסורים וואָלט ער געהאַט פון אַ צווייטער זייט ווען ער זאָל יאָ קומען נעכטיקן. ער ווייסט אויך אַז גרינ־פעלד וועט זיין אין כעס אויך אויף זיינע חברים דערפאַר וואָס זיי האָבן אים ניט געבראַכט, אָבער זאָגן זאָגט ער זיי דאָס פאַרקערטע. ער זאָגט זיי, אַז שלאָפן האָט אים גרינפעלד געהייסן קומען, ווייל ער ווייסט, אַז ער האָט ניט וואו צו שלאָפן. ער וויל פיל ניט שמועסן וועגן דעם און ער זאָגט זיי, אַז ער גייט מיט זיי אַ היים.

זיי האָבן גאָרניט געהאַט דאַקעגן. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט צו זיך. אַ קליין צימער, אפילו אַ ריין צימער, נאָר עפּעס אַ שלעכטער גערוך פילט זיך דאָרטן. זיי זאָגן אים אַז דאָס קומט פון די ווענט, נאָר רודי גלויבט זיי ניט. זיי ווייסן אויך אַז דאָס איז ניט ריכטיק וואָס זיי זאָגן, נאָר זיי האָבן ניט קיין אַנדער ענטפער. זיי ווייסן טאַקע אַליין ניט פון וואָס דער גערוך קומט. באַ אַלע חברים וואו זיי קומען אין די צימערן פילט זיך דער גערוך און זיי זיינען שוין צוגעוואוינט צו דעם. זיי מאַכן זיך שוין ניט ווייסנדיק און פרעגן שוין ניט איבער, אָבער רודי ווייסט, און עס ווערט זיי פאַר־שטענדלעך.

— א שטוב דאַרף האָבן א באַלעבאַסטע. גלייך ווי איר שטייט אויף מוזט איר פאַרבעטן די בעטן און דאָס טויג ניט. א גאַנצן טאָג מוזט איר האַלטן פאַרשלאָסן די טירן און דאָס טויג ניט. דעם פּאָל מוזט איר וואַשן איינמאָל אין מאָנאַט און דאָס טויג ניט. א שטוב דאַרף האָבן א באַלע־באַסטע. איין טאָג צייט זאָל נאָר זיין א באַלעבאַסטע בא אייך אין צימער, וועלן די ווענט גלייך אויפהערן צו שטינקען.

זיי האָבן ניט געהאַט אים וואָס צו ענטפערן. ביידע בחורים האָבן זיך געלייגט אין איינעם און רודין האָבן זיי אָפּגעגעבן א בעט. רודי האָט געמיינט אז זיי וועלן זיך לייגן גיך שלאָפן, אָבער זיי האָבן עס אפילו גאָר אין זינען ניט געהאַט. איינער האָט אים גענומען דערציילן אז ער האָט א כלה אין דער היים און זי דאַרף שוין אינגיכן אָנקומען. דער צווייטער איז אַוועק אָן דער הוט ערגעץ צו א שכן וואו עס איז דאָ א מיידל.

דער בחור וואָס האָט די כלה אין דער היים, האָט געזען אז רודי האָט ניט קיין חשק צו ענטפערן האָט ער זיך אויסגעצויגן אין די זאָכן אפן בעטל און איז איינגעשלאָפן.

אין צימער איז דאָ א פענצטער וואָס קומט אַרויס אין הויף. דאָס צימער איז אפן צווייטן שטאָק און אונטן, זעט רודי אָנקומען אין א צימער א פּאָליציסט. אונטן איז ליכטיק זעט רודי דעם פּאָליציסט. ער איז א טונקל־הויטיקער. ער קוקט אין פענצטער ווייל איינשלאָפן ווייסט ער וועט ער ניט קענען, ווייל דאָס לעמפּל ברענט און פאַרלעשן וויל ער ניט אַליין. קוקט ער אין פענצטער. באַלד זעט ער דעם פּאָליציסט אַרויסגיין פונם צימער אין די הויזן בלויז, און רודי זעט ווי ער גרייט זיך צו עפּעס. ער גייט צו צו דער וואַנט, די וואַנט איז א ווייסע. ווייטער זעט גאָרניט רודי. פּלוצים, גיט דער פּאָליציסט א שפּרונג אונטער און הויבט זיך אָן פּעכטן מיט זיין שאָטן וואָס שפּרינגט ווי ער אף דער וואַנט. ער רוט זיך ניט אפּ אף א מינוט. וואָס פלינקער עס וואַרפן זיך זיינע הענט נאָענט צו דער וואַנט, אף אזא אופן פונקט ענטפערט אים אפּ זיין שאָטן. דער גערענגל ווערט העפטיקער און העפטיקער צווישן זיי ביידן. פּלוצים שטעלט זיך אָפּ דער פּאָליציסט. רוט זיך אָפּ. עס גיסט זיך פון אים שווייס. זיין שאָטן אף דער וואַנט רוט

זיך אויך אָפּ, נאָר יענער שוויצט ניט... ס'איז שטיל אפן הויף. קיינעם זעט מען ניט און קיינעם הערט מען ניט, אויסער דעם טונקעלן יונג וואָס סאָפּעט ווי א גאַנז. ער גיט א קוק אפן זייגער און נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט. שלאָגט ווידער מיט אלע כוחות דעם שאטן וואָס פאלגט אים נאָך. רודין פארדריסט שוין ניט וואָס ער איז ניט איינגעשלאָפן. קיין גרויס פארגעניגן האָט ער אויך ניט, אבער ער פארוויילט זיך. ער פארגעסט זיך אביסל אן זיך. יענער וואַרפט אזוי ווילד מיט די הענט, אז אָט, אָט, דוכט זיך, וועט ער זיי אנשלאָגן אן דער וואנט. ער קלאַפּט זיי אבער ניט אָן. אָט גיט ער זיך אין מיטן געפּעכט א שטעל אָפּ, טוט זיך א בויג איין, און כאַפּט מיט איין האנט אן דער אנדערער און נעמט זיך דרייען ארום זיך און טוט זיך א וואַרף אף דר'ערד. זיינע שווארצע בײנער האָבן אָפּגעקלונגען אפן שטיין פונם קלאַפּ, אבער ס'האָט אים גאָרניט געשאַדט. ער שטייט שוין צוריק און מיימעסט שוין ווידער זיין שאָטן. ער איז שוין איינגעמאַטערט. זיין שווארץ פּנים איז שוין אָפּגעגאָסן מיט שווייס. ער שטעלט זיך אָפּ. ער מאַכט צו די אויגן, צענעמט די הענט און שטייט אזוי א ווײַלע אומבא־וועגלעך און אָטעמט. דערנאָך גייט ער אריין אין צימער און רודי מיינט אז ס'איז שוין געענדיקט, ס'האָט אבער ניט געדויערט קיין סעקונדע ווי ער איז צוריק דאָ. דאָס מאָל האָט ער אויפגעהאַנגען א שמאַטע אף א דראָט וואָס איז געהאַנגען אין דער לופט און ער האָט זיך א נעם געטון צו דער שמאַטע. די שמאַטע האָט ניט געקענט בלייבן הענגען רואיק אז ער האָט זיך גענומען דערלאַנגען אזעלכע שווערע קלעפּ מיט ביידע פויסטן. זי האָט זיך גענומען שליידערן, וואַרפן און וואָס מערער ער האָט אויסגעלאָזט זיין צאָרן צו דער שמאַטע אלץ שטאַרקער האָט זי זיך געמוזט וואַרפן פאר זיינע אויגן און אלץ שטאַרקער האָט ער זי געמאַזיקט. מען האָט געזען, אז עס גייט צווישן אים און דער שמאַטע א קאַמף אף לעבן און טויט. אָט טוט ער זיך א שטעל אָפּ, בויגט איין דעם קאָפּ און גלאָצט ארויף צו דער שמאַטע ווי א הונט צו א שטיק פליש וואָס ער קען עס ניט דערלאַנגען. פּונקט אזוי גיך ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פּונקט אזוי גיך האָט ער זיך צוריק גענומען וואַרפן. פריער האָט ער די שמאַטע נאָר געטון א שאָקל אבער באַלד

האָט ער זי דערלאַנגט א כאַפּ ארום מיטביידע אָרימס און זי גענומען מיט אזא צאָרן קנעטן מיט די הענט, אז רודי האָט געמיינט אפן שווארצן יונג אַז ניט אנדערש אז ער איז אראָפּ פון זינען.

ער האָט זיך אבער פּאָרט איינגעמאַטערט און אראָפּגענומען די שמאַטע פונם דראָט. ער איז אריין אין צימער און שוין מער ניט ארויסגעקומען.

אנגעקומען איז דער בחור גאָר שפּעט, ארום האַלבע נאַכט. רודי האָט אים דערציילט די געשיכטע און יענער האָט געלאַכט. ער זאָגט רודין אַז ער ווינטשט אים ניט צו כאַפּן אַ קנאַק פון אָט דעם דאזיקן ווילדן נפש. אזוי, דערציילט ער, איז ער אַ גאַנץ גוטער. אפטמאָל קומט ער צו זיי ארויף, דערציילט זיי געשיכטעס, פארברענגט מיט זיי. אבער דער באַלעבאָס וויל אים ניט ליידן. ער וואָלט וועלן אַז ער זאָל זיך ארויסציען. ער קען אים ארויסוואַרפן דורך דער פּאָליציי, נאָר ער האָט מורא מיט אים זיך אנצור־הייבן. ער וויל אים ניט ליידן וואָס ער פארפאַלגט זיין טאָכטער. און ווי מען זאָגט — איר פארשטייט?

— כ׳פארשטיי. דער באַלעבאָס איז אַ איד?

— אַ איד, וואָס דען, אַ שניידער, פירט אַן איינגענעם טאַזשער. עס זאָגן די שכנים, אַז ער פארפאַלגט זיין ווייב אויך און ווי מען זאָגט — איר פארשטייט?

— כ׳פארשטיי.

דער בחור וואָלט נאָך געוואָלט ריידן, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. ער דאַרף אויפשטיין פארטאָג צו דער ארבעט. רודי פרעגט אים וואָס און וואו זאָל ער עפּעס זוכן אַן ארבעט. דער בחור זאָגט אים צו זיך צו פרעגן מאָרגן אף דעם. ער שלעפּט אראָפּ זיין חבר פונם בעטל, ער הייסט זיך אים אויסטון און פארלעשט דאָס ליכט.

וואָלט נאָך געווען ליכטיק, וואָלט נאָך רודי זיך ניט געלייגט שלאָפן. ער דערמאָנט זיך אַז ער האָט ניט קיין געלט און האָט ניט קיין היים. ער האָלט צוגעמאַכט די אויגן און טראַכט, און זעט ניט מיטן געדאַנק קיין וועג פון וואַנען עס קען קומען הילף. ער וויל זיך פארשטעלן וואָס מיט אים וואָלט געווען איצט ווען אף דער שיף זאָל ניט געווען זיין קיין מלבהלע.

אוועקגייענדיק פון דזשימען האָט ער באַשלאָסן ווי גיך ער וועט אפּשטייגן אין בוענאָס איירעס וועט ער גיין פון טיר צו טיר און פרעגן אף ארבעט. ער וועט גיין אזוי לאנג ביז ער וועט אוועקפאלן. ער באַשליסט, ער וועט עס טון נאָך. ס'איז נאָך ניט צו שפּעט. ער וועט אין דער פרי אוועקפאָרן ווייט מיטן טראַמוויי און ערגעץ אף א גאס וועט ער אפּשטייגן. וועט צוגיין צו א טיר און וועט ווייזן מיט די הענט אז ער וויל ארבעטן. ארבעטן, דזשים — ארבעטן. — דזשים, ליבער דזשים, כ'וועל טון ווי דו האסט מיך געהייסן, כ'וועל דיך פאלגן. כ'וועל ארבעטן. נעמען א ווייב. ברענגען מיינע קינדער־לעך אהער. מיינע דריי קינדערלעך אהער. אלע דריי צוזאמען, ליבער דזשים. אלע דריי זיך האלטנדיק פאר די הענטעלעך וועלן זיי אראפּקומען צו מיר. און איך וועל זיי פרעגן וואו איז זייער מאמע. און איך וועל זיי פרעגן פארוואס זי איז ניט געקומען. און איך וועל זיי פרעגן צו זיי ווייסן אז איך בין זייער טאטע. און איך וועל זיי פרעגן צי זיי ווייסן פארוואס איך דער־קאָן זיי ניט. זאָג עס דעם הייליקן אויך דיינעם, ליבער דזשים. פון מאָרגן הויב איך עס אָן, פון מארגן, פון מארגן. — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט זיך רודין געחלומט פון זיין היים. ער האָט דערזען אין חלום אלץ וואס ער האָט זיך ניט געקענט דערמאנען. ער האָט פון שלאף א געשריי געטון. די צוויי בחורים אין בעט האָבן ניט געהערט אבער רודי האָט זיך פון זיין געשריי אליין אויפגעכאפּט. ער האָט זיך אויפגעזעצט און וויל ס'איז געווען פינצטער ארום אים, האָט נאָך דער חלום געלעבט פאר זיינע אויגן. זיין ווייב האָט ער געזען, זיינע קינדערלעך האָט ער געזען. ער האָט גע־רעדט מיט זיי. ער האָט געטאנצט מיט זיי. נאָר פּלוצים האָט אים עמיצער פון הינטער דערלאנגט א קלאפּ אין קאָפּ און ער האָט זיך מיט א ווילדן הייזעריקן געשריי אויפגעכאפּט.

פון יענער זייט פענצטער שלאָגט אפּ א שיין. ער וויל ניט ווייסן וואָס דארטן קומט פאָר, ער וויל ווייטער חלומען. און לייגט זיך אנידער מיטן קאָפּ אראָפּ און פארמאכט די אויגן, אבער דער שלאף רירט זיך ניט צו זיי.

זעצט ער זיך אויף. די וואַנט, זעט ער, פון יענער זייט פענצטער איז נאָך אַלץ באַלויכטן, גייט ער צו צום פענצטער.

אונטן, וואו דער פּאַליציסט וואוינט איז ליכטיק און פון דאָרטן קומט דער אָפּשיין אַף דער וואַנט. רודי בויגט זיך אָן איבערן פענצטער און הערט ווי מען שושקעט זיך אונטן אין צימער. באַלד זעט ער ווי עס ווערט פינצטער און דער פּאָליציסט אַליין גייט אַרויס פונם צימער.

וואָס דאָרט קומט פאָר ווייסט ניט רודי. ער צינדט אָן דאָס ליכט. דער פּאַליציסט דערזעענדיק אַז אויבן איז ליכטיק, האָט ער אַרויפקוקנדיק דערזען רודין אין פענצטער. ניט וועלנדיק אפילו וויסן ווער ער איז האָט ער אים גענומען רופן מיט דער האַנט ער זאָל אַראָפּגיין. רודי האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און איז אַראָפּ. ער הייסט אים אונטערוואַרטן און רודי פאַרשטייט אים, נאָר ער ווייסט אַלץ נישט וואָס אינעווייניק אין צימער קומט פאָר. דער פּאַליציסט שטשירעט זיינע רעשיקע ציין, אָבער ער האַלט זיך איין ניט צו לאַכן אַפן קול. באַלד ווערט אינעווייניק ליכטיק און איינער האַלטנדיק די הויזן אין די הענט קומט אַרויס און פאַררויכערט אַ ציגאַר. דער פּאָליציסט שטופּט איצט רודין אַריין. רודי איז אָן חשק אַריין. ער האָט אַ קוק געטון וואָס דאָרט קומט פאָר: די מויד וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אַפן בעט האָט אַף אים אַ קוק געטון, ער אַף איר און איז באַלד אַרויס צוריק. דער פּאָליציסט האָט אים פאַר דער האַנט ווידער געשטופּט אין זיין צימער נאָר רודי האָט זיך ניט געלאָזט.

מיט צוויי דריי שפּרינג איז דער פּאָליציסט געווען באַ רודין אין צי־מער. האָט אויפגעוועקט די צוויי בחורים און האָט זיי אַראָפּגעפירט אונטן. איינער האָט זיך, ווייזט אויס, געשעמט פאַר רודין אַריינצוגיין צו דער מויד נאָר דער צווייטער איז אַריין. געמאַכט פינצטער, מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז געוואָרן ליכטיק און איז אַרויסגעקומען.

— נו, איצט ווייסט איר שוין פאַרוואָס דער באַלעבאָס וויל אים פאַר קיין שכן ניט האָבן? גאַנוועט זיך דאָ ניט אַריין זיין מויד, גאַנוועט זיך אַריין די מאַמע.

— ווער איז די דאָזיקע — פרעגט רודי.

— דאס איז די טאכטער, דעם באַלעבאָס טאכטער, און דער שוואַרצער זאָגט אַז ער ציט זיך שוין פון דעם צימער ניט ארויס.

— און דער באַלעבאָס ווייסט ניט?

— און אַז ער ווייסט יאָ — איז געוועזן דעם בחורים ענטפער.

די בחורים זיינען צוריק ארויף אין זייער צימער. האָבן זיך געלייגט און איינגעשלאָפן.

רודי איז געבליבן זיצן אפן פענצטער. ער האָט געזען אַ לאַנגע צייט ווי דער שוואַרצער מיט זיין שותף בייטן זיך אַלע ווײַלע: איינער גייט ארויס, גייט דער צווייטער אריין. ס'ווערט פינצטער און ס'ווערט ליכטיק. נאָר ווען אַף דער נאכט האָט גענומען פאַלן שאָטנס פונם טאָג, האָט זיך די מויד אין אַ ליילעך איינגעוויקלט ארויסגעכאַפּט און איז נעלם געוואָרן.

רודי איז געבליבן זיצן די גאַנצע צייט אפן פענצטער. די לופט פאַרטאָג צו איז געוואָרן עטוואס קאַלט, אָבער רודין האָט עס פון פענצטער ניט פאַרטריבן. נאָך דעם חלום וואָס ער האָט געהאַט איז ער עפּעס אַנדערש באַ זיך געוואָרן. דער חלום איז אים פאַרבליבן אין קאָפּ. פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די אויגן, פלעגט ער דערזען דעם חלום פונקט אַזוי ווי ער האָט אים געזען אין שלאָף. ער האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע: וואָס טו איך דאָ? ער האָט זיך גענומען ארומקוקן און גאָר אַנדערש האָט ער די ווענט גענומען באַטראַכטן ווי ביז אהער. אַף וואָס ער האָט נאָר אַ קוק געטון האָבן זיך זיינע ליפּן גענומען באַוועגן: וואָס טו איך דאָ? די שטיל־קייט און די ארימע ווירקלעכקייט האָבן זיך אים געלאָזן באַטראַכטן. און קוקנדיק אַזוי אַף דער וואַנט האָט ער זיך דערלאַנגט אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ:

— ביז ווי לאַנג וועל איך אַזוי לעבן? ווער האָט עס מיר דאָ געבראַכט אהער? פון מינוט צו מינוט איז ער געוואָרן אַלץ מער פאַרביטערט. אָבער טראַכטן וואָס ער זאָל נעמען טון איצט האָט ער ניט געטראַכט, ער האָט זיך נאָר געשטעלט פראַגן. ער האָט געהאַט דעם געדאַנק נאָך פון נעכטן באַנאַכט אַז ער דאַרף גיין פון טיר צו טיר און בעטן אַרבעט, אָבער איצט, איז אין אים שוין ניט געוועזן די זאָרג פון פאַרכאַפּן דעם מאָרגן, איצט, האָט זיך אין אים גענומען באַוועגן דער נעכטן. דאָס בילד פונם נעכטן האָט זיך

ערשט איצט פאר אים גענומען מאָלן. ער האָט א כאַפּ געטון זיין הוט און געוואָלט קודם כל פון דאנען אנטלויפן ווי פלוצים האָט זיך צעקלונגען דער זייגער. די צוויי יונגען האָבן זיך געטון פאר אמאָל א זעץ אויף און רודי מיטן הוט אין דער האנט איז געבליבן שטיין באַם טיר ניט אהער ניט אהין.

די יונגען קוקן אים אן פארשלאָפענע און ביידע ווייסן ניט פון פלוצימ־דיקן אויפכאַפּן זיך וואָס זיי זעען קלאָר פאר זיך. ביידע נעמען זיך גיך אנטון. איינער כאַפּט דעם אנדערנס זאכן. דער שלאָף וואַרפט זיי שאָטנס פאר די אויגן און זיי זעען ניט.

רודי לייגט אוועק די הוט און קוקט זיי אן פארלאָרן.

— ווי מיינט איר — ווענדט ער זיך צו זיי — פון מיר וועט נאָך עפּעס זיין צי ניט?

פון די בחורימס אויגן פארשווינדן די שאָטנס און זיי זען שוין. איינער הערט זיך אויף צו איילן און ענטפערט:

— איר זאָרגט וואָס איר וועט ניט קריגן קיין ארבעט?

— איך פרעג אייך? איר דאַרפט דאָך ניט מיינען אז איך בין עפּעס א לומפּ וואָס וועל גיין נאכט נאָך נאכט און אנבאָטן זיך וועמען ניט איז צו לאָזן מיך איבערנעכטיקן. איך האָב דאָך שוין עפּעס איבערגעלעבט יאָרן! אויב איך בין געקומען אהער, באַדאַרף איך דאָך האָבן א ווינקל. איך בין דאָך ניט אליין. איך האָב דאָך פאר וועמען צו זאָרגן. און אליין דאַרף איך דאָך אויך לעבן. איז וואָס זשע מיינט איר זאָל איך איצט טון?

— מיר וועלן היינט אַ פרעג טון — ענטפערן זיי אים — אין א פּאָר ערטער וועגן ארבעט פאר אייך.

— אוואו וועל איך אייך אין אוונט געפינען? איך גיי דאָך אוועק פון דאנען איצט.

רודי איז אין כעס וואָס די בחורים לאָזן זיך ניט ריידן, וואָס זיי איילן זיך און באלד וועט ער בלייבן אליין. ס'איז אים אבער ניט באַשערט ער זאָל בלייבן אליין: גרינפעלד איז דאָ. ער קומט ניט צו קיינעם, אויסער צו רודין. דער צער אף זיין פּנים איז גרויס און ער פּרוּווט אים צודעקן מיט אַ שמייכעלע. ער ווייזט גלייך ניט ארויס אז ער קומט נאָך רודין. ער פאַר־

פירט כלומרשט א שמועס מיט די בחורים און ווען רודי וויל נעמען אוועק־גיין, כאפט אים גרינפעלד אָן פאַר דער האַנט. דער שמייכל און דער צער — פארשווינדן פון זיין פנים מיט אמאל. גרויל פאלט אויף רודין פון זיינע אויגן. רודי זעט שוין אז מיט קיין גוטער בשורה איז איצט גרינפעלד צו אים ניט געקומען. ווען די רציחה וואָלט ניט געלעגן אין גרינפעלדס אויגן, נאָר דאס זאָל ליגן אפן טיש, וואָלט רודי געגעבן אויף דעם א שפיי.

— וואו גייט איר און וואו ווילט איר גיין? — פרעגט גרינפעלד און דער צאָרן מאַכט שטאַר זיינע אויגן.

— וואו איך גיי — פרעגט איר און וואו איך וויל גיין —· שלאָגט אים רודי אפ מיט פאראכטונג — דארט וואו איר דארפט ניט וויסן.

גרינפעלד וואַרט אפ אז די צוויי בחורים זאָלן אוועקגיין און נאָך דעם ווי זיי גייען אוועק, רופט ער זיך אָפ:

— וואָס האָט איר געטון מיט מלכהלען?

ניט גרינפעלדס ציטערדיקער קול האָט רודין א שניט געטון אין הארצן נאָר מלכהלע אליין, וואָס פליט פארביי פאר זיינע אויגן. ער זעצט זיך. די פיס ווילן ניט שטיין.

— איר פרעגט וואָס איך האָב געטון מיט מלכהלען, דאס דאַרפט איר, ליבער פריינט, איר אליין פרעגן, ניט מיך. נאָר אויב איך האָב איר שוין קיין שלעכטס ניט געטון, וועל איך איר שוין אויף ווייטער אויך קיין שלעכטס ניט טון. איך בין ניט פעאיק אפצודאַנקען מיט שלעכטס פאַר גוטס.

אין גרינפעלדס ברוסט האָבן געריזלט טרערן, נאָר ער האָט פאר זיי פארשפארט דעם וועג, דעריבער האָט ער געמוזט האלטן אין זיך דעם ווייטיק און ניט עפענען דאס מויל, ווייל קוים עפנט ער דאס מויל, וואלט ער פאַר־שעמט געוואָרן פון די טרערן וואָס וואלטן געוואשן זיין פנים און ער וואלט ווי א קינד צוגעפאלן צו רודין, צום אומגליקלעכן רודין.

— איר זענט פון מיינע מענטשן, — זאָגט רודי.

בא גרינפעלדן אין ברוסט איז שטיל געוואָרן און ער קען שוין עפע־נען ס'מויל.

— קומט מיט מיר — נעמט אים גרינפעלד פאר דער האנט און זיי גייען. — אויב איר האָט איר קיין שלעכטס ניט געטון, טאָ פאַרוואָס זענט איר ניט געקומען שלאָפן צו אונז?

— דורך דעם, פארשטייט איר, אז ס'איז עפעס יאָ געווען?

— קומט, שטעלט זיך ניט אָפּ. קומט צו מיר אין שטוב.

— וואָס וועל איך טון בא אייך? איך דאַרף גיין זוכן ארבעט. איך בין א טאַטע פון דריי קליינע קינדערלעך, איך וועל נעמען איין וועג, איר נעמט דעם וועג צו מלכהלען און גייט צום טייוול! לאָזט מיך גיין, ווארום אז ניט וועט איר בא מיר ניט נאָר גיין נאָר באלד לויפן.

— פארהאלט זיך רואיק — האלט אים גרינפעלד צו די הענט וואָס ווילן זיך שוין אויפהויבן. — שרייט ניט אזוי, מען וועט אייך נאָך באלד ארעסטירן.

— עס מאכט ניט אויס, אויב יאָ, איז אויך ניט שלעכט.

— איך וועל אייך ניט אפלאזן. קומט צו מיר אין שטוב.

— איך האָב אייך שוין איינמאל געזאגט וואָס איך דאַרף טון. זאָגט מיר, איר גרייט שוין פאר מיר עפעס א נייעם אומגליק? דאס מאָל, הייסט עס, האָט אייך ארויסגעשיקט דער טייוול וואָס זאל מיר פארלויפן דעם וועג?

— איך וועל אייך גאָרניט ניט טון. איך קען אָן אייך ניט קומען.

— זי איז א טייער קינד. זי איז ווערט אז איר זאלט איר גוט באַהאנדלען. פון אירע אויגן קוקט ארויס א גרויסע נשמה און איר מוזט זיין אָן א נשמה, דעריבער זענט איר ניט קיין פּאָר. ווען איך וואָלט אייך געוואָלט שלעכטס טון, וואָלט איך זי צוגענומען צו זיך. איר זענט ניט איך: איר וועט עס ניט אויסהאלטן.

— איך וועל אויסהאלטן, איר וועט זען. אויב איר האָט זי ווילד געמאכט וועל איך זי איינצאַמען.

— האָ, האָ, איר, הייסט עס, וועט זיין דער פורמאַן — זי דאס פערד און זי וועט אייך מוזן שלעפּן דאָרט וואו איר וועט קערעווען.

— און מיט דער בייטש וועל איך איר געבן.

— מיט קיין בייטש ניט — זאָגט רודי, ווארנענדיק מיט דער האַנט, — דעם בייטש וועל איך אייך ארויסשלאָגן פון די הענט. גייט צום טייוול!

— קומט אהער! משוגענער מענטש!

— גייט צום טייוול — שרייט צו אים רודי, אוועקגייענדיק — און אויב דער טייוול ליגט בא אייך אין שטוב און ווארט מיך אָפּ, וועל איך קומען צו אים. איך האָב זיין אדרעס. — און ער איז אוועק.

עס זיינען דאָ הינט וואָס האָבן ניט קיין היים און עס זיינען דאָ פייגעלעך וואָס האָבן ניט קיין היים, קיין נעסט. פאַרוואס איז אזוי שלעכט דעם הונט וואָס האָט ניט קיין היים און פארוואס איז אזוי גוט דאס פויגעלע וואָס פליט ארום הפקר? דאס פייגעלע זינגט און דער הונט בייסט און בילט. ווער ווער וועט דאס וואגן צו שלאגן א פייגעלע? די פייגעלעך האָבן פיינט אלע באשעפענישן אף דער ערד. זיי קלעטערן אין די נעכט ערגעץ צווישן פעלזן אדער ערגעץ אף צווייגן און צו קיין טיש דורך קיין אפענעם פענצטער ווילן זיי ניט אריינפליען, און אף יעדן ארימען טיש ליגט דאך פאר זיי שפייז, און יעדנס בייזע האנט וואלט דאך זיי געגלעט, און יעדעס שעלטנדיק מויל וואלט דאך זיי געבענטשט. בא יעדן דורכגייער אפן קאָפּ וואלט זיך דאך געקענט שטעלן אפרוען א פארמאטערט פייגעלע. דאס פייגעלע וויל ניט. און ווער פארגעטערט א הונט? האָט זיך דאָס שלעכטס געלערנט דער הונט פונם מענטשן צי פארקערט. און דער הונט וואָס האָט ליב דעם מענטשן איז דאס דאך צוליב מורא, ניט צוליב גוטס־קייט. און יעדער מענטש וואָס האָט ליב דעם צווייטן איז דאס דאך אויך צוליב מורא און ניט צוליב גוטסקייט. — — — פארוואס ווילן די פייגע־לעך דורך קיין אפענעם פענצטער צו קיין טיש ניט צופליען? אף יעדן ארימען טיש ליגט דאָך פאר זיי שפייז. יעדעס בייזע האנט וואלט זיי דאך געגלעט און יעדעס פארשאלטן מויל וואלט זיי דאך געבענטשט. — גע־בענטשט — — געבענטשט — — — —

די נעכט זיינען אזוי שיין. די נאכט האָט ניט קיין דאך און ניט

קיין פענצטער. און דער דאזיקער וואָס האָט ניט קיין תקומה אף דער וועלט קען אפּדעקן די שאַנד און שפּייען אין פּנים די חכמים וואָס האלטן די שליסלען פון דער וועלט צוקאפּנס בא זיך און שלאָפן.

וואָס פון רודין איז געוואָרן! שווער צו דערקענען אים פאר די עטלעכע טעג פון זיין וואָגלען. ער איז נישט פון די הונגעריקע וואָס שעמען זיך אריינצוקוקן א זאַטן אין פּנים. איצט קוקט ער אָן בעסער אין פּנים א צווייטן ווי פריער. אין אן אויסגעפּוצטן שוי־פענצטער זעט ער אפט־מאָל זיין פּנים און ער פארקרימט זיך ניט. און ער ערגערט זיך ניט. צו דעם דאָזיקן גהינום האָט ער געוואלט קומען און פארזוכן דעם טעם פון אונטערגאַנג. ער ווייסט אויך, אז עס פירן טרעפּ נאָך נידעריקער, נאָר ער וועט טיפער ניט גיין. אבי דער קאפּ איז אים קלאָר. אַבי אין הארצן וואקסט א געשריי. ער איז צופרידן ווען עמיצער קוקט אים פון דער זייט אָן מיט פאראכטונג. דאס הארץ האָט אים שוין אבער געזאגט, אז עס איז גענוג. שוין צייט. דאס האַרץ האָט קיין טעות ניט געהאט. דער ערשטער סימן איז געווען וואס א פרוי האָט אים פון א טיר ארויס צוגעווארפן אן אלטן קאסטיום. (ער האָט באשלאסן צו מלכהלען אזוי גיך ניט גיין, אפילו ניט אפּנעמען זיינע זאַכן) געגאנגען איז ער פון שטוב צו שטוב. בא איינִיקע האָט ער זיך נאָר אָפּגעשטעלט א קוק געטון און בא אנדערע, האָט ער אנגעקלאפּט, און געוויזן מיט א שמייכעלע אין די אויגן און מיט די הענט, אז ער וויל ארבעט. ווען ער איז געגאנגען ארומגעריסן, האָט אים אפילו קיינער ניט געוואָלט ענטפערן. איצט, ענטפערט מען אים. איינִיקע דריקן אוים מיטלייד אפן פּנים און אַנדערע מאכן זיך, אז זיי פארשטייען אים ניט און פארקלאפּן די טיר.

אין איין שטוב האָט ער אנגעקלאפּט. ס'איז אים ארוים אנטקעגן אַן אָן־האָריקער פארשוין און האָט אים אריינגערופן. זייער העפלעך איז געווען רודי און האָט זיך פארנויגט. דערזעענדיק פאר זיך די שפּיגלען פון ארום און דערפילנדיק אונטער די פים טעפּיכער, האָט זיך גאר אַנדערש גענומען באוועגן זיין פיגור.

דער באַלעבאָס פרעגט אים:

— שוין לאַנג, אַז איר גייט ארום אָן ארבעט?

— איך קען ניט אָנרופן קיין צייט — זאָגט רודי, מיט א שמייכל.

— פונדעסטוועגן, שוין לאַנג?

— איך קען ניט באַשטימען.

— כ'האָב אַן ארבעט פאר אייך — זאָגט דער באַלעבאָס און פאַרוויכערט, און רודין לאָזט ער שטיין. — כ'האָב אַן ארבעט פאר אייך, נאָר איך ווייס ניט צי אייך וועט עס זיין געפעלן, צי איר וועט עס אָננעמען. אויב איר גייט שוין ארום לאַנג אָן ארבעט, וועט איר עס אָננעמען, דעריבער האָב אים אייך באַלד באַם אָנהויב געפרעגט צי איר גייט שוין ארום לאַנג אָן ארבעט. יאָ, איך וויל טאַקע וויסן צי איר גייט שוין ארום לאַנג אָן ארבעט.

— לאַנג צי קורץ — זאָגט רודי העפלעך, נאָר פון אים ארויס, וויל עמיצער אויסשרייען עפּעס אַנדערש, ניט העפלעך.

— איך וויל דווקא וויסן.

— איך קען דאָך אייך אָפּנאַרן אויך.

רודי באַשליסט בא זיך צו זאָגן אים, אַז ער גייט שוין ארום אָן ארבעט גאָר א לאַנגע צייט. אים איז שוין ניט וויכטיק צי ער וועט אים געבן ארבעט, ער וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס פאר אַן ארבעט האָט ער עס פאר זיי נעטוועגן. נישט מער ווי דאָס וויל ער און זאָגט אים:

— שוין א האַלב יאָר, אומגעפער.

דער באַלעבאָס האָט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט מיט דעם אויסגעדריקט צופרידנקייט. ער פירט אים אריין אין א צימער, וואו אויף א נידעריקער סאָפע ליגט א הונט אין א רויטער פעל.

— אויף דעם דאָזיקן הונט, וויל איך, איר זאָלט אכטונג געבן.

— וואָס שטעלט מיט זיך פאר אייער הונט?

— ער איז זייט איייניקע טעג קראַנק, זייער קראַנק. (ער טוט אים א טאָפּ באַם נאָז צי ער האָט היץ). איר וועט אים דאַרפן יעדן טאָג טראָגן צום דאָקטער.

— וואס נאָך? — פרעגט רודי, קוקנדיק אפן הונט.

— איר וועט דארפן לעבן אים זיצן און זען, אז קיין פליגן זאלן ניט ארויף־פליען ביי אים אף דער נאָז.

— מען זעט דאָ ניט אין צימער קיין פליגן.

— מען זעט טאקע ניט, פונדעסטוועגן, האָב איך דאָ היינט איין פליג געפּאַקט.

— וואס האָט איר זי געטון?

— איך האָב זי ארייַנגעווארפן אין פייער.

— אזוי וועל איך אויך דארפן טון?

— יאָ, אַזוי וועט איר אויך דארפן טון.

— ער ליגט רואיק?

— איצט ליגט ער רואיק, און אַמאָל הויבט ער זיך אָן צו ווארפן און שרייען.

— וועל איך אים, הייסט עס, דארפן איינשטילן?

— זיכער. איר וועט קענען עפּעס אויסטראכטן אַ קונץ, וואס זאָל אים פארוויילן.

— אַ קונץ, זאגט איר, האַ, וואס זאָל אים פארוויילן. טאַנצן קען איך ניט. סיידן, זיך שטעלן מיטן קאָפּ אראָפּ, האַ, ווי מיינט איר?

— איר וועט זען פון וואס ער וועט האָבן הנאה, דאס וועט איר טון.

— גוט, איך נעם עס אָן. איך בין אבער מיד און הונגעריק. איך מוז פריער אָפּעסן און זיך אויסרוען.

— דאָס יאָ. קומט, וועט איר עסן. שלאָפן וועט איר קענען נאָענט לעבן הונט.

ער האָט אָנגעקלונגען דער דינסט. די דינסט האָט באַלד געגרייט דעם טיש פאר רודין. רודי האָט זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און איז אוועק שלאָפן לעבן הונט.

דער הונט האָט געקוקט אף רודין און רודי אפן הונט. דער הונט האָט זיך געלאָזט גלעטן און האָט צוגעמאכט די אויגן.

נאָכן איבערשלאָפן זיך, האָט רודי גענומען באַטראַכטן, וואו ער געפינט

זיך. אויסער דעם אלטן אָן־האַריקן באַלעבאַס און זיין דינסט, האָט זיך קיינער ניט געלאָזט הערן, און קיינער ניט געלאָזט זען. דעם באַלעבאָס האָט מען ניט געזען, נאר געהערט האָט מען זיין הוסט פון א פארמאַכטן צימער. די דינסט האָט אלע ווײלע געקוקט צו רודין. מסתמא האָט עס איר פאַר־זאָגט דער באַלעבאָס אירער. רודין האָט עס ניט געהאַרט. זאָט איז ער גע־ווען און אויסגעשלאָפן, איז ער געזעסן און געקוקט אַפן הונט.

ווען ניט דער הוסטל פון באַלעבאָס וואָלט זיך רודי פאַרגעסן אז ער זיצט און באַדינט גאר א קראַנקן הונט. ער האָט טאַקע ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונם הונט אבער פאַרטראַכט האָט ער זיך גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. נאָר דער הוסטל פלעגט אים אלע מאל דערמאָנען וואו ער געפינט זיך. ווען דער הוסט האָט זיך געלאָזט הערן א פּאָר שעה נאָכאַנאַנד, האָט רודי גע־נומען פאַרשטיין אז דאס הוסט ער טאַקע צו אים, אים דערמאָנען. און אויב ער האָט זיך גענומען פילן שלעכט, איז עס ניט געווען צוליבן הונט נאָר צוליב דעם הוסטל.

פּלוצים הויבט אָן דער הונט צו סאָפּען. רודי שטעלט זיך אויף און הויבט זיך שוין אָן צו צעשטרייען: ענדלעך האָט ער דערלעבט צו זען אַן ענדערונג אַף דעם הונט. דעם הונטס סאָפּען איז אבער אויך ניט געווען אומ־זיסט: א פליג האָט אים געביסן די נאָז. אבער ווי גיך רודי האָט זיך גע־וואָלט נעמען צו דער פליג איז די פליג שוין געווען אין דער לופטן. מער איז טאַקע ניט געווען צו זען ווי די איינע פליג, האָט איר רודי געוואָלט פּאַקן. ער וואָלט איר אפשר געפּאַקט אויך ווען דער באַלעבאָס זאָל פּלוצים ניט אריינקומען אין צימער און אים גיבנדיק א צעטעלע, אים געהייסן פאַר־זיכטיק נעמען דעם הונט און אים טראָגן צום דאָקטער וואָס וואוינט ניט ווייט. רודי האָט גענומען פאַרזיכטיק דעם הונט אין דער פוטערנער דעק אַף די אָרימס און איבערלאָזנדיק דעם באַלעבאָס מיט דער פליג אין צימער איז ער אוועק.

ווען ער איז אַרויס פון שטוב איז געווען שוין פאַרנאַכט. שיינער פאַר־נאַכט. ער זעט גייען פיל מענטשן נאָר עמיצער זאָל גיין מיט א הונט אַף די הענט ווי ער, זעט ער ניט. כאָטש דעם הונט זעט מען ניט אַרויס פון

דער דעק פונדעסטוועגן, דוכט זיך אים, ווייסן אַלע אַז ער טראָגט אַ הונט, אַ קראַנקן הונט. וואָלט ער געוואוסט אַז די דינסט גייט אים נאָך, וואָלט ער גאָר אַנדערש געטראַכט אָדער וואָלט גאָרניט געטראַכט וועגן זיין איצ־טיקער אַרבעט. מיט אַמאָל האָט ער דערפילט אַ נישט גוטקייט אונטערן האַרצן. צי דערפאַר וואָס ער האָט זיך צופיל אַנגעגעסן צי פונם הונט. ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס עס קען געשען און וואָס אפילו ער טוט, ניט באַטראַכטנדיק זיך, האָט ער אַ וואָרף געטון דעם הונט מיט דער פּעל אויף דר׳ערד. ער וואָלט אַוועקגעגאַנגען נאָכדעם גאַנץ רואיק, ווען עס זאָל זיך ניט דערהערן אין דעם זעלבן מאָמענט פון הינטער אַ קוויטש. דער קוויטש האָט אים געטון אַזאַ יאָג אַוועק פון אָרט, אַז מען האָט ניט געקענט זען וואו ער איז אַזוי גיך נעלם געוואָרן.

וואָלט דער הונט פונם קלאַפּ אַרויסגעלאָזן דעם לעצטן אָטעם, וואָלט דער אָן האָריקער באַלעבאָס זיינער ניט גערוט ביז וואַנען ער וואָלט אין רודין ניט גענומען נקמה. דער דאָקטער האָט אָבער געזאָגט אַז דעם הונטס צושטאַנד איז ניט ערגער פון נעכטן. עס קען זיין אַז געראַטעוועט פון טויט האָט אים די פוטערנע פּעל. אָבער ווי גרויס איז געווען אַלעמענס איבער־ראַשונג, דאָס הייסט, דעם דאָקטערס און דעם באַלעבאָס, ווען אויף מאָרגן נאָכן קלאַפּ, איז דער הונט געזונט געוואָרן. באַלד אין דער פרי נאָך האָט ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאָפע און גענומען אַרומשפרינגען.

דער באַלעבאָס האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און אויסגערופן, קוקנדיק אויפן הונט:

— געבענטשט זאָל ער זיין וואו ער איז דאָרט. צי זע איך ניט אַז דער מענטש איז געשיקט געוואָרן צו מיין הונט פון גאָט אַליין? צי זע איך ניט?

פינפטער קאַפּיטל

ניט געקוקט וואס רודי האָט שוין דאָ פאר די עטלעכע וואָכן צייט געהאט קאלט און ווארים, איז ער ארויס, קען מען זאגן, א גאנצער. האָט געוואוסט אין דער ערגסטער צייט וואָס עס טוט זיך מיט אים. לויערן אף א צופאל אדער געשעעניש האָט ער ניט געוואלט. ער האָט געווארט אז דאס לעבן זאל אים אליין צורופן באם נאָמען און ער איז געווען זיכער אז פריער שפּעטער — עס וועט געשען.

אפט מאָל פלעגט ער זיך אפּשטעלן לעבן א בויענדיק הויז און ארויפ־קוקנדיק צו די מויערער, פלעגט אים פּייניקן פארוואס ער קען ניט די דאָזיקע ארבעט: יונגען איינס און איינס און ער צווישן זיי וואלט אזוי גערן געוואלט זיין. ער פלעגט א טרויעריקער אוועקגיין.

איינמאל, גייענדיק אזוי, איז ער צוגעקומען צו א גאראזש. ער האָט אריינגעקוקט אין דער טיפער טונקלקייט פון דער גרויסער געביידע וואו עס האָבן געררוט אויטאָמאָבילן. ער האָט אראפּגענומען דעם הוט און איז אריין אינעווייניק.

א הויכער יונג, אַן ארבעטער, אין הילצערנע שיך איז אים געגאנגען אקעגן:

— אפשר דארף מען דאָ אזא איינעם ווי איר זענט?

— גייט אריין דאָ אין צימערל — ווייזט ער אים אָן — און טוט א פרעג. מיר דוכט זיך אז מען דארף טאקע.

רודי האָט אנגעקלאפּט אין טירל פונם צימערל און א דיקער יונגערמאַן אין ברילן איז אים געגאַנגען אקעגן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— דאַרפט איר ניט צומאָל אן ארבעטער?

— מיר באַדאַרפן טאקע — ענטפערט ער אים און טוט אויס די ברילן.

— איך האָב אָבער ניט קיין קוואַרטיר.

— אַלע ארבעטער האָבן דאָ קוואַרטיר און פאַר אייך וועט אויך זיין אַן אָרט צווישן זיי.

זיי האָבן שוין פיל ניט באַדאַרפט ריידן: רודי האָט חשק געהאַט אים צו ענטפערן אויף אַלע זיינע פראַגן. ער האָט געדרויכערט דעם ציגאַר וואָס דער יונגערמאַן מיט די ברילן האָט אים געגעבן. ער האָט נאָר מורא געהאַט צו דער יונגערמאַן וועט אים פרעגן צי ער קען די ארבעט.

— די ארבעט הויבט זיך דאָ אָן באַנאַכט, דערווייל קענט איר אריינגיין אין צימער און כאַפּן אַ דרימל.

ער האָט אים אריינגעפירט אין א צימער. אמת, א גרויסער צימער, אָבער די פינף בעטן וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, זיינען צופיל פאַר דעם דאָזיקן צימער. איצט אַז ס'איז צוגעקומען רודי, איז צוגעקומען א זעקסט בעטל. טונקל אינעווייניק איז. ס'איז יאָ דאָ, הויך אין דער וואַנט, א פענצטערל צום גאַס נאָר די שויבלעך זיינען אַזוי שמוציק אַז מען קען גאַרניט זען דורך זיי. דערצו איז דאָס פענצטערל פאַרשלאָגן מיט גראַטעס.

רודי רוקט צו איין בעטל עטוואָס צום צווייטן און מאַכט פּלאַץ פאַר זיין בעטל. דער פּאָל איז פון שטיין און אנגעוואָרפן פול מיט שטיקלעך ציגאַרן. און פונקט ווי די ווענט זיינען גראָ אַזוי גראָ און אפשר נאָך גראָער זיינען די קישעלעך מיט די דעקן אויף די בעטלעך. אונטער יעדעס בעטל שטייט א קעסטל אדער א טשעמאָדאַן. שיך וואַלגערן זיך ארום איבערגע־דרייטע אפן פּאָל. נאָר אַזוי שטיל ווי ס'איז אין דעם דאָזיקן צימער! ער האָט נאָך אַזאַ שטילקייט קיינמאָל, דוכט זיך אים, ניט איבערלעבט. רודי

איז ארויס און האָט דערמאנט דעם יונגן באַלעבאָס אז ער זאָל זען אז זיינע דאקומענטן זאָלן ניט פארלארן גיין וואָס ער האָט בא אים צוגענומען.

גאנץ גוט געשטימט איז רודי. אים געפעלט זייער דער דאזיקער פּאָסטן. ער ווייסט נאָך ניט וואָס ער וועט דארפן טון: צי וואַשן די אויטאמאבילן צי עפּעס אנדערש. עפּעס אנדערש — ווייסט ער ניט וואָס עס קען מיט זיך פארשטעלן. ער האָט געשטעלט אזוי זיין בעטל, אז פון בעטל זאָל ער קענען ארויסקוקן דורך דער טיר אין גאראזש אריין. ליגט ער איצט און קוקט טאקע ארויס אין גאראזש. דאס ליכט פון דרויסן קומט זייער ווייניק אריין און אין דער טיפקייט אינגאנצן ניט. א לעמפּל, איין לעמפּל שטעכט אויס די אויגן פון דער פינצטערניש. רודין איז איצט גוט, זייער גוט.

ער האָט געהאט געפרעגט דעם באַלעבעסל וואס ער וועט דארפן טון האָט ער אים געענטפערט אז די ארבעטער וועלן אים שוין ווייזן. ער דער־מאנט זיך, רודי, אז דער באַלעבעסל האָט אים אויך געהייסן זיך אויס־שלאָפן, מאכט ער טאקע צו די אויגן, פאלגט אים און שלאָפט איין.

דער צימער איז אזוי פעסט אויסגעבויט וואו רודי שלאָפט, אז ווען ס'איז פארמאכט די טיר, דערטראגט זיך אינעווייניק זייער ווייניק דער גע־רויש וואס אן אויטא מאכט אָן באם אריינפארן, אדער ארויספאָרן.

דער ארבעטער וואָס האָט באגעגנט רודין זיצט אין אן אויטא און דרימלט איבער א צייטונג וואס ער האָט ניט דערלייענט. דער דאזיקער ארבעט דעם טאג און די איבעריקע פיר, ארבעטן די נאכט. דעם טאג גייען זיי אוועק. שלאָפן, שלאָפן זיי א פּאָר שעה אין דערפרי און א פּאָר שעה פארנאכט.

רודי האָט אין שלאָף דערשפּירט אז עמיצער שטייט איבער אים. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און איבער אים איז טאקע געשטאנען א יונג און אים באטראכט. דער יונג האָט א שמייכל געטון, רודי אויך און איז אראפּ פון בעט.

די יונגען האָבן ניט געטומלט, ווייל רודי איז געשלאָפן, אבער ווי נאָר ער איז אראפּגעקראכן פונם בעטל, האָבן זיי גענומען טומלען, לאכן און שרייען. רודי איז אין זייער טומל אריינגעשלעפּט געוואָרן. ער האָט זיך

באַלד דערוואוסט ווי מען רופט יעדן פון זיי. דריי זיינען געווען געזונטע יונגען נאָר איינער איז געווען א קרומער אף א פוס: זיין רעכטע פוס האָט זיך געשפּאַרט אף דער לינקער.

— איר האָט שוין געגעסן? — פרעגן זיי רודין.

— נאָך ניט — זאָגט רודי שטילער ווי ער רעדט.

— קומט אהער! — האבן אים אלע ארוף געטון. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט אף א בעט. זיי האבן אויפגעבונדן א גרויסן פּאַק וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראכט און גענומען ארויסלייגן צוויי לעבלעך ברויט, קעז, וואורשט און סאַרדינעס. דער קרומער האָט אריינגעבראכט א פלאַש ווייַן און צוויי סיפאָנעס און מען האָט זיך אוועקגעזעצט צו דער סעודה.

עסנדיק האָט איינער דעם צווייטן גענומען אפּן צימבל. דאס טוען זיי אפילו שטענדיק נאָר דאָס מאָל, האבן זיי געוואלט רודין באקאנט מאכן אף דעם אופן איינער דעם צווייטנס לעבן.

דעם שענסטן פון זיי אלע — א יונג מיט גרויסע קלוגע אויגן, א געשניצט מיידלש פּנים און שווארץ געקרויזלטע האָר — אים נעמען זיי דעם ערשטן.

— זאָג, — רופט זיך אפּ איינער מיט אן אויסגעבויגענער נאָז צו אים — זאָג, דיין פּראָפעסאָר פון דיין אוניווערזיטעט האָט עס דיר געהייסן אזוי גיך שלינגען?

דער ארויסגערופענער שמייכלט און שווייגט.

— זאָג, — זאָגט אים דער זעלבער צום צווייטן מאָל — מיינסטו ניט אז די כאַליערע קען קומען נאָך אזא פרעסן? הא, גוטנבערג?

גוטנבערג שלינגט אראָפּ גיך דעם ביסן נאָך נישט קיין צעקייטן, ווייל ער האָט שוין וואָס צו זאָגן.

— דעריבער האבן מיר דאָך א דאקטער, אף וואס דען דארפן מיר אים האָבן אויב ניט צו דער כאַליערע?

אלע קוקן שוין אף הערמאַנען וואס האָט אין דער היים געשטודירט מעדיצין. הערמאַן איז ניט פון די ווייצלער. אים, ווען זיי ווילטן לאָזן צורו, וואָלט ער קיינמאָל קיין איבעריקן ווארט ניט ארויסגערעדט. ער איז דער

איינציקער וואס איז פארביטערט. אבער זיי לאזן אים ניט אפ, און ער מוז זיך צופאסן צו זיי. ער ענטפערט אויך מיט א וויץ אבער ניט זייער גערן. ער וואלט אפשר דאס מאל ניט געענטפערט ווען רודי וואלט ניט געזעסן דערביי. פאר דעם נייעם מענטשן אין די אויגן וויל ער זיי ניט פאר־שווייגן, און רופט זיך אפ טראגנדיק דעם קעז צום מויל:

— ס'איז טאקע א שאד וואס דו פירסט איבער דאס עסן, ווייל צו דער באליערע איז נאך קיין מיטל ניטא.

— אבער אזא דאקטאר ווי דו — ענטפערט אים אפ גוטנבערג — וואלט באטש געמעגט וויסן אז פון באליערע שטעקט מען זיך אן. גיב עס א פרעג דעם קרומען וועט ער דיר דאס אויך זאגן.

דער קרומער, וואס האט שוין געוואלט ארייגלייגן אין מויל א ביסן, נעמט עס צו פון מויל און ענטפערט.

— וואס ווילסטו פון אים האבן, ער קען נאר שטעלן באנקעס און מאכן קאנעס. די באליערע דארף ער נאך ערשט קריגן. זאל זאגן ברודערמאן אויב איך זאג עס ניט אויפריכטיק — און ער לייגט אריין דעם ביסן אין מויל.

ברודערמאן איז דער, מיט דער לאנגער נאז. ברודערמאן, איז ניט זיין פאמיליע נאמען. ברודערמאן האבן זיי אים א נאמען געגעבן דערפאר, וואס ער זאל האבן איינמאל ווען מען האט אים אפגעגאסן מיט וואסער א גע־שריי געטון צו יענעם: ברודער־מאן. איצט רופט אים שוין אפילו דער באלע־באס, ברודערמאן. ער איילט זיך ניט צו ענטפערן. ער גיסט זיך פריער אן ווין מיט סיפאן און טרינקט זיך אן און ערשט שפעטער, ענטפערט ער. ער ענטפערט עפעס אנדערש.

— ווערליך דער קרומער האט מיר איינמאל פארטרויט, קלויבט ער זיך אין א נאכט א קוק צו טון צי איז גוטנבערג ווירקלעך א מאנספארשוין.

גוטנבערג ענטפערט באלד אין די רייד:

— אז איך קען זיצן מיט אזא מיאוסקייט אין געזעלשאפט בין איך א גאט.

— א גאט איז עפעס אנדערש. ווען דו וואלסט געווען א גאט וואלסטו

ערשטנס ניט באַדאַרפט עסן און נאָך עפּעס... מיר ריידן אבער וועגן א פרוי. ווען דו ביזט, באמת, א פרוי, וואָלסטו בא אונז פארדינט... מיר וואָלטן דיר שוין אַזוי אַרום געגעבן אַף צו לעבן און שלאָפן...

גוטנבערג ענטפערט:

— און אונזער דאָקטער האָט אונז איינמאָל געזאָגט אַז דו ביזט ניט קיין מאַן און ניט קיין פרוי.

דער קרומער לאַכט.

— לאָך ניט קרומער. מען האָט מיר אַמאָל געוויזן א הון וואָס האָט ניט געלייגט קיין אייער און געקרייעט. געקרייעט אפילו ניט ווי קיין האָן אבער געקרייעט. אזא נפש, האָט מיר געזאָגט אונזער דאָקטער, איז ברוד־דערמאַן.

ברודערמאַן זאָגט:

— אונזער דאָקטער פארשטייט זיך אַיין נאָר אַף פליגן: וועלכע איז א פרוי און וועלכער איז א מאַן. צוליב דעם צוועק, זע איך, פאַלמעסט ער אַלע מאָל א פליג.

— און דו — זאָגט דער דאָקטער הערמאַן — וואָלסט בעסער געקענט אויסנוצן דיין נאָז בעסער ווי דיינע הענט: דו וואָלסט אים איינמאָל אין יאָר פארדונגען פאַר א שופר, וואָלסטו שוין געהאַט א גאַנץ יאָר צו לעבן.

רודי וואָלט אויך געוואָלט נעמען אנטייל מיט דער חברה אבער קיינער האָט אים ניט ארויסגערופן. זיי האָבן אַלע פארראַוכערט און רודין האָבן זיי אָנגעזאָגט ניט ארויסצוגיין מיטן ציגאַר אין גאַראַזש וואו די אויטאָס שטייען.

ס'האָט זיך יעדער אויסגעצויגן אַף זיין בעט. ס'האָט יעדער געקוקט אין זיין רויך. דאָס פּענצטערל גאָר הויך אין דער וואַנט איז גראָער געוואָרן, א סימן, אַז עס פאַלט צו די נאַכט. די ווענט זיינען גראָער געוואָרן און די קישעלעך מיט די דעקן אַף די בעטן זיינען שמוציקער נאָך געוואָרן ווי זיי זיינען געווען.

א חוץ דעם קרומען, איז איינער שמוציקער פונם אנדערן. דעם קרומענס געלעגער איז אויך שמוציק אבער פארבעט, כאָטש עס איז ניט צו זען אַז

זיין בעט איז פארבעט, ניט מער וואס זיין דעק ליגט אויסגעצויגן גלייך ניט ווי אף אלע אנדערע בעטן. דער קרומער אליין איז אויך ריינער ווי יעדער פון זיי. צוקאפנס בא אים ליגן ניט קיין שמוציקע זאָקן, שמוציק וועש. די שיך אונטער זיין בעטל שטייען גלייך ניט איבערגעקערט ווי די שיך אונטער אלעמענס בעטלעך. ווען דער קרומער זאל איינמאל אין וואָך ניט ארויסקערן די שטיקלעך ציגארן וואס ליגן אנגעווארפן אפן גאנצן פּאָל, וואלט מען שוין דעם פאל ניט ארויסגעזען. די ערשטע צייט האָט דער קרו־מער געקערט אלע טאג דעם פּאָל, האָט געבעטן יעדן מען זאל פארבעטן די בעטן אבער ס'איז אים נמאס געווארן צו זאָגן יעדן טאג יעדן איינעם. אמאל טוט מען אים אפּ א שפּיצל: ווען ער גייט ארויס פון צימער צעווארפט מען זיין געלעגער. די ערשטע צייט פלעגט מען עס מאכן זייער אפט, ווייל ער פלעגט שרייען און זידלען, איצט מאכט ער זיך שוין אז אים ארט ניט, טוען זיי עס שוין מער ניט.

אלע האבן איינגעשלאפן אויסער רודין מיטן קרומען. גוטנבערג ליגט גלייך מיטן פנים ארויף און אף זיין בלייך געשניצט פנים ליגן צעשאטן זיינע שיינע האָר. ער אטעמט אזוי שטיל, קוים וואָס עס באוועגט זיך זיין ברוסט. דער דאקטער הערמאַן ליגט אף א זייט מיט א פינצטערן שמייכל אונטער די אויגן. די מאסקע וואס ער מוז דעם טאג אף זיך טראגן כדי די חברה זאלן אים ניט פייניקן, אָט די מאַסקע פאלט אין שלאף אראפּ. ס'איז זיכער, אז ווען ער זאל זיך דעם טאג מיט דער נאכט ניט דארפן געפינען צווישן די יונגען וואלט זיין פנים פונקט אזוי אויסגעזען ווי ווען ער שלאפט. ער האָט ניט פאר וועמען אויפצועפענען א פענצטערל פון זיין לעבן: ווייזן אין בילד זיינע יארן. ער האָט ניט וועמען ארייננצוקוקן אין די אויגן. איצט, אין שלאף ליגט אף זיין פנים די גאנצע רשעות וואָס האָט א תל געמאכט זיין יוגנט. זיין יוגנט האָבן באזונגען די פויגל אליין. פאר וועמען עס זיינען געווען שלעכטע טעג, פאר וועמען די זון האָט ניט געלויכטן — פאר אים, יאָ! צו דער ארבעט האָט ער זיך שוין צוגעוואוינט, נאָר שלעכט איז אים דעמאלט, ווען ער שרייבט א בריוו אין דער היים צו זיין טאטע־מאַמע און דארף שרייבן אז אים איז דאָ זייער גוט, אז ער נויטיקט זיך ניט אין זייער הילף,

אַז אויב זיי וועלן דאַרפן הילף זאָלן זיי אָנקומען צו אים. אים איז זייער גוט — דעמאָלט איז אים שלעכט. און נאָך ערגער איז אים געווען דעמאָלט, ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן די עלטערן אַז ער שטודירט און פאַרענדיקט שוין באַלד דעם שטודיום. ער ווערט דאָקטער. געשריבן האָט ער דעם בריוו ווען אַלע זיינען אויף די בעטן געשלאָפן און ער מיט נאַסע באָרוועסע פיס אין הילצערנע שיך, האָט פאַרטאָג נאָך דער אַרבעט אויף זיין בעטל געשריבן מער מיט טרערן ווי מיט טינט. איצט שלאָפט ער. אויפן צווייטן בעטל ליגט גוטנבערג. דער וועג פון זיין לעבן איז אויך ניט צעגראָבן מיט גריבער. אויך אַרום אים האָבן בלומען געוואַקסן פאַר זיינעטוועגן. אָבער אַנטלויפן האָט ער געמוזט ווייל ער האָט זיך שלעכט פאַרפּלאָנטערט אין די רעדער פון אַ ליבעס געשיכטע. ער האָט געמוזט איבערלאָזן דעם אוניווערזיטעט און אַנטלויפן. ער וועט שוין דאָ לאַנג ניט בלייבן: ווי גיך ער וועט האָבן אויף אַ שיפס־קאַרטע, וועט ער פון דאַנען אָפּפאָרן אין אייראָפּע. אין דריטן בעטל ליגט ברודערמאַן. ער האָט אין דער היים אַ פרוי מיט אַ קינד אָבער קיינעם זאָגט ער עס ניט אויס. קיינער ווייסט עס ניט. ער איז געקומען אַהער מיט אַ פּאָר גראָשן צו מאַכן אַ געשעפטל, זיך איינאָרדענען און אַראָפּברענגען די פאַמיליע. דער פּלאַן זיינער איז אָבער גיך אָפּגעמעקט געוואָרן ווי גיך ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין פרעמדן לאַנד. קיין געשעפט האָט זיך ניט געלאָזט אַזוי גיך מאַכן. אַ הונגעריקער איז שווער געווען אַרומצוגיין, און דער פּלאַן האָט געפּלאַצט גאָר גיך. פון צער איז פון אים אָפּגעקומען עפּעס אַ צוועלף קילאָ און די נאָז בלויז איז לענגער געוואָרן.

אויפן פערטן בעטל ליגט דער קרומער. אים זאָל מען פרעגן וועט ער זאָגן אַז זיין לעבן איז ערגער פון יעדן איינעם פון דער חברה. די ערשטע צייט ווען מיט אים האָט געטראָפן דער אַקצידענט, האָט מען געמיינט אַז דער מענטש גייט אַראָפּ פון זינען. דער מענטש איז אַהער געקומען מיט צוויי גלייכע פיס. איז געוואָרן אַ קוועטעניק און שוין געהאַט אָפּגעשפּאַרט עטלעכע פעזעם. נו, האָט אים דער טייוול אונטערגעשטעלט אַ פוס און ער איז געפאַלן אונטער אַ ראָד פון אַ קאַמיאָן. ס׳האָט זיך אים פון דעם אַקצי־

דענט אזוי שלעכט אויסגעדרייט דער פוס, אז ווי מען זאל ניט וועלן אים מיטפילן, מיטליידן, מוז מען דאך פארט א שמייכל טון: זיין רעכטע פוס שלאגט ממש זיין לינקע. א שטראף אזא, וואס עס לאזט זיך קיינמאל ניט פארגעסן. אויך דעם קרומען קומט אן שווער, ווען ער דארף שרייבן א בריוו. מען פארוואַרפט אים מיט בריוו פון דער היים. מען וויל פון אים, אז ער זאל כאטש שרייבן א פאר ווערטער און ער שרייבט ניט. וואלטן זיי שוין געוואוסט וועגן דעם אומגליק וואס מיט אים האט געטראפן, וואלט ער שוין דעמאלט געשריבן. אבער אזוי — פרעגט ער זיך — וואס זאל איך שרייבן? שרייבן אז איך האב אן אויסגעדרייטן פוס? — —

אפן פינפטן בעטל ליגט איצט ניט קיינער. שפעטער וועט ער זיך לייגן ווען די אויטאס וועלן אריינפארן און די פיר וועלן זיך שטעלן צו דער ארבעט. מיט אים האט קיין נס ניט געטראפן און ניט קיין אומגליק. דער איינציקער דא, וואס האט ניט פון זיך און פון קיינעם קיין צרות. דעם טאג ארבעט ער, די נאכט שלאפט ער. ווען עס פארווילט זיך אים זינגט ער. קיינער שטערט אים ניט. קיינער איז ארום אים א גאנצן טאג ניטא, אויסער דעם באלעבעסל, וואס זיצט אין זיין קאבינעט און רויכערט, שרייבט אדער ער ציילט געלט.

אין זעקסטן בעטל ליגט רודי. ער האט שוין, עטוואס, פון זיין געשיכטע דערציילט.

נאכט.

דער יונג, פידלמאן, וואס האט פארענדיקט זיין טאג ארבעט, שטייט שוין אין צימער און וועקט די יונגען פון די בעטן. ער וועקט רודין אויך. ערשט מיט א פאר מינוט פריער איז רודי איינגעשלאפן. ער האט פאר רודים אויגן אוועקגעלייגט א פאר לאנגע בלאע הויזן וואס לאזן נאך דערקענען אז זיי זיינען אמאל בלא געווען. ער גיט א ווארף אראפ אפן שטיינערנעם פאל א פאר הילצערנע שיך וואס דאס טרייסלט אויף אלעמען פון די בעטן. קיין איינער פון זיי וויל ניט אראפגיין און אנטון די הילצערנע

שיך. דער שלאף וויל זיי ניט פארלאזן. עס העלפט זיי ניט. דער ערשטער איז אראפגעשפרונגען רודי, נאך אים, אלע איבעריקע.

איצט וויצלט זיך קיינער. יעדער איז כמורנע און אנגעבלאזן. איינער קוקט איצט אויס אין אנדערנס אויגן פון זיך אזוי ווייט. א פארויכערט לעמפל מאכט נאך שמוציקער די זאכן, די מענטשן און די ווענט, נאך מער ווי זיי זיינען. נאר אט גיט ברודערמאן אן עפן די טיר און אלע נאך אים גייען ארויס צו דער ארבעט. דער לעצטער שלעפט זיך דער דאקטער הערמאן.

אויטאס שטייען שוין ארומגעשטעלט פון אלע זייטן. די ווענט, דוכט זיך רודין, זיינען איצט עפעס פיל ווייטער געווארן פון די אויגן, ווי באטאג. גאר אנדערש זעט איצט אויס דער גאראזש. איינער פון אנדערן רוקט זיך איצט אפ. אלע גייען ווי פארלוירן. בלויז דעם דאקטער זעט נאך רודי ארונטערקריכנדיק אונטער אן אויטא און באוועגט מיט די הענט: ער פוצט דעם אויטא זייער אף א קאמישן אופן, ער פוצט דעם אויטא פונקט ווי מען פוצט שיך.

דער קאליקער לאזט זיך הערן פון ערגעץ, צום דאקטער:

— שפריץ אים אונטער פריער.

רודין האט ברודערמאן געגעבן א קישקע אין די הענט און האט אים געהייסן זיך שטעלן לעבן אים, וועט ער זיך צוקוקן און אויסלערנען.

רעדן רעדט קיינער ניט, נאר פון מאל צו מאל לאזט איינער ארויס א געשריי. צי וואס איז דער געשריי און פון וועמען און פון וואנען, ווייסט ניט רודי און פארשטייט ניט. ער שטייט לעבן ברודערמאנען און וואו ברודערמאן לאזט דאס וואסער שיסן, אף דעם זעלבן ארט באם אויטא וואו ער שטייט, לאזט ער אויך די קישקע. די קלעפ, די מוראדיקע, זאגן גארניט: דאס זיינען די קלעפ וואס די שיך גיבן אין שטיינערנעם פאל, יעדער טראגט הילצערנע שיך כדי דאס וואסער זאל ניט ווייקן די פיס, נאר דער קרומער מוז טראגן איין שיך אן הילצערנעם און איינעם א קאלאש. נעצן נעצט ניט דורך דער קאלאש אבער דער קרומער פוס איז אים אלץ איינס נאס: דאס וואסער פון דער קישקע שפריצט אריין אינעווייניק.

דאָ פילט זיך גוט, רודי. ער פילט זיך גוט, ווייל ער איז ניט איינער און ווייל יעדער פון דער חברה איז אים געפעלן, אפילו דער קרומער. מיט איין אויג קוקט ער צו ברודערמאַנען און מיטן צווייטן אױף זיין אויטאָ: אױף די רעדער, אױף די ווענטלעך. קיין פארבן זעט מען איצט ניט. יעדער אויטאָ האָט איצט, כמעט, איין פארב: גראָ, ווייל ארום זיינען קיין לאמפּן ניטאָ, בלויז אין דער מיט הענגט א גרויסער לאמפּ, דערגרייכט ניט דאָס ליכט צו די ווענט וואו עס שטייען די אויטאָס. אין איין ווינקל רויכערט זיך אפילו א לעמפּל, אבער דאָס לעמפּל גיט גארניט צו קיין ליכטיקייט. רודי האָט נאָר פארדרוס וואָס מען לאָזט עס דאָרט ברענען, און רודי איז נישט דער ערשטער וואָס האָט אזוי געטראַכט, ווייל דאָס לעמפּל וואַרפט ניט צו קיינעם קיין טראָפּן ליכט.

דער גלעזערנער דאַך איז נאָך פינצטערער פון דער נאַכט. מען זעט ניט קיין דאַך, נאָר א שטיק פינצטערניש. די אייזערנע שטאַרן צום גאַס זיינען אראָפּגעלאָזן געווארן. בלויז א קליין טירל איז אָפן געבליבן. דערי־בער איז דער גערויש פון די קישקעס שטאַרקער געווארן.

ברודערמאַן זעט, ווי רודי קוקט צום באַלעבאָס קאַבינעט, וואו ס'איז ליכטיקלעך. ברודערמאַן וואַרט גאָר ניט אױף קיין פראַגע, ער ווייסט שוין וואָס ער קען אים פרעגן און ענטפערט אים גלייך:

— דאָרט איז וואַך דער נאַכט־באַלעבאָס, יענעם יונגנס א שותּף. דער יונגער זיצט דאָרט דעם טאָג מיט צוויי געלאָדענע רעוואָלווערן און די נאַכט, זיצט זיין שותּף מיט די רעוואָלווערן.

כאָטש ברודערמאַן שרייט, פונדעסטוועגן, הערט אים קוים רודי. אין דערמיט קען זיין איז שטיל, נאָר אַרום זיי רוישן מוראדיק די שפּריצנדיקע קישקעס. און יעדער קלאַפּ פון עמיצנס א שוך הילכט אָפּ ווי א שאָס. אין צענטער פון שטאָט, זאָגט אים ברודערמאַן, טאָר מען ניט מאַכן אזא גערויש, אבער דאָ ארום איז נישטאָ קיין הייזער מיט קיין שלאָפנדיקע מענטשן. קיינעם שטערן מיר ניט.

ווי מאָדנע: וואָס ווייטער די שעהן גייען אריין אין דער נאַכט, אַלץ ליכטיקער ווערט זיי פאַר די אויגן. אז דער לאַמפּ ברענט ליכטיקער ווערט

קיינער ניט זאָגן און אזוי איז עס. זיי פארגעסן זיך גאָר אז ס'איז נאָכט, בלויז דער גערויש ווערט ניט שטילער. ווען עמיצער רעדט, הערט מען אים אלץ איינס ניט.

דער דאָקטער, איז שוין מיט מזל, פון אונטערן אויטא ארויסגעקראָכן. ווען עמיצער זאָל פאר עמיצן זאָגן אף אים אז ער איז א דאקטער, וואָלט אים יענער געשיקט אין משוגעים־הויז. אלע שטעקן שוין ארויס די קעפּ. יעדער איז איצט עפּעס בעסער געשטימט ווי פריער. רודי קוקנדיק אף זיי איז אויך געוואָרן אויפגעלעבטער. דער קאָשמאַר איז, ווי די בלאָטע פון די רעדער, פארשוואונדן געווארן. אלע נאָכט קומט דאס פאָר אזוי. פאר־כמורעט איז בלויז דער דאקטער. ער ווייסט שוין וואָס די דאזיקע אויפ־געלעבטקייט באדייט. גוטנבערגס שיינער קאָפּ האָט אויך גענומען שמייכלען, ווען ער האָט דערזען אז אלע האָבן שוין ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און יעדער איז שוין גרייט אנצוהויבן די שפּיל. דער קרומער האָט אויך פארגעסן אז זיינע עלטערן ווייסן נאָך ניט אז ער האָט א לאָמען פוס. ער האָט אין זינען בלויז איין זאך, אז דעם דאקטער דארף ער היינט אפּבאדן בעסער ווי אלע מאָל. ער איז אף אים אין כעס, ווי קומט ער אים פריער, באם עסן, אָנרופן, קרומער, פאר רודין אין די אויגן. אז אנדערע רופן אים קרומער אַרט אים ניט, נאָר אז דער דאקטער רופט אים אזוי, וויל ער ניט ליידן.

דער דאקטער קוקט דאָ און דאָרטן. ער קוקט פון וואַנען וועט מען לאָזן אף אים דאס וואסער. ער ווייסט אז מער פון יעדן איז ער יעדע נאכט דאס כפרה־הינדל. מער פון יעדן גייט ער ארוים אפּגעבאדן. די ערשטע טעג האָט ער פּראָטעסטירט. ער איז אפילו געגאנגען זיך באַקלאָגן פארן באַלעבאָס, אבער דאס האָט אים שוין געקאסט. ער וועט טון אלץ וואָס איז מעגלעך און אונמעגלעך, נאָר זיך באקלאגן פארן באלעבאס — דאס וועט ער שוין ניט. איצט ווייסט ער, אז וואָס בעסער ער קען יענעם ענטפערן מיט דער קישקע אלץ איז בעסער. דער איינציקער פּראָטעסט וואָס אים איז דערלויבט. ווען ער גייט שוין אריין אין דער ארבעט, פאר־געסט ער שוין אן אלץ. ער דארף נאָר אין זינען האָבן צו שפּריצן אזוי,

אז ער זאָל פאַרלעשן יענעם די אויגן. דער פלינקסטער פון אַלעמען איז ברודערמאַן. ער שיסט יעדן מיטן וואַסער גלייך אין די אויגן. קיינער וויל זיך מיט אים ניט אנהויבן. אַמאָל שטעלט איין דער קרומער און פאַר־מעסט זיך מיט אים.

אַלע שטייען גרייט און איינער וואַרט אפן אַנדערן. אַזוי ווי ברודער־מאַן האָט ניט קיין מורא פאַר קיינעם, האָט ער דעם ערשטן שפּריץ געטון גוטנבערגן. ער האָט געקענט גוטנבערגן אַריינשיסן אין די אויגן ווייל יענער האָט געקוקט אפן קרומען, נאָר ברודערמאַן האָט ניט געוואָלט. ער האָט מיט אים אביסל מיטלייד. אַרויסווייזן, ווייזט ער עס אים ניט אַרויס. אַרויסווייזן מיטלייד טאָר מען דאָ ניט. ער שעצט אים פאַר זיין שיינקייט. דער שפּריץ וואַסער אף גוטנבערגן איז געווען געגנוג אז די מלחמה זאָל זיך אנהויבן. באַהאַלטן זיך אונטער די אויטאָס טאָר מען ניט. ווי איז יענעם וועלכער באַהאַלט זיך, מען לאָזט אף אים אוועק אַלע קישקעס און דאָס וואַסער קען אים דערהאַרגענען צום טויט. מען דערלאָזט אבער אויך ניט, אז אויב עמיצער קען זיך ניט אף רעכט פאַרטיידיקן, זאָלן אַלע אף אים אנפאַלן. נקמה, וויל ניט קיינער פון זיי נעמען אן אַנדערן. קיין שלעכטס ווינטשט קיינער ניט דעם אַנדערן. דער שפּיל איז פאַר זיי ניט געפערלעך. אומצופרידן איז בלויז דער דאָקטער הערמאַן. ער איז ניט צו־פרידן מיט זיין לעבן, איז ער שוין במילא ניט צופרידן מיטן שפּיל. פון אים וויל אויך קיינער ניט זען קיין שלעכטס. אבער צורו לאָזן ווילן זיי אים ניט. דער איינציקער, וועלכער לאָזט אף אים דאָס וואַסער מיט רחמנות, איז גוטנבערג. זיי רעדן זייער ווייניק צווישן זיך, אבער זיי פאַרשטייען זיך איין.

ווען גוטנבערג האָט געכאַפּט אף זיך דעם גאַנס וואַסער, האָט ער מיט דער קישקע אָפּגעענטפערט דעם קרומען. רודי האָט געקוקט און האָט זייער געוואָלט מען זאָל אים פאַרטשעפּען, אבער די ערשטע נאַכט האָט מען נאָך אים ניט געוואָלט שטעפּען. איצט, ווען די קישקעס האָבן געשטראַמט פון יעדן צו יעדן מיט געוויש און אנגריף, איצט, איז פאַר רודין געקומען נאָר

א נייע שעה אין לעבן. איצט האָט זיך אים געוואָלט צונעמען די הענט און א געשריי טון:

— איך בין דאָ!

פון גרויסער פרייד שפּירט ער גארניט אז ער שטייט אף די פיס. ער ווייסט גארניט צי ס'איז אים נאָס אין די פיס אדער טרוקן. ער וואָלט זיך איצט געוואָלט פארמעסטן מיט זיי אלעמען. אין רודין צעוואַקסט זיך יענע גבורה וואָס ער האָט געהאַט אף דער שיף ווען ער האָט זיך א ווארף געטון אפן פאַבריקאנט ווי א דונער. אזא ווארף טון זיך וואָלט ער איצט אויך געקענט אף די אלע פיר יונגען, ווען זיי שטעלן זיך אוים. און אויב זיי וואָלטן אים אפילו באזיגט, וואָלטן זיי אויך אף לאַנג געהאַט צו געדענקען זיין מאַכט.

פונם דאקטער גיסט זיך וואַסער מער ווי פון אלעמען. ווי אַן אפּגעבאַדענער האָן שטייט ער מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ און עס רינט פון זיינע קליידער און פון זיין קאָפּ. פון יעדן איינעם רינט פון פּנים און פון די קליידער, נאָר אַזוי קאַמיש ווי עס רינט פונם דאָקטער, רינט ניט פון קיינעם אפילו ניט פון קרומען.

פון גוטנבערגן גיסט זיך אויך פון קאָפּ אַראָפּ דאָס וואַסער, אָבער ער איז אלץ שיין. אין יעדע פּאָזע איז ער שיין. ער האַלט פארשטעלט מיטן האַנט די אויגן און שפּריצט אף ברודערמאַנען. ער ווייסט אז ברודערמאַן וועט עס אים ניט שענקען, אָבער עס אַרט אים שוין ניט. אלץ איינס איז ער שוין אפּגעבאָדן פון קאָפּ ביז די פיס. אלץ איינס איז שוין ניטאָ קיין טרוקענער פאָדים אין זיינע קליידער, גיסט ער אף יענעם און לאָזט אף זיך אויך פאַלן דאָס וואַסער.

אין דער דאַזיקער נאַכט איז דער קרומער געווען צו גוט געשטימט. צו גוט איז אים געווען אפן האַרצן, האָט ער עס פארזינדיקט. דער טייוול האָט זיין האַנט געקערעוועט מיט דער קישקע אפן ריכטיקן אָרט: צו רודין. און פון דאָרטן איז געקומען זיין מפּלה.

רודי האַלט די גאַנצע צייט אף דעם בחור אַן אויג. ער האָט אף אים אַן אויג וואָס ער פארפאַלגט דעם דאָקטער, וואָס יעדן גרייפט ער אָן דער

ערשטער. רודי אַליין האָט זיך גאָרניט געריכט אויף אַזאַ גוטער געלעגנהייט אים אָפּצוזאָגן.

אויף אַלעמען האָט שוין דער קרומער געהאַט געשפּריצט האָט זיך אים פאַרוואָלט ניט אַנדערש ווי אויך אָפּשווענקען רודין. צו דעם צוועק האָט ער זיך פאַרגאַנוועט צווישן צוויי אויטאָמאָבילן און האָט איין טונק געטון די קישקע אין רודיס קאָפּ. רודי האָט דאָך אויף דעם ווי געוואַרט! פון זיין קישקע האָט באַלד גענומען פליִיצן צום קרומען. אויב רודי האָט באַוויזן, אַז ער קען ניט ווי זיי וואַשן די אויטאָס, האָט ער אָבער באַוויזן אַז קיינער, אַפילו ברודערמאַן, קען ניט, ווי ער, וואַשן יענעמס אויגן ווי ווייט ער זאָל פון אים ניט שטיין. קיינער האָט זיך צו זיי ניט געמישט. עס קען זיין, ווען זיי וואָלטן זען, אַז דער קרומער גרייפט אָן וואָלטן זיי זיך אַריינגע־מישט און זיך אַנגענומען פאַר רודין, נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען פאַר־קערט, האָט עס אַלעמען הנאה געטון.

דער קרומער ווערט שרעקלעך פאַרגאַסן: ווי ער זאָל זיך ניט דרייען פליט אים דאָס וואַסער גלייך אין פּנים, אין די אויגן. ווי געניט רודי שיסט פון זיך דאָס וואַסער! ער טוט ניט ווי יעדער פון זיי, ווען ער הויבט אָן אָנ־גרייפן הויבט ער זיך אָן צוזיין „קרבן" דערנענטערן. ער, פאַרקערט: ער גייט הינטער זיך. דאָס וואַסער פון זיין קישקע גייט ניט פאַרלוירן ערגעץ אַנדערש ווי נאָר דעם קרומען אין פּנים. דער קרומער הויבט זיך שוין אָן אַ צעמישטער זיך אָפּרוקן, אָבער עס העלפט אים ניט. רודי גייט אים ניט נאָך. פון דערווייטן פאַלט אויף אים דאָס וואַסער פּונקט ווי פון דער נאָענט. דער קרומער האָט שוין אַ געשריי געטון, האָבן אָבער אַלע אויפגעהויבן אַ געלעכטער אַז ער איז שטיל געוואָרן. וואָלט דער קרומער אויפגעהערט שוין פון זיין זייט, וואָלט אויך רודי אויפגעהערט, אָבער ווייל דער קרומער גיט זיך נאָך ניט אונטער, טוט עס אַלעמען הנאה וואָס זיין קאָפּ ווערט צע־פּלעטשעט. דער קרומער ווייסט און יעדער, אַז באַהאַלטן זיך טאָר מען ניט, אָבער ער האָט שוין קיין ברירה ניט געהאַט ווי נאָר זיך צו באַהאַלטן. ער איז דאָך ניט קיין געבוירענער מום און דער עקשן אין אים איז נאָך גרעסער ווי אין אַ געבוירענעם מום. ער האָט זיך בדאי באַהאַלטן און אויפגעהערט

צו לאָזן די קישקע אויף רודין האָט ער ניט. דאס האָט אַלעמען פאַרדראָסן מער ווי רודין אַליין.

— הויב זיך אויף! — האָבן זיי געגומען שרייען — ווען ניט פאַרגיסן מיר דיר מיט וואַסער.

רודי האָט זיי געוויזן מיט דער האַנט אַז זיי זאָלן זיך ניט אַריינמישן. זיין שמייכל האָט זיי דייטלעך געזאָגט:

— איך אַליין וועל אים איינצאַמען.

דער קרומער, כאָטש ער איז פון רודין פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער אויף דער ערד צווישן די אויטאָס האָט דאָך אָבער אַלץ ניט אויפגעהערט צו שפּריצן אויף רודין. אַז ער האָט שוין גענומען שרייען פון די אויטאָס אַרויס מסתמא איז אים שוין דאָס וואַסער געוועזן איבערן האַלז, אָבער אויפגעהערט צו לאָזן דאָס וואַסער אויף רודין האָט ער ניט. ווי רודי האָט זיך געקערעוועט פונם קרומענס קישקע איז פון אַלעמען באַוואונדערט געוואָרן. ניט קוקנדיק וואָס יענער האָט אַ קרומען פוס האָט ער דאָך אָבער זייער אַ שאַרף אויג. אָבער רודי האָט זיך זעלטן שיין און קונציק באַוועגט, האַלטנדיק זיין קישקע מיט וואַסער די גאַנצע צייט אויפן קרומענס קאָפּ.

לויט די געשרייען פון קרומען האָט מען פאַרשטאַנען אַז ער דערשעפט זיך. וואָלט ער ניט באַוויזן צו דער צייט אַרויסלאָזן די קישקע פון דער האַנט, וואָלט ער דערשטיקט געוואָרן. ער איז געבליבן אָן כוחות.

די חברה איז צוגעלאָפן צו אים. מען האָט אים אויפגעשטעלט. דער דאָקטער הערמאַן האָט אים געטאַפּט דעם פּולס. דער קרומער האָט געהאַלטן אויסגעגלאָנצט די אויגן ווי אַ דערשטיקטער.

— ער איז פון אונזערע מענטשן — קלאַפּט ברודערמאַן, רודין אין פּלייצע.

פאַר די איבעריקע איז רודי אויסגעוואַקסן אַלס אַ גבור. ס'האָט זיך קיינער גאָרניט געריכט אַז זיי האָבן צווישן זיך אַזאַ פויגל.

הערמאַן זאָגט אַז דער קרומער אָטעמט ניט. ער הייסט אים טרייסלען. האָבן אים גלייך צוויי גענומען פאַר די הענט און צוויי פאַר די פיס און מען האָט אים גענומען טרייסלען. זיי האָבן אים געטרייסלט און צו דעם

נאָך צוגעזונגען. מען האָט באַלד געזען אַז הערמאַן האָט געהאַט רעכט. דער קרומער האָט באַלד גענומען הוסטן, פּינטלען מיט די אויגן און אָטעמען. זיי האָבן אים נאָך געוואָלט שאָקלען, נאָר הערמאַן האָט זיי שוין ניט גע־לאָזן. מען האָט אים אַראָפּגעלאָזט און ער איז געבליבן שטיין.

אַזאַ באָד האָט נאָך דער קרומער אין זיין גאַנץ לעבן ניט פאַרזוכט. און שולדיק איז אין דעם דער עקשן, ניט ער.

די נאַכט פאַרלאָזט דעם דאָך. דער מאָרגן פון הימל קוקט אַריין. ערגעץ רופט אַרויס אַ האָן די זון פון יענער זייט וועלט. אַרום און אַרום איז שטיל. דורכן גלעזערנעם דאַך זעט מען אַז אין הימל איז רואיק. די שטערן קומען אום און מען ווייסט ניט וואו.

ערשט איצט, זעט מען דעם אומעט. האַלטנדיק מיט זיינע פינצטערע פליגל אַרומגענומען אַלע פיר ווענט. ס'איז ניט טאָג און ס'איז ניט נאַכט. איצט איז וואויל יענעם וועלכער ליגט אויף זיין געלעגער. פאַרטאָג קומט זעלטן אַ שלעכטער חלום. די חלומות פאַרן מאָרגנשטערן זיינען פול מיט ברכה, און יעדער אומגליקלעכער, באַשטראָפטער פרייט זיך אין זיין חלום מיט דער גוטער שעה וואָס איז צו אים געקומען ווי אין וואָר.

אין דרויסן, אַרום גראָזש, שטייען קליינע הייזעלעך מיט קליינע פענצטערלעך, אַז מען הערט ניט קיין געוויין פון אינעווייניק איז אַ סימן אַז די מענטשן וואָס רוען דאָרטן זיינען זאַט און עס חלומט זיך זיי ניט קיין שלעכטס. די לופט איז נאָך גראָ, כאָטש דער טיפער הימל איז שוין לויטער בלאָ. איינציקע שטערן האַלטן זיך נאָך. און די איינציקע שטערן וועלן שוין אויך לאַנג ניט לויכטן. אין מערב שווימען אויף די לעצטע שטיקער נאַכט, און אין מזרח הויבן זיך אָן באַגילדן שטיקלעך וואָלקנס. פון ערשטן הויבן זיי זיך אָן צו פאַרבן אין גאָלד, שפּעטער — רויט. ווי שטיקער פייער

וואַלטן געהאַנגען צווישן הימל און ערד. און דאָס אויג זעט גאָרניט דער־וויל ווי די שטערן גייען פאַרלאָרן, אָבער די שטערן מוזן זיכער זען ווי די אויגן גייען פאַרלוירן...

פאַרטאָג צו, איז די אַרבעט פון די פינף מענער צוגעגאַנגען שטיל. און אַז די שעה איז געקומען און זיי האָבן זייער אַרבעט פאַרענדיקט, האָבן זיך אַלע פינף דערנענטערט. וואָס אַזוינס האָט זיי דערנענטערט אין דער דאָזיקער שעה איינעם צום אַנדערן, — ווייסט מען ניט. זייערע פּנימער זיינען געווען פאַרענדערט. די גראַקייט פון גלעזערנעם דאָך האָט זייערע פּנימער געמאַכט געל. זיי האָבן זיך גאָרניט געזאָגט. עטלעכע מינוט זיינען זיי אַזוי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, נאָכער זיינען זיי געגאַנגען זיך לייגן.

פידלמאַנען האָבן זיי שוין ניט באַדאַרפט וועקן. ער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס און געגענעצט. ס'האָט יעדער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די נאַסע קליידער, די נאַסע העמדער און נאַקעטע זיך אַריינגעוואָרפן אין די בעטן.

באַ רודין האָט שוין דער שלאָף געהאַט צוגענומען דעם זכרון און זיינע אויגן האָבן זיך שוין גענומען צומאַכן ווי פּלוצים, דערהערט ער אַ שטילן קול:

— איר שלאָפט שוין?

רודי האָט אַ עפן געטון די אויגן און דערזעענדיק דעם דאָקטער לעבן זיך האָט ער זיך מיט אימפּעט אויפגעזעצט און מיט דעם אָפּגעטריבן פון זיך דעם שלאָף.

דער דאָקטער האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט און זיך שטילנקערהייד אָנגערופן:

— עס מאַכט אייך ניט אויס, וואָס איך האָב אייך אויפגעוועקט?

— עס מאַכט מיר ניט אויס. עס וועט נאָך זיין צייט צו שלאָפן.

דער דאָקטער שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און פרעגט ווידער:

— ניט אַנדערש מען מוז טאַקע לעבן, ניט אַנדערש? — און קוקנדיק אַזוי צו דער וואַנט נעמט ער רודין אָן פאַר דער האַנט.

רודין איז קאַלט געוואָרן איבערן גאַנצן גוף פון דעם וואָס ער האָט אים אנגענומען פאַר דער האַנט. ער שלעפּט ארויס פון אים זיין האַנט און נעמט ארויס א ציגאַר וואָס ליגט בא אים אונטערן קישן און פאַר־רויכערט. ציט פריער עטלעכע מאָל אין זיך אריין שטאַרק דעם רויך, דער־נאָך ענטפערט ער אים אנטשלאָסן:

— ניט אַנדערש.

— פאַרוואָס עפּעס ניט אַנדערש? — פרעגט דער דאָקטער, זיך איינ־עסנדיק מיט די אויגן שטאַרקער אין דער וואַנט.

— איר קענט מאַכן אַנדערש, אָבער איך ניט. פאַרוואָס איך האָב נאָך חשק צו לעבן ווייס איך ניט. דאָס גאַנצע לעבן מיינס איז גאָרניט ניט ווערט געווען און וועט גאָרניט ניט ווערט זיין. א גוט לעבן האָב איך פיינט. איך פאַרדריי עס ניט. ווידער א לעבן וואָס איז ניט שלעכט און ניט גוט, איז אויך ניט פאַר מיר. אַזא לעבן איז גאָר שלעכט פונקט אַזוי, ווי מען זאָל אייך אַלע טאָג געבן איינס און דאָס זעלבע עסן. דאָס איז ניט אי־בערצוטראָגן. מיין לעבן גייט ווייטער: דאָס הייסט אינגאַנצן שלעכט, נאָר וואָס דען, עס זיינען דאָ מאָמענטן אומדערוואַרטעטע. פונקט ווי א שטיין ווען ער פאַלט אריין אין א שטיל וואַסער ווערט דאָס וואַסער פאַרענדערט, אַזוי פאַרענדערט ווערט דאָס לעבן ווען עס כאַפּט א שטויס א אומדער־וואַרטעטן, א צופעליקן, וואָס איך אַליין, דאָס לעבן הייסט עס, ווייס ניט פון וואַנען דאָס קומט. אַזא לעבן קען מען איבערטראָגן.

דער דאָקטער האָט א ווײַלע געטראַכט נאָך דעם וואָס ער האָט אויס־געהערט און זיך אָפּגערופן:

— מיין לעבן דאָ איז אָן קונצן. איידער דאָס לעבן זאָל פון מיר מאַכן א תל וועל איך מיט אים פריער פאַרענדיקן. באַלד ווי איך בין דאָ אָנ־געקומען איז מיין לעבן געווען א געוויין, האָב איך עס געקענט דולדן, אָבער איצט איז מיין לעבן ניט מער קיין געוויין נאָר א געלעכטער, עס לאַכט מיר אין פּנים, פון דעם מוז מען זיך וואָס גיכער ראַטעווען.

— רעדט שטילער — בעט אים רודי — די מענטשן מוזן רוען. איך אַליין וויל אויך צומאַכן אָן אויג. — און לייגט זיך.

— וואַרט צו — נעמט אים דער דאָקטער פאַרן אָרים און לאָזט זיך אים ניט לייגן, — איר וועט נאָך שלאָפן. דער טאָג איז נאָך גרויס. ער הויבט זיך נאָך ערשט אָן. איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז איר זאָלט מיר אָנ־שרייבן אַ בריוו. איך וועל אייך זאָגן וואָס און איר וועט שרייבן. איך אַליין קען עס ניט טון און קיין אַנדערן דאָ, אויסער אייך, האָב איך ניט. אַלזאָ, טוט עס מיר.

רודי איז געבליבן זיצן און אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די דעקע, ווייל ער האָט גענומען ציטערן פון קעלט וואָס איז אים געקומען פון אינעווייניק.

הערמאַן האָט אים צוגעטראָגן פּאַפּיר, טינט און פעדער און אונטער־לייגנדיק אונטער דעם אַ בוך, האָט ער אים באַפוילן:

— שרייבט.

— איך קען ניט איצט, עס ציטערן מיר די הענט. עפּעס דריקט מיר אינעווייניק — און ער לייגט זיך אַוועק.

דער דאָקטער נעמט אים ווידער אָן פאַר די הענט.

— איר וועט איצט אויך קענען. איר טראַכט ניט וועגן דעם וואָס איך וועל אייך זאָגן. איר טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש: וועגן הינט טראַכט, אָדער וועגן שיפן, בעת זיי שלײַדערן זיך אויפן ים. טראַכט ניט וועגן דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגן. שרייבט.

— איך וועל טראַכטן וועגן מיינע דריי קינדערלעך. שוין אַ פּאָר טעג ווי זיי שטייען פאַר מיינע אויגן. איר הערט, פּלוצים, האָבן זיי אויסגע־וואַקסן פאַר מיר. איך ווייס ניט וואָס, נאָר עפּעס אַ שפּיצל גרייט זיך שוין פאַר מיר. עפּעס וועט שוין אונטערברעכן ווידער מיין לעבן דאָ.

— זייער גוט — זאָגט הערמאַן און קוקט אים אַריין אין די אויגן. — איר זענט שוין אויסגעבויגן אויף אַלע זייטן. איר קענט זיך שוין ניט ברעכן. שרייבט.

— איך קען ניט — זאָגט רודי, איבערוואַרפנדיק איבערן קאָפּ די דעקע — איצט ניט, עס נאָגט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ.

— מיין פריינט — זאָגט הערמאַן מיט רציחה, אַראָפּשלעפּנדיק פון

זיין קאָפּ די דעקע. — איר וועט קענען. אַלע שלאָפן איצט. ס'איז שטיל און ס'איז גוט.

רודי נעמט די פּען אין דער האַנט און האָרבעט זיך אויף כּדי ער זאָל ניט אַזוי ציטערן.

— זאָגט.

הערמאַן רוקט זיך צו צו אים און קוקט ניט צום פּאַפּיר, נאָר צום בעטל וואו גוטנבערג ליגט מיט די הענט אונטערן קאָפּ און שלאָפט.

„מיינע ליבע עלטערן, ליבע ברידער און ליבע שוועסטער.

„פאַר די צוויי יאָר צייט וואָס איך בין דאָ האָב איך פיל, פיל דער־גרייכט. דער ים איז טיף, אָבער ער האָט דאָך אַ גרונט. נאָר ווען מען גייט באַרג אַראָפּ איז ניטאָ, מיינע ליבע, קיין גרונט. איר געדענקט דאָך מיר נאָך, מסתמא. איך געדענק אייך אויך. איך זע אייך פון אומעטום, מיר, אפשר, זעט איר אויך אָבער צי זעט איר מיר ווי איך בין ווירקלעך? מאַמע מיינע, צוליב דיינע טרערן וועל איך ניט קענען איינגלינגן אין קבר". — ניין, וואַרט, שרייבט עס ניט. שרייבט: מאַמע, מיינע, דו פרעגסט מיר אָן אַלץ צי איך בין געזונט, אוואדע בין איך געזונט. עס פעלט מיר שוין גאָרניט. וויין ניט, מאַמע, זאָלסט ניט וויינען. אפשר וועט היינט זיין אַ שיינער טאָג. נאָר עמיצער וואַרט אַף מיר און רופט מיר. — וואַרט אויף אַ ווײַלע. גיט מיר אויך אַ ציגאַר.

רודי האָט אים געגעבן אַ ציגאַר, ער האָט פאַררויכערט. זיינע אויגן זיינען געווען פולע מיט טרערן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ פּאָר מאָל, כּדי עס זאָל אים ווערן גרינגער.

— שרייבט ווייטער — זאָגט ער אים — שרייבט אַנדערש. כ'האָב נאָך גאָרניט געזאָגט וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן.

„זיכער איז איר אַז איר וועט טרויערן נאָך אַזאַ בשורה, אָבער פאַרפאַלן, איך גיי שטאַרבן. ווען איך ווייס אַז איר וועט פון דער בשורה ניט טרויערן, וואָלט איך איצט גאָרניט געוויינט. איך קען שוין מער ניט ליידן.

— איך קען ניט שרייבן — זאָגט רודי און צעוויינט זיך.

— נאָך עטלעכע ווערטער — בעט אים הערמאַן און עס ציטערן אים

הענט און פיס. רודי האָט זיך שוין געוואַלט ווידער אויפזעצן ווי זיי דער־הערן פּלוצים א שטיל געוויין: דער קרומער וואַרפט זיך אונטער דער דעקע א צוזאַמענגעדרייטער.

— וועט שוין זיין געזונג — זאָגט הערמאַן. נעמט צו דעם פאַרשריבע־נעם פּאַפּיר און גייט אוועק אַף זיין געלעגער.

הערמאַן וויינט שוין ניט. ער ליגט רואיק. דער קרומער באַרואיקט זיך, אבער אין עטלעכע מינוט אַרום גיט ער זיך ווידער א צאַפּל. די איבעריקע שלאָפן.

אין דרויסן איז שוין טאָג, נאָר אין דעם דאַזיקן צימער איז גראָ. שטענ־דיק דאָס זעלבע ליכט. דער קרומער האָט, ווייזט אויס, איינגעשלאָפן: ער ליגט אומבאַוועגלעך. רודי איז איין שטיק ווייטיק. אַף וויפיל ער קען איצט טראַכטן וועגן זיך טראַכט ער און פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איז אים דאָ דאָס לעבן געפעלן געוואָרן. דער קאָפּ איז אים שווער און טוט וויי און איינשלאָפן קען ער ניט. ער קוקט פון איין בעטל צום צווייטן. טראַכט וועגן יעדן אַבּיסל. ער פאַרשטייט ניט פאַרוואָס די מענטשן האָבן אויסגע־קליבן פאַר זיך די דאַזיקע טורמע: ס'איז ניט טאָג און ס'איז ניט נאַכט. ווען די דאַזיקע מענטשן האָבן באַנאַכט געאַרבעט אָדער ווען זיי זיינען אַרומגעגאַנגען, האָבן זיי דאָך אַלע גוט געווירקט אַף רודין נאָר איצט עפּעס, ווען ער קוקט זיך צו ווי פון יעדן קוקט אַרויס דער אומגליק, באַפאַלט אים א פּחד. קיין איינער ליגט ניט גלייך אויסגעצויגן. יעדער ליגט צוזאַמענ־געדרייט און יעדנס פּנים איז פאַרקרימט. אפילו גוטנבערגס פּנים איז איצט פול מיט קנייטשן און זיינע צוגעמאַכטע אויגן וואָלטן ווי געוויינט.

הערמאַן ליגט אויך אומבאַוועגלעך. ער שלאָפט אויך, מסתמא. רודי גיט אַף אים אַלע ווײַלע א קוק מער ווי אַף אַלעמען. זיין פּנים זעט ער ניט, ער איז מיט דער דעקע איבערגעדעקט.

רודי וויל זיך פאַרטראַכטן וועגן זיך און אַזוי שווער ווי אין די פריער־דיקע טעג קומט אים דאָס שוין ניט אָן. ער ווייסט אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אַלץ זעט ער אַזוי קלאָר וואָס אים האָט געטראָפן. ער שטעלט זיך פאַר ווי זיינע קינדערלעך שפּילן זיך אין זאַמד, אַרום זיין שטיבעלע. ער

איז שוין האלב אין דרימל, זיינע אויגן האלט ער פארמאכט, אבער ער זעט אלץ אזוי גוט. ער שטעלט זיך פאָר ווי אזוי ער קומט פלוצים אָן צו זיין שטיבעלע און צו זיינע קינדערלעך. ווי אזוי ער נעמט זיי אלע דריי פאר די הענטעלעך און גייט מיט זיי א גליקלעכער איבערן שטעטל שפאצירן. דער טאג איז אזא ליכטיקער. די פעלדער, די בוימער זיינען גרין. די ציגן ארום די פארקאָנעס שלאגן זיך מיט די הערנער, און רודי גייט מיט די קינדערלעך איבערן מארק און צוריק. אין שטוב איז דאָ פון אלדאס גוטס. עס שמייכלט, רודי. זיינע אויגן האלטן זיך שוין אליין צוגעמאכט. עס דוכט זיך אים ווי ער פליט איבערן שטעטל. ער ווייסט ניט פון קיין אומגליק און דער אומגליק ווייסט ניט פון אים. ער פליט איבערן שטעטל, נאָר ער קען זיך ניט אראפלאזן. ער וויל אראפפליען אף דער ערד, נאָר ער קען ניט. ער איז זיכער אז קוים וועט ער אראפפליען אף דער ערד, וועט ער דער־הארגעט ווערן. ער איז שוין גאר, גאָר נידעריק לעבן דער ערד און ער מוז זיך אויפהויבן ווידער אין דער לופטן — ער טוט זיך א טרייסל מיט זיין בעטל! דער קלאפ האָט ווי דורכגעלעכערט זיין קאָפּ! יעדן פון די בעטן האָט דער קלאפ אויפגעריסן פון די בעטן! הערמאַן! הערמאַן! זיין קאָפּ איז דורכגעלעכערט! הערמאַן! הערמאַן! הערמאַן פארלאזט שוין דעם טאג מיט די טעג.

רודי רייסט אים — ער איז צומישט! הערמאַן! — שרייט ער צו אים — וואָס האָסטו געטון?! אלע זיינען צעמישט: זיי שטייען נאקעטע, דרייען זיך, לויפן צווישן די בעטן. זיי ווייסן ניט וואס צו טון. הערמאַן ווארפט זיך ווי א געשאכטענע עוף. דאס בלוט האָט פארגאסן זיין פנים. ער וויל עפעס ריידן און קען ניט. ער עפנט דאס מויל, אבער קיין ווארט קומט ניט ארויס. זיינע אויגן קוקן ווילד. ער וויל מיט דער האנט עפעס אָנכאפן, אבער זי פאלט אראפ צוריק. דער קרומער איז ניט אנדערש ווי משוגע: ער שפרינגט פון איינעם צום צווייטן און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. — מאַמע, — שרייט ער — מאַמע — וואָס האָסטו מיט מיר געטון?! מאַמע, מיינע, מאַמע! — ער פאלט אוועק אף א בעט און שפרינגט באלד אויף און לויפט און פאלט אוועק אף א צווייטער בעט און שפרינגט ווידער

אויף. ער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ! ער איז אוים מענטש! גוטנבערג ווייסט גארניט וואס עס טוט זיך מיט אים: ער שטייט א נאקעטער און זיין פּנים איז אָן אויסדרוק. ער איז פארשטיינערט. ער קוקט אפן בלוטנדיקן הערמאַנען און רירט זיך ניט פון אָרט. ברודערמאַן זיצט אַף דער ערד מיטן קאָפּ אַף זיין בעטל און וויינט שטיל. מען הערט גאָרניט ווי ער וויינט, נאָר מען זעט ווי זיין גוף קראַמפּט זיך.

— הערמאַן! — שרייט רודי און ווישט פון זיין פּנים דאס ווארימע בלוט.

הערמאַן איז טויט! דאס בלוט רינט נאָך, אבער ער איז טויט. דאס בלוט איז שוין מער ניט זיינס. דאס בלוט רינט שוין אראָפּ פון א טויטן קאָפּ.

— הערמאַן! הערמאַן! — שרייט רודי און טרייסלט אים פארן פּנים. ער עפנט אים אויף די אויגן אבער זיי פארמאכן זיך צוריק. וואָס פאר א אויגן ער האָט געקריגן! טויטע אויגן! ער וויל שוין ליגן. ער איז שוין האַלט. ער איז שוין שטיין, אבער רודי לאזט אים ניט פאַלן, כאטש ער זעט שוין אז ער איז טויט, דאך צווינגט ער אים צו שטיין. — הערמאַן! הערמאַן! — שרייט ער — פאַל ניט אום! אבער הערמאַן פאַלט. זיין קאָפּ הענגט שוין אראָפּ. רודי דריקט אים צו זיך, ווארפט אים, בעט זיך בא אים ער זאל שטיין, אבער זיינע רייד איז ווי צו דער וואנט.

דער קרומער שפּרינגט שוין ניט אום א ווילדער: ער האָט געקריגן א שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ פון גוטנבערגן ווען ער איז צו אים צוגעלאָפן מיט א הילצערנעם שוך צו שלאָגן אים. גוטנבערג איז ווייס ווי קרייד. ער ווייסט ניט וואס עס טוט זיך ארום אים. ער קוקט פון איינעם אפן צווייטן און ווייסט גארניט.

רודי האַלטנדיק ארומגענומען דעם טויטן הערמאַנען האָט, מסתמא, פארגעסן אז ער טאָר אים ניט אפּלאָזן. ער האָט געוואלט כאַפּן אן אנדער דעקע פון א בעטל, צו ווישן פון זיין פּנים דאס בלוט אבער ווי נאָר ער האָט פון אים אוועקגענומען די הענט, האָט זיך שוין הערמאַן איינמאַל פאַר אלע מאל אוועקגעלייגט, פאַלנדיק ווי א שטיין א שווערער.

עס האָט ניט געדויערט לאנג ווי מען האָט צוגענומען הערמאַנען פון דאַרטן. מען האָט אים צוגענומען צום פּאַלמעסן. דער באַלעבאָס אַליין האָט אויך געוויינט ווען מען האָט גענומען ארויסטראָגן פון זיין גאראַזש דעם מערדער איבער זיך אליין. אלע האבן געוויינט. וויפיל עס זיינען געווען האָבן געוויינט, אויסער די וואס האבן אים צוגענומען. די פרעמדע האָבן ניט געוויינט קוקנדיק אפן טויטן, נאָר קוקנדיק אף זיינע פינף באגלייטער. דער קרומער האָט מער פון אלעמען געריסן פון זיך שטיקער לייב. קיינער האָט זיך גארניט פארגעשטעלט אז דער דאזיקער נפש וואס פלעגט שטענדיק זיין דער אנגרייפער באם גיסן מיט די קישקעס, דער דאזיקער נפש וואס פלעגט אלעמען אנטון צרות זאל זיין אזוי פול מיט טרערן, פול מיט ווייטיק. ער האָט געהאלטן אין איין רייסן זיך די האָר פון קאפּ. יעדער פון די פרעמדע וואָס האָט אַ קוק געטון אף דעם קרומען, האָט זיך געמוזט צעוויינען. מען האָט געזען אז ווען דער מענטש האָט פאַר די אויגן אַ גרוב, וואָלט ער זיך אהין ארייגעוואָרפן. רודי האָט ניט געוואלט וויינען און האָט דאך געוויינט.

דעם דאזיקן טאג איז די זון ניט געווען אין הימל. עס זיינען געהאנגען כמארעס, גאנצע שיכטן כמארעס, נאָר גערעגנט האָט ניט. די פרעמדע מענטשן, די פארבייגייער האבן זיך גארניט אומגעקוקט. די וואס זיינען געגאנגען, זיינען געגאנגען וואו זיי האבן באדארפט גיין. הערמאַן, האָט מיט זיי קיין שיכות ניט געהאט באם לעבן און האָט ניט קיין שיכות מיט זיי נאכן טויט.

פידלמאַן גייט מיט די איבעריקע און עסט באַנאַנעס, גייענדיק. די באַנאַנעס האלט ער אין די קעשענעס. ער קוקט זיך אלע מאָל ארום ווען קיינער, דוכט זיך אים, זעט ניט, כאפּט ער ארויס פון קעשענע א באנאנע און שלינגט איין א גאנצע מיט איין מאָל.

ער טראַכט זיך: וואס בין איך שולדיק אז א מענטש האָט זיך דערהארגעט? ער וואלט אויך געוואלט מיטוויינען. די חברים האָט ער געוואלט ווייזן אז ער ליידט מיט זיי און וואלט גערן מיטגעוויינט, נאָר ער קען זיך ניט מאכן אז ער זאל וויינען. אין גאראַזש שטייענדיק ווען מען האָט הערמאַנען גענומען אַרויסטראָגן, אין דעם מאָמענט זיינען אפילו זיינע אויגן

פארלאפן מיט טרערן, אבער מער וויינען קען ער ניט. הונגעריק איז ער: ס׳איז אים אויך ניט גוט.

מיט איינעם איז וויניקער געווארן אין דער חברה. הערמאנס בעטל שטייט וויסט — הערמאן לייגט זיך ניט אוועק. דאס בעטל זיינס, דוכט זיך, איז קלענער און שמעלער געווארן, דאס בלוט איז שוין אפגעוואשן, די פארבלוטיקטע דעקן זיינען אוועקגענומען, ניטא קיין זכר פון דעם זעלבסטמערדער און דאך, און דאך איז דא עפעס א זכר: דאס בעטל זיינס. דאס בעטל זיינס, וואס אלעמען, ווייזט אויס, איז עס שמעלער און קלענער געווארן, און ווען מען קוקט זיך גוט צו, באוועגט זיך דאס בעטל פון ארט.

איין באלעבאס האט געזאגט אז דעם גאראזש זאל מען האלטן גע־שלאסן דעם טאג, דער צווייטער באלעבאס האט געזאגט, אז מען קען ניט פארשליסן קיין גאראזש: דאס געשעפט וועט דורך דעם ליידן. מען מוז האלטן אפן די טויערן און אזוי איז טאקע געבליבן. ער האט אים געגעבן צו פארשטיין אז מען קען יענעמס אויטאס ניט פארשליסן בא זיך. ווען עמיצער וועט זיין אויטא געפינען פארשלאסן, וועט האבן רעכט יענער אויפצורייסן דעם טויער און ארויסנעמען זיין אויטא. עס געפינען זיך אזעלכע.

פידלמאן האט זיך געשטעלט בא דער ארבעט און די איבעריקע זיינען אריין אין זייער צימער. פון די פינף איז געווארן פיר. און יעדער פון די פיר טראכט איין געדאנק: ווער פון אונז שטייט איצט אין דער ריי?

ס׳האט איינער מיטן צווייטן, איצט, ניט גערן גערעדט. אפילו ווען איינער האט עפעס געפרעגט, האט מען אים ניט גערן געענטפערט. קיינער האט מער ניט געוויינט. זיי האבן שוין מער וויינען ניט געקענט. זיי זיינען אלע פיר געווען מיד און דערשלאגן.

ווען זיי האבן זיך אומגעקערט אין זייער צימער, האט זיך יעדער איי־נער פון זיי געמאכט א פארוואורף: וואס פאר אן אומגליק האלט מיך דא אין דער דאזיקער מורמע? יעדנס אויסדרוק פון פנים האט דערציילט אז די דאזיקע פראגע האלט ער זיך אין איין איבערפרעגן.

— הערט, ברידער — רופט זיך אפ ברודערמאן — הערמאן וואלט

זיכער ניט געוואָלט אַז מיר זאָלן נאָך זיין טויט וויינען. איך מיין, מיר זאָלן אַריינגעמען אַ פּאָר פלאַש וויין. פּאַרטרינקען אַביסל דאָס שלעכטס.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. דער קרומער, פון זיין בעטל, האָט נאָר אַ קליינעם לאַך געטון. גוטנבערג האָט אַראָפּגעלאָזט נידעריקער דעם קאָפּ. רודי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן ווי ער זאָל אים גאָרניט האָבן פאַרשטאַנען.

ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן דרייט זיך אַרום פידלמאַן צווישן די אויטאָס און זינגט זיך אונטער. אַז ער דערמאָנט זיך אַן הערמאַנען הערט ער אויף צו זינגען, אָבער ער פאַרגעסט באַלד ווידער. זאָט איז ער שוין, ליגט אים מער גאָרניט אין זינען.

אַז ברודערמאַן האָט געזען אַז מען הערט אים ניט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בעטל שרייבן אַ בריוו פאַר זיין היים. רודי האָט זיך אויך געזעצט שרייבן אַ בריוו. ברודערמאַן האָט אים געגעבן פּאַפּיר און האָט זיך אויף זיין בעטל געזעצט שרייבן אַ בריוו צו זיין שוועסטער וואו זיינע דריי קינדערלעך זיינען. ער שרייבט אים, אַז ער וועט פאָרן צוריק אַ היים. ער האָט דאָ ניט וואָס צו טון. ער שרייבט אים אַז ער בענקט שטאַרק, עס ציט אים צו זיינע קינדערלעך. ער שרייבט אַז קיין חרטה האָט ער ניט וואָס ער איז געקומען אַהער. אוועקפאָרן פון דער היים האָט ער געמוזט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון זיין אומגליק. פּאַרפאַלן, מיין ווייב פון קבר — שרייבט ער — וועל איך שוין ניט אַרויסנעמען. איך וועל זיין לעבן מיינע קינדערלעך, וועט מיר, אפשר, ניט זיין, פונדעסטוועגן, אַזוי שלעכט. געוויס וועט איר זאָגן, אַז כ'האָב ניט באַדאַרפט אוועקפאָרן גאָר אינגאַנצן, אָבער אַנטלויפן פון דער היים האָב איך געמוזט. כ'האָב עס געמוזט טון, ווען ניט, וואָלט איך זיך אין אַ שלעכטער מינוט דערהאַרגעט. ווען איך בלייב דאָרטן, וואָלט איך אַזאַ מינוט ניט אויסגעמיטן. איצט, איצט איז שוין די דאָזיקע געפאַר ניטאָ אַרום מיר. ווי מיר איז דאָ שלעכט און ווען מיר וואָלט דאָ אפילו געווען נאָך ערגער, וואָלט איך שוין צוריק ניט געפאָרן, ווען איך זאָל ניט האָבן איבערגעלאָזט מיינע קינדערלעך. מיינע קינדערלעך וועלן מיר צו קיין שלעכטס ניט דערלאָזן, האָף איך. כ'וועל פּרוּוון ווידעראַמאָל באַנייען

דאס לעבן. קיין ניי לעבן וועט עס שוין ניט זיין, ס׳וועט זיין א ניי לעבן מיט אלטע לעכער, אבער וואס זאל איך טון? דא טרעף איך איין אומגליק נאכן צווייטן. וואו איך קום, קומט קיין גוטס ניט ארויס. אפשר לעבן מיינע קינדערלעך וועט מיר קיין שלעכטס ניט געשען.

ווען ער האט שוין געהאט געענדיקט דעם בריוו און אים פארמאכט אין א קאנווערט, האט ער א שמייכל געטון, א שמייכל געטון איבער זיך אליין. ער, רודי, אליין קאן זיך נאך ניט גוט. בעת ער האט געשריבן דעם בריוו האט ער געשריבן דאס וואס איז אים איז געקומען אין גדאנק, אבער ווי גיך ער האט פארענדיקט שרייבן האט אים א צווייטער גדאנק א פרעג געטון: וועסטו דען טאקע פארן צו דיינע קינדערלעך? רודי קען קיינמאל ניט ווימן וואס ער וועט טון מארגן. ער פארשטייט ניט ווי אזוי וועט ער עס קאנען פארן גלייך צו זיינע קינדערלעך, אויסמיידנדיק א מכשול אין וועג. ער האט א שמייכל געטון צו זיך, ווייל ער האט זיך דערמאנט אז זיין וועג אהער. קומען א היים צוריק וועט ער טאקע, אבער ווען און אף וועלכן אופן און מיט וועלכע וועגן — דאס ווייסט ער ניט. איין זאך ווייסט ער יא: פארן צוריק און ניט באזוכן די זעלבע ערטער, די זעלבע מענטשן, וואס ער האט געטראפן, פארנדיק אהער — וועט ער ניט קאנען. דזשימען וועט ער מוזן זען. די פרוי פונם הינטל וועט ער מוזן זען. ער וועט ניט קענען בשום אופן פארן גלייך, זיי אויסמיידנדיק. ער וויל שטארק וויסן וואס פון דזשימען איז געווארן, צי האט ער זיך שוין אנגעגעסן צו זאט. ער וויל וויסן צי איז נאך דער הייליקער מיט די בולקעלעך נאך אלץ בא אים. צי וואשט נאך אלץ דער אלטער די ליילעכער און זאגט באנאכט די תפילות. דאס אלץ מוז ער זיך נאך פאר זיין לעבן דערוויסן. ווען עמיצער זאל אים באגלייטן און אים פירן גלייך צו זיין שטיבעלע, וואלט ער געוועזן זייער צופרידן, נאר אליין פארן און דאס אלץ אויסמיידן, וועט ער ניט קענען.

ברודערמאן אליין האט געבראכט פאר זיך א פלאש ווייִן און טרינקט. אלע, אבער, זעען, אז ער טרינקט ניט פאר וואוילטאג. זיין פנים איז גאר אנדערש ווי נעכטן. ער טרינקט און זיינע אויגן ווערן ניט אויפגעלעבט.

ער האט שוין באלד אויסגעטרונקען די פלאש וויין ביז צום דנא און דעם אומגליק זעט מען דאך אף אים. האט ער אלץ ניט פארגעסן? דאס פנים איז אים פארקרימט און פון זיינע אויגן קוקט ארויס א רציחה וואס איז בא אים קיינמאל ניט געזען געווארן. ער דורשט נאך וויין. די פלאש וויין האט אים נאך ניט גענומען. ער הויבט זיך אויף און וויל גיין, אבער ער זעצט זיך ווידער אראפ: זיינע פיס ווילן זיך ניט שטעלן.

דערווייל טוט די צייט איר ארבעט: דער טאג גייט אוועק און די נאכט גייט נאך. דער קרומער האט זיך, ניט ווילנדיק, אביסל אויסגע־שלאפן און ס'איז טאקע אביסל גרינגער געווארן. דער שלאף האט אביסל פון אים אויסגענאגט די צרות. ער האט זיך דערפילט הונגעריק, איז ער אוועק און באלד זיך צוריקגעקערט מיט פאפירן עסנווארג. ער אליין איז געגאנגען פון בעט צו בעט און יעדן אנגעבאטן עסן. קיינער האט אים ניט אפגעזאגט. אליין האט קיינער ניט געוואלט גיין, אבער אז מען האט זיי אונטערגעטראגן, האבן זיי מיט פארגעניגן א קיי געטון וואס ניט איז. יעדער פון זיי איז געווען דערשעפט. יעדער האט געגעסן אף זיין אייגן בעטל. ברודערמאן האט ניט געגעסן. ער האט נאך געוואלט וויין. דער קרומער האט אים עטלעכע מאל אונטערגעטראגן דאס פאפיר מיט עסן, אבער ברודערמאן האט עס אוועקגעמאכט מיט דער האנט. ער האט אפילו ניט געוואלט א קוק טון דעם קרומען אין פנים. ער איז געזעסן מיט די פיס אונטער זיך און האט געקוקט ווי א גולם צו דער וואנט. ער האט נאר אלע מאל א קוק געטון אף דער פלאש וואס איז געשטאנען ליידיק.

ווען ס'איז גוט פינצטער געווארן האט זיי פידלמאן מיט זיין אריינ־קומען אין צימער דערמאנט אז ס'איז פינצטער געווארן און זיי דארפן אנטון די הילצערנע שיך מיט די בלויע הויזן וואס זיינען נאך פייכט פון נעכטן.

דער ערשטער האט זיך געשטעלט גוטנבערג, נאך אים רודי, דערנאך דער קרומער און ברודערמאן האט ניט געוואלט גיין צו דער ארבעט. דער קרומער האט אים אפילו גענומען שלעפן מיט גוואלד, נאר גוטנבערג האט אים מיט איין קלאפ אפגעטריבן פון אים ביז צו דער טיר.

זיי האָבן זיך געשטעלט ארבעטן אָן ברודערמאַנען. אָנם דאָקטער און אָן ברודערמאַנען. פּונקט ווי נעכטן האָט יעדער גענומען א קישקע אין די הענט און גענומען באגיסן די אויטאָס. די ארבעט איז פון יעדן געטון געווארן אינגאנצן אָן ווילן. אלע ווילע פלעגט איינער ארייגיין צו ברודערמאַנען זען וואס ער טוט, אבער ער האָט גארניט ניט געטון. ער איז געזעסן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין דער וועלט אריין דורך דער גראַער וואַנט.

די נאַכט, איז די שפּיל פון אַלע נעכטן ניט אָנגעגאַנגען צווישן זיי. ס'האָט קיינער פון זיי אפילו ניט דערמאנט מיט קיין ווארט וועגן דעם. איינער האָט ניט געקוקט אפן אנדערן. פון דער זייט פלעגט גוטנבערג און רודי צומאָל א קוק טון אפן קרומען ווייל זיי פלעגן זיך דערמאנען אין דער פאריקער נאַכט ווען דער קרומער האָט זיך געדישעט צווישן די אויטאָס און דערנאָך האָט מען אים געטרייסלט. דער קרומער אליין געדענקט עס אויך גוט. ווען עס וואלט זיך ניט געטראפן דער אומגליק מיט הערמאנען וואלט ער זיכער גענומען נקמה אין רודין. ער האָט גאר אנדערש ניט געטראַכט. ער האָט געטראַכט אז ער וועט טון אלץ אום רודין צו פארטרייבן פון גאראזש. איצט ליגט דאס אים שוין ניט אין זינען. פון נקמה נעמען וויל ער שוין גאָר אפילו ניט טראַכטן. ער זוכט עפּעס א פּלאַן אז ער זאל קענען פון דאנען אליין אנטלויפן. ווען ער זאל ניט זיין קיין קאליקער וואלט ער נאָך דער געשעעניש געפאָרן א היים. זיין אומגליק איז וואס ער איז קרום געווארן אף א פוס און אין דער היים בא אים ווייסט מען נאָך גאָרניט. ער האָט חרטה וואָס ער האָט באלד פון אנהויב אָן, נאָך דעם אומגליק ניט געשריבן גלייך א היים וואס מיט אים איז געשען. וויפיל מאָל ער נעמט אין דער האנט און באשליסט שוין צו שרייבן, און הויבט שוין אָן צו שרייבן, אבער ווי נאָר עס קומט צו צו דעם, אז ער דארף שוין שרייבן וועגן פוס, גיט ער א ווארף פון זיך די פעדער און ווארפט זיך אריין אין בעט.

נאָך האלבער נאכט איז ברודערמאן ארויסגעקומען פון צימער און זיך געשטעלט ארבעטן. ער האָט געכאַפּט א דרימל און ווי נאָר דער וויין

איז אויסגעוועבט געוואָרן אין אים אזוי האָט ער שוין מער ניט געוואָלט פארבלייבן אליין אין צימער. זיי האָבן זיך אלע דערפרייט מיט אים, כאָטש דאס האָט קיינער ניט ארויסגעוויזן. אלע האָבן אף אים געקוקט פון הינטער די אויטאס מיט ליבע. איינער דעם אנדערן איז איצט ליב גע־וואָרן. איינער פארן אנדערן וואָלט איצט געגאנגען אין פייער ווען מען שיקט אים. דער ערשטער וואָלט געגאנגען דער קרומער. דער אומגליק־לעכסטער צווישן אלע איז איצט דער קרומער. כאָטש ער איז געווען דער ערשטער אף אנצוגרייפן הערמאנען האָט ער אים דאך ליבער געהאט אין הארצן מער פון אלעמען. ער האָט געפילט אז זיין אומגליק מיט הערמאַנס אומגליק זיינען גאר נאָענטע פריינט, און טשעפּען זיך מיט אים דער ערשטער פלעגט ער טאקע צוליב דעם וואָס ביידע זיינען זיי פארפאלגטע. איינער האָט דעם צווייטן געשטערט מיט זיין אנוועזנהייט, און פונקט ווי הערמאן האָט געשטערט דעם קרומען בא זיין לעבן, אזוי פעלט ער אים איצט אויס.

מען איז עטלעכע מאָל דורך דער נאכט צוגעפאָרן מיט אויטאס צום גאראזש. אזוי ווי די שטאָרן זיינען געווען אראפגעלאזט, האָבן זיי זיך געמוזט אפשטעלן. עפּענען באנאכט דעם גאראזש גייט דער באלעבאס אליין מיט די צוויי רעוואָלווערן.

פארטאג צו איז צוגעפארן אן אויטא. דער באלעבאס, א פארדרימלטער, איז געגאנגען עפענען די טירן. ס'איז אריינגעפאָרן אן אויטא, אין אויטא איז געזעסן א דאמע מיט א הער. די דאמע איז אינעווייניק געזעסן א גע־חלשטע. דער הער האָט זי ארויסגענומען און זי אריינגעפירט צום באלע־באָס אין קאבינעט.

ברודערמאן האָט שוין אן אויג אף דעם דאָזיקן הער. גאנץ אפט ברענגט ער מיט זיך אין אויטא אן אנדער דאַמע. יעדעס מאָל זעט ער, פילט זיך די דאמע ניט מיט אלעמען, און יעדעס מאָל קומט ער אראפ מיט דער דאַמע נאָך האלבער נאכט אדער פארטאָג. דער באלעבאָס מוז זיין מיט אים גוטע פריינט, ווייל זיי זאגן זיך אף דו, און עס האָט נאך קיין איין מאָל ניט געטראפן אז דער הער זאָל זיין דאַמע ניט אריינפירן

צום באלעבאס אין קאבינעט איידער זיי גייען פון גאראזש אוועק. איינ־מאָל האבן זיי אפילו געהערט ווי א פרוי האָט געוויינט אינעווייניק און געוויינט האָט זי אפגעהאקט, ווייל מען האָט זי דארט ניט געלאזט וויינען.
די פרויען וואס ער ברענגט מיט זיך מאכן קיינמאל ניט דעם איינדרוק פון גאסן־מוידן. אנדערע זיינען נאָך יונגע, ליכטיקע קינדער. דאָס מאָל, די געהלשטע, זעט זיך אויך אָן א פרוי א פיינע און פון רייכן שטאַנד. זי האָט געטראָגן אַ בארדא באַל־קלייד ביז די פיס. איר פריזור איז געווען אין אומארדענונג. זי האָט געמאכט דעם איינדרוק אז זי איז ניט געפאַרן און ניט פארפארן וואו זי האָט געוואלט. אלע קוקן צום טירל וואו דער באלעבאָס מיטן הער האָבן זי ארייננעפירט. מען רעדט עפּעס דארטן, אבער צוליבן גערויש פון די קישקעס הערן זיי ניט וואָס. אפשטעלן די ארבעט און זיך צוהערן האָבן זיי מורא. אָט! אָט האָט זיך דערהערט א געוויין, אבער אין דער זעלבן מינוט איז עס געוואָרן אפגעהאַקט. אף א מאָמענט איז דארט אויך פינצטער געווארן. אין אויטא ליגט דער פרוים אַ זאקן־בענדל, אַ זיידן זאָקן־בענדל. יעדער נעמט דאָס אין דער האנט, באַטאַפּט עס און ווארפן עס צוריק אריין אין אויטא.

אומגעפער, מיט א שעה שפעטער, איז דער הער מיט דער דאַמע ארויסגעקומען פון אינעווייניק. ער האָט זי געהאלטן אונטערן ארים. איין זאַק בא איר איז געווען טאקע אביסל אראפּגעלאָזן פון פוס. זי האָט גע־קוקט אָן געדאַנק און אָן זין. דער באלעבאס האט אים געהאלפן איר ארייג־זעצן אין אויטא און זיי זיינען אפּגעפאָרן.

דאס איז שוין געווען אין פרימאָרגן. נאָך דעם האָבן גלייך די ארבע־טער אוועקגעלייגט די ארבעט, אראפּגעווארפן פון זיך די פייכטע קליידער און זיך געגאנגען לייגן אף די בעטן אויסוואָרימען זיך. זיי זיינען אריין אינעווייניק און פידלמאַן איז פון דארטן ארויס מיט די הילצערנע שיך אף די פיס און מיט די בלאָע הויזן. אָן חשק איז ער געגאנגען, ווייל ער איז געווען פארשלאָפן, ער האָט די נאכט ניט געקענט שלאָפן, ס׳האָט זיך אים אלץ אויסגעדוכט אז הערמאַן זיצט אין זיין בעטל און קוקט אף אים.

אין א שיינעם פּארק זיצט רודי אוף א ווייסער באַנק און קוקט זיך צו ווי קינדערלעך שפּילן זיך. אייניקע קינדערלעך פאָרן שטייענדיק אוף וועגעלעך, אנדערע שפּילן זיך מיט פּילקעס, גאר קליינינקע קוקן ארויס פון וויג־וועגעלעך. ס׳איז ליכטיק, ס׳איז ווארים. די מענטשן פּאַרברענגען, שמועסנדיק, אוף די בענק. אייניקע זיצן איינזאַמע, פּונקט ווי ער, רודי, און שווייגן.

די גאוורנאַנטקעס לעבן די וויג־וועגעלעך זיצן און שטריקן מערסטנס. קיין איינע פון זיי קוקט ניט גלאַט אין דער וועלט אריין. אייניקע מאַכן חנדלעך אוף צו פאַרווײלן מיט דעם די קינדערלעך. אַלעמען באַטראַכט רודי. ער האָט הנאה ווען א קינד פאַרשפּילט זיך לעבן אים. ער ווערט באַגייס־טערט. ווען ער וואָלט עס קענען א כאַפּ טון מיט ביידע הענט און לויפן מיטן קינד א שטיק וועג און זיך אוועקזעצן מיטן קינד אוף אַזא אָרט וואו קיינער זאָל אים ניט זען און דאָרטן זאָל ער קענען רעדן צום קינד און דאָס קינד זאָל רעדן צו אים.

ער דערמאַנט זיך אויך, אַז ער דאַרף גיין צו מלכהלען אפּנעמען זיינע זאַכן. ער וויל ניט גיין צו איר ביז וואַנען ס׳וועט ניט ווערן טונקל, ווייל ער וויל קומען ווען איר מאַן וועט שוין זיין פון דער אַרבעט. ווען ער זאָל ניט דאַרפן האָבן אַזוי זיינע זאַכן, וואָלט ער עס אַלץ בדאַי איבערגעלאָזט אַבי ניט גיין צו איר. ער ווייסט אַז קיין פאַרגעניגן וועט אים דער גאַנג ניט ברענגען. אויב דאָרטן איז אפילו גוט, נאָר אויב ער וועט אהין קומען וועט שוין קיין גוטס ניט אַרויסקומען. וואַרט ער באַטש אַז עס זאָל נאַכט ווערן, אַז גרינפעלד זאָל זיין אויך אין שטוב.

אין דעם דאָזיקן פּאַרק איז נאָך טאַקע זייער ליכטיק אָבער צו נאַכט איז שוין ניט פיל. גאַר גיך ווערט דאָ פאַרביטן פון טאָג אוף נאַכט. פון דערוווייטן האָט ער דערזען א קינד זיך שפּילן אַליין לעבן א באַנק. אַרום דעם קינד איז קיינער ניטאָ. אהין לאָזט זיך גיין רודי. דאָס קינד איז פריער געוווען לעבן אים, אים געלאַכט אין פּנים. עס דוכט זיך אים, רודין, אַז דאָס קינד איז אַביסל ענלעך אוף זיין הערשעלען. דעם זעלבן נעזעלע, די זעלבע

ליפּעלעך און די זעלבע אויגעלעך, ניט מער וואָס הערשעלע האָט טונקעלערע האָר. אהין גייט רודי, וואו דאָס קינד שפּילט זיך אליין.

רודי זעצט זיך אַפן באַנק, ער גיט אַלע מאָל אַ גלעט דאָס קינד איי־בערן קעפּעלע, און נאָך יעדן גלעט, וואָס ער טוט דאָס קינד, דוכט זיך אים, ווערט אים אויך געטון אַ גלעט איבערן האַרץ. נאָר אַט נעמט ער דאָס קינדערלע אַף די הענט און הויבט זיך אָן בעטן באַם קינד עס זאָל זאָגן: טאַטע. דאָס קינד לאַכט, ווייל רודי וויגט עס אונטער אין דער לופטן. דעם קינד קיצלט פון דעם אין בייכעלע. עס וויל נאָך מען זאָל עס אונטער־שאָקלען, אבער רודי קוקט גאָר מיט איבערגעקערטע אויגן און בעט זיך:

— זאָג טאַטע.

דאָס קינד עפנט דאָס מיילעכל און זאָגט טאַקע נאָך:

— טאַ—טע.

— אָ, טייער קינד, איצט גיי זיך שפּילן און איך קען שוין גיין וואו איך דאַרף.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד און מיט צעשראָקענע אויגן, ווי פון אַ געפאַנגענעם פויגל, איז ער אוועק צו מלכהלען.

זעקסטער קאַפּיטל

רודי דרייט זיך ארום פאר מלכהלעס שטוב און וויל ניט אריינגיין. ער ווארט אָפּ: אפשר וועט ער דערזען ארויסגיין מלכהלען אדער גרינפעלדן, וועט ער בעטן מען זאל אים ארויסטראגן זיין טשעמאדאן, און ער וועט אוועקגיין.

א שעה אדער מער ווי ער דרייט זיך ארום לעבן שטוב און קיינער קומט ניט ארויס פון זייביידן. פארפאַלן, ער גייט אריין.

עס טוט אים שוין טאקע באנג וואס ער איז אריין אין דער דאזיקער שעה. גרינפעלד זיצט באַם טיש און עסט און מלכהלע לעבן בעט, וויינט, און לעבן אירע פיס, ליגן צוויי לייכטער און לעבן די לייכטער ליגן צוויי פארלאָשענע ליכט.

ווען רודי איז אריין האָט זיך גרינפעלדן געשטעלט דער ביסן אין האלז. ער האָט געפּרוּווט נאָך עסן אבער ס'האָט אים געווארגן. מלכהלע האָט זיך אראפּגעזעצט אפן בעט און האָט זיך נאָך שטארקער צעוויינט.

ווי בייז שרעקלעך, עס קוקט אף גרינפעלדן רודי. גרינפעלד הויבט אויך אלע מאל אויף אף אים רציחהדיקע אויגן. פון זייער איבערקוקן זיך קען מען זען, ווי איינער אפן אנדערן וויל אנפאלן. רודין טוט וויי וואָס ער פּייניקט דאָס מיידל. פארוואָס עפּעס ליגן די לייכטער אף דר'ערד מיט די ליכט, פארשטייט ער ניט. טוט ער אים א פרעג:

— פארוואס וויינט זי?

רודי האָט געפרעגט שטיל, נאָר גרינפעלד ענטפערט אים העכער:

— איר זענט מיט איר ברוגז?

רודי גייט צו צו איר און בויגט איר אָפּ פון בעט.

— פאַרוואָס וויינט איר?

— ער האָט מיך געשלאָגן — ווייזט זי ווי א קינד אן אף גרינ־פעלדן, — כ׳האָב געבענטשט ליכט, ס׳איז דאך שבת, האָט ער אף מיר א ווארף געטון די לייכטער מיט די ליכט. ער האָט מיר נאָך געקענט פאר־ברענען.

רודי רוקט צו אַ שטול צו זיך און זעצט זיך.

— איר וויינט אליין? וואס וועט זיין פון דעם דער סוף?

גרינפעלד הויבט זיך אויף פון טיש און צינדט אָן אַ ציגאַר.

— אויב איר האָט געמאכט דעם אנהויב, טאָ קענט איר מאכן דעם סוף.

— דאס הייסט, איך זאל זי צונעמען פון דאנען — ענטפערט אים רודי, זיך אויסדרייענדיק צו אים מיטן שטול.

גרינפעלד ענטפערט אים ניט אף דעם, אנשטאט אים רופט זיך אָן מלכהלע:

— ער האָט מיר אינמיטן נאַכט אויך געשלאָגן.

ווען מלכהלע זעט גרינפעלדס קוק אף זיך וואלט זי פארציטערט גע־וואָרן. זי קוקט אבער ניט אף אים. זי האלט אראפגעלאזן די אויגן און גיט נאָר אלע מאָל א קוק אף רודין.

רודי ווענדט זיך צו גרינפעלדן:

— ווען איך וואָלט געוואוסט אז איר זענט אזא מין מענטש, וואלט איך איר נאָך פון דער שיף ניט געלאזט אראפגיין צו אייך. פאר בענטשן ליכט זאל מען שלאגן א ווייב, האָט עס נאָך קיינער ניט געהערט. פאר אזא ווילדן מענטשן האב איך אייך ניט געהאלטן.

— מיט א טאָן נידעריקער רעדט, און אויב איר קענט אנדערש ניט, טאָ זאגט א גוטן שבת.

— איך וועל צו דער צייט אליין זאגן א גוטן שבת, אבער ניט אף

שטענדיק. כל זמן מלכהלע וועט זיין בא אייך וועל איך אפט צוקומען א קוק טון.

— איר אפט אז זי וועט דאָ נאָך לאנג זיין בא מיר?

— דאס איז נישט מיין זאך: ווי לאנג זי וועט וועלן און ווי לאנג איר וועט וועלן.

— איך מיין אז איר מוזט וויסן בעסער פון מיר און פון איר, א פאקט, אַט האָט איר איצט געקומען אין דער ריכטיקער צייט.

— איך פארזיכער אייך אז ניט. כ'האָב אפילו ניט געוואוסט אז היינט איז שבת. ווען דאס הארץ זאל מיר ניט געווען זאָגן אז דאָ איז נישט גאָר גוט, וואָלט איך צו אייך ניט איצט און קיינמאל ניט געקומען. קיינעם ניט אזוי ווי מלכהלען, וואלט איך געוואלט זאל זיין גוט.

— הא הא, מסתמא האָט זי אייך אויך גוטס געטון. נישט אומזיסט האָט איר זי אזוי אין זינען און פון דעם „ניט אומזיסט” נעמט זיך איר משוגעת וואס פארביטערט מיר מיין לעבן, און פאר דער גאנצער צייט, שווער איך אייך, האָט זי אָן אייך אויף קיין מינוט ניט פארגעסן. ווען איר וואלט געווען א מענטש מיט פארשטאנד וואלט איר ניט באדארפט דערלאָזן אז דאס זאל ווערן. איר האָט באדארפט זען אז איר האָט צו טון מיט א קינד. אבער איצט גלויב איך, דאס וואס איז שוין געווארן וועט שוין ניט ווערן דאס וואס איז געווען. איך וויים ניט צי זאל איך אייך שטראפן. רעכט האב איך אייך צו שטראפן ווייל סוף כל סוף זענט איר דאך דער שטן צווישן אונז ביידע. ווידער, הערנדיק אייך זענט איר גאָט די נשמה שולדיק. ווידער, אָן אנדערש מאָל זע איך אין אייערע רייד אז איר האָט באוואוסטזיניק צוגעטראכט דאס לעבן פאר איר וואס עס שטייט איר ערשט פאָר. איך פארשטיי אייך ניט. אבער איך קום צו דער איינציקער איבערצייגונג אז איר אליין פארשטייט אויך ניט צי איר טוט גוט אדער שלעכט. ווען איך וויים אז איר זענט אן ארנטלעכער מענטש, א מענטש מיט פאראנטווארטלעכקייט וואלט איך אייך זי איבערגעגעבן אין די הענט. איך שטעל זיך ניט פאָר אז איך זאל מיט איר קענען לעבן. אפילו ווען אלץ זאל גוט זיין און ווי ליב זי זאל מיר ניט האָבן און איך

זי, וועל איך קיין שבת בײַ מיר אין שטוב ניט אַריינלאָזן. קיין ליכטלעך וועט זי אױף מײַן טיש ניט בענטשן. דאָס איז אויסגעשלאָסן. אפשר בײַ איך יאָ. אָבער ווער ווייסט וואָס איר וועט איר נאָך דערלויבן בײַ אײַך צו טון? דערלויבן און אפשר צווינגען? — — —

גרינפעלד האָט זיך אוועקגעזעצט און רודי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— קיין איין מענטש האָט ניט געטאָרט אַרויסקומען לעבעדיק פונם קריג! יאָ, דזשים האָט אויך געזאָגט אַז ער פאַרשטייט מיך ניט. ער האָט אַפּטמאָל פונקט געזאָגט אַזוי ווי איר. איך בין געווען אַזוי גוט צו אים און האָב אים אַזוי ליב געהאַט אַז די נשמה האָב איך אים געוואָלט אוועקגעבן און זאָגן פלעגט ער אַז ער פאַרשטייט מיך ניט. וואָלט איך באמת געפירט אַ דאָפּלט לעבן: פאַר מענטשן איין לעבן און פאַר מיר אַן אַנדער לעבן, וואָלט עס ווייניקסטנס פאַר מיר געווען פאַרשטענדלעך. אָבער וואָס איך זאָל ניט טון גוטס אָדער שלעכטס ווערט דאָס דאָך ניט געטון פון מײַן זײַט מיט דער איבערגעקערטער זײַט. איך ווייס ניט פון דעם. אַן אַרנטלעכער מענטש דוכט מיר בין איך. מיך האָט מען שלעכטס געטון, איך יענעם ניט. פון מיר האָט מען געצאַפּט בלוט, איך פון יענעם ניט. און אויב איך פון יענעם אויך, איז עס געווען אַן ענטפער, און די אַלע וואָס האָבן געפּרוּווט פון מיר צאַפּן בלוט, האָבן אַ טעות געהאַט און שפּעטער חרטה געקריגן. דאָס האָט זיך אויך, מסתמא, גענומען פון דעם וואָס זיי האָבן מיר אויך ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן ניט געוואוסט מיט וועמען זיי האָבן צו טון. מיט אַזעלכע געשיכטעס איז פול מײַן לעבן און מײַן לעבן איז נאָך ניט פאַרענדיקט. ווער ווייסט וועלכע געשיכטעס עס וועלן נאָך מיר דערציילט ווערן. אָבער פון די געשיכטעס נאַרט זיך אױף ניט איך נאָר יענע, וועלכע באַקענען זיך מיט מיר. אױף דער שיף האָב איך אויך געהאַט אַזאַ געשיכטע, און אַזוי ווי איר הערט מיר איצט ריידן, מוזט איר מיינען אַז איך בין אַליין אַ גוטער פון דער נאַטור אָדער וויל זיך פאַר אײַך אַזוי ווײַזן אָבער זאָגן זאָג איך אײַך אַז דאַרטן וואו מען דאַרף ניט זײַן זייער גוט בין איך שרעקלעך שלעכט: בײַ מיר וואָלט מלכהלע, אײַער מלכהלע, שוין מער קיין קונצן ניט געמאַכט. איך וואָלט זי זיכער שרעקלעך געשלאָגן.

שלאָגן איז איינע פון די ווילדסטע זאכן, אבער עס זיינען דאָ מאָמענטן ווען מען ווייסט ניט וואָס מען טוט. בא יעדן זיינען פאראן די מאָמענטן און בא מיר, אפשר, נאָך מער, ווייל דאס לעבן האָט מיר אזוי צוגעוואוינט. עס קען זיין אז עס קומט איר ניט צו זאגן קיין שלעכט וואָרט אויך, נאָר ווען עס טוט וויי, דעמאלט קוקט מען ניט צו דער שולד דורך א גלאָז. זי האָט אייך אָן צווייפל רואינירט. איך האב זי אָן צווייפל רואינירט. און ניט איך בין שולדיק און ניט זי איז שולדיק. בא מיר האָט אנדערש ניט געקענט זיין. כ׳האב געוואלט, זייער געוואלט אז עס זאל אנדערש זיין, ווייל כ׳האב פארשטאַנען וואָס דערפון וועט ארויסקומען. אבער אויסמיידן האב איך עס ניט געקענט אף קיין אופן. איך פלעג זי זען זיצן אליין אף דער שיף מיטן פנים צום וואסער און פלעג ניט וועלן צוגיין צו איר, ווייל כ׳האָב געוואוסט אז איך טאָר עס ניט טון, ווייל זי ווערט מיט יעדעם מאָל צו מיר נענטער און נענטער, און נענטער דארף זי דאָך גאָר ווערן צו איינעם וואָס קוקט שוין ערגעץ אוים זיינע אויגן פון דער ווייטער יבשה, אבער צו־קומען פלעג איך דאָך צו איר און ווייס אַליין ניט ווי אזוי. ענטפערן אף דעם קענט איר אדער א צווייטער אז דאס איז פארגעקומען דערפאר ווייל כ׳האָב זי ליב געהאט, אבער דאס איז ניט אמת. איך אליין ווייס אז דאס איז ניט אמת. יעדעס מיידל אדער יעדער מאַן ווען ער באַציט זיך צו מיר ווי זי, וואָלט איך פונקט אזוי ליב געהאט. אויסער דעם מאָטיוו וואָס זי האָט ערגעץ א חתן און זי איז נאָך א קינד און ניט זעלבסטשטענדיק און דער חתן יענער און זי אליין וועט שפּעטער דערפון ליידן האב איך ניט געהאט, ניט צוצוגיין צו איר, און ווי איך האָב דעם מאָטיוו ניט געפּרואווט אפּטרייבן פון די אויגן האב איך דאך אלץ ניט געקענט אויסמיידן אז איך זאל צו איר ניט צוגיין. אפשר איז דאָ א פינצטערער פארמיטלער וואָס הערשט איבער אונז. איך ווייס עס ניט. אדער איז דאס אפשר וואס איר רופט אָן: פאראנטוואורטלעכקייט. אמת איז, אז פאראנטווארטלעכקייט האָב איך זייער ווייניק. בשעת איך טו א זאך, פארטראכט איך זיך קיינמאל ניט אף די פאלגן וואס די זאך קען ברענגען. האָט דערציילט זי אז איר האָט זי געשלאגן אבער אויב איר האָט געוואוסט אין דעם מאָמענט אז איר

שלאָגט זי, זענט איר נידערטרעכטיק און מען דאַרף אייך פּיינט האָבן, אבער דאָס אַלץ איז נאָך צו פאַרשטיין. ווען אבער איר שלאָגט זי דערפאַר וואָס זי האָט געבענטשט ליכט, אָ דאָס איז גאָרניט צו פאַרשטיין. איך בין אויך אַ גוי פּונקט ווי איר, אבער יענעם צווינגען מיר נאָכצופאָלגן דאָס איז אומזין. מיר זיינען ניט אַלע פון איין טייג געקנאָטן. איר קענט דערפון לאַכן אבער ניט שלאָגן.

— רוקט זיך צו צו מיר — זאָגט גרינפעלד און רודי רוקט זיך צו — דאָס איז דערפאַר ווייל איר זענט אַ לומפּ ניט קיין אַרבעטער. איר קוקט אַן דאָס לעבן מיט די אויגן פון אַ פערד. אמת, איר זענט ניט שולדיק, אַנדערש קענט איר ניט זען, אבער זען דאַרף מען אַנדערש. איר טראַכט אפשר וועגן זיך ווי אַזוי איר לעבט, אבער ניט ווי אַזוי איר וואָלט באַדאַרפט לעבן. פאַר אייך איז די וועלט אַ לעבן מיט קונצן. פאַר אונז איז דאָס לעבן אַ בלוטיקער חוזק. פאַר אונז איז די וועלט פול מיט וואונדן. מיר קענען ניט דערלאָזן צו לאָזן אייך לעבן ווי אייך געפעלט. אונז שטערט עס. מיר באַצאָלן דערפאַר. יעדער מענטש איז ניט איינער פאַר זיך. איינער מיטן צווייטן איז פאַרבונדן און אויב איינעם ווילט זיך גיין וואו אים געפעלט — ליידן מיר. איר און נאָך אַזעלכע ווי איר פאַרהאַלטן אונז אין וועג, און צוליב אייך גייען מיר אָפּט מאָל צוריק. אונזער לעבן איז גאַנץ אַנדערש ווי עמיצנס וואָס איז ניט מיט אונז. אונז מיט קיין מעשהס וועט מען ניט פאַרחלומען די אומגערעכטיקייט. צו וועמען אייגנטלעך געהערט איר? צי וואָס אייגנטלעך לעבט איר? וואָס פאַר אַ פאַדערונגען האָט איר? לעבן אָן דאָס אַלץ איז אונמעגלעך ניט אַזוי פאַר אייך ווי פאַר אונז. איר פּלאָנטערט זיך נאָר אונז צווישן די פיס. אַ חזיר מוז גיין מיט חזרים, אַ קו האָט זיך איר משפחה, אַ שעפּס צו די שעפּסן. איינס גיט וואָל, די קו גיט מילך, דער חזיר גיט פעטס און האָר אפילו אַ קאַץ האַלט מען אַז זי איז אויך נוצלעך: כאַפּן מייז. קיין אומנוצלעכע באַשעפעניש וועט איר ניט באַגעגענען פריי אַרומשפּאַצירן. זיי געפינען זיך ערגעץ אין די וועלדער און אין די נאָרעס. אַ פויגעלע זינגט אונז, אַ הונט פאַר אַ וועכטער — צו וועלכן שוואַרץ יאָר געהערט איר אבער? פאַרווילן זיך ווילט איר מיט

אונזער שמוציקן בלוטיקן לעבן? קיין שטול קומט אייך ניט צו געבן זיצן, ווייל איר האָט אים ניט געמאַכט, און ניט קיין ברויט קומט אייך, און נישט קיין האַנט אפילו דאַרף מען אייך געבן. צי איר זענט שלעכט צי גוט דאַס איז אונז אַלץ איינס, אָדער אפשר ווילט איר זיך באַרימען מיט דעם וואָס איר זענט געווען אין דער מלחמה? — — סוף כל סוף לעבט איר דאָך פון אונזער פּראַצע. איך, א צווייטער, א צענטער טוט עפּעס פאַר אייך אויך, אָבער וואָס האָט עמיצער פון אייך? אַזעלכער ווי איר דאַרפט פון ערגעץ ניט פאָרן און אין ערגעץ ניט קומען. נאָך וואָס, א שטייגער, זענט איר דאָ אין לאַנד געקומען? איר האָט דאָרטן, וואו איר זענט געווען, געלעבט שלעכט, לאָמיר זאָגן. און דאָ ווילט איר לעבן בעסער, אָבער אויף וועלכן אופן? פאַרשטייט זיך אז איר וועט מאַכן א לעבן פונקט ווי עס מאַכן נאָך הונדערטער און טויזנטער צו אייך. איר וועט אפשר מאַכן נאָך א בעסער לעבן פון מיר וואָס איך בין אַן אַרבעטער. איך וועל ניט זאָגן אז איר וועט גיין גאַנוועניען. אָבער פאַר אונז זענט איר ערגער פונם גנב. דער גנב זאָגט אז ער איז א גנב, אָבער איר זאָגט דאָך אז איר זענט אַן אָרנט־לעכער מענטש. גוט שבת ווילט איר זאָגן. ליכט זאָל מען בענטשן, און וואָס הינטער אייך קומט פאַר דאַס גייט אייך ניט אָן. דאָס וואָס עס קומט פאַר פון יענער זייט שבת, דאָס וועלט איר ניט וויסן, און זאָגן קענט איר זאָגן אז איר זענט אַן אָרנטלעכער מאַן. איר צווינגט ניט קיינעם צו גאָר־ניט, און דער פלאָקן אין אונזערע רעדער דאָס זענט איר! און איר ווייסט, זאָגט איר, גאָרניט פון דעם. איר זאָגט אז מען דאַרף ליכט בענטשן, אָבער אונזערע ליכט זיינען שוין געבענטשט.

מלכהלע, פון בעט, קוקט זיך צו ווי רודי קוקט אָן מיט זיינע גוטע אויגן גרינפעלדן און שטומט. רודי געדענקט אַלץ וואָס ער האָט אים גע־זאָגט. זיין פּנים איז פאַרביטן געוואָרן פון פריער ביז איצט. ער קוקט ניט אָן גרינפעלדן נאָר זיך, זיין אייגן לעבן וואָס איז איצט אַזוי קלאָר אויס־געטייטשט געוואָרן. ער וואָלט געוואָלט אז ער זאָל ווייטער רעדן. אין זיין רעדן איז גרינפעלד צוגעקומען צו זיין לעבן ביז איצט, ביז דעם דאָזיקן פרייטיק צו נאַכט, ער וואָלט אָבער געוואָלט אז ער זאָל גיין ווייטער. זאָל

ער עפּעס אנדייטן אַף שפּעטער. זאָל ער אים געבן אַן עצה. ניט איינער האָט שוין דעם חשבון געמאַכט פון זיין לעבן. יעדער אַף אַן אנדער אופן. אבער קיינער גיט ניט קיין ראַט און קיינער קומט ניט צו הילף. זיי שיטן נאָר אַן זאַלץ אַף די וואונדן און טראָגן זיך אַפּ. פון פאַרצווייפלונג לאַכט ער זיך פאַנאַנדער. גרינפעלד ווערט בייז. ער מיינט דאָס ער לאַכט זיך אויס פון זיינע רייד. ער קוקט אַף אים מיט פאַראַכטונג.

— כ'האָב געדאַרפט וויסן אַז איר וועט לאַכן און גאָר מיט אייך ניט רעדן.

רודיס געלעכטער אַפּן פּנים ווערט פאַרגאַסן מיט ליידן און טרויער. ער רופט זיך אָן מיט אַ געבראָכן קול:

— וואָס זאָל איך טון?

— וואָס זאָלט איר טון? נעמט אייך מלכהלען, זי וועט אייך בענטשן ליכט און איר וועט זאָגן גוט שבת און זי וועט אייך ענטפערן גוט יאָר.

— און דאָס זאָל זיין מיין לעבן?

— איר וועט שטיין און וואַשן אויטאָמאָבילן מיט נאָך אַזעלכע לומפּן ווי איר און איר וועט ניט וויסן צי איר לעבט צי איר לעבט ניט. צי אַזוי דאַרף מען לעבן אָדער ניט אַזוי דאַרף מען לעבן. צי עס איז רעכט וואָס מען לעבט אַזוי צי עס איז ניט רעכט וואָס מען לעבט אַזוי. צי מען דאַרף קעמפן צי מען דאַרף ניט קעמפן.

— און קיין אויסוועג איז ניטאָ פאַר מיר?

— וואָס פאַר אַן אויסוועג ווילט איר דען?

— פון אַ לומפּ ווערן אַן אַרבעטער!

— איר זענט אַן אַרבעטער. אַז איר שטייט און וואַשט אויטאָמאָבילן זענט איר אַן אַרבעטער. אַז איר אַרבעט זענט איר אַן אַרבעטער, אָבער דאָס איז נאָר געזאָגט פון אויבן.

— און קיין אויסוועג איז ניטאָ?

— צו ווערן אַ בורזשוי?

— ניין, ניט קיין בורזשוי, נאָר ווערן אַן אַנדערער, ניט דער וואָס איך בין, אַן אַנדערער.

— אַרויסצוקריכן פון דער אייגענער פעל דאַרף מען האָבן שטאַרקן כוח. אַ דאָס וואָס איר פרעגט, דאָס טויג ניט. עס דאַרף אַלץ געטון ווערן פון זיך אַליין. אויב יענער וועט אין אייך אַריינלייגן אַ שטיקעלע פייער וועט זיך עס אין אייך גיך אויסלעשן. אַליין דאַרף מען מיט די אייגענע הענט נעמען דאָס פייער און ניט מורא האָבן טאָמער וועלן זיי זיך אָפּבריען. פרעגט מיך ניט מער. איך בין זיכער אַז איר וועט עס קיינמאָל ניט קענען, אפילו ווען איר וועט וועלן וועט איר ניט קענען, ווייל איר קענט ניט וועלן. איר האָט ניט קיין ווילן. ווילן איז אַ זאַך וואָס פרעגט ניט קיין עצות. ווילן איז אַ זאַך וואָס מען גייט עס ניט קויפן, און מען גייט עס ניט רייסן. ווילן דאָס איז פייער און שאַפן מוז מען עס מיט אייגענע הענט ניט מיט פרעמדע.

רודי הויבט זיך אויף און זאָגט:

— אַ גוטע נאַכט אָדער אַ גוטן שבת.

— גייט נאָך ניט אַוועק — זאָגט גרינפעלד — איך האָב לאַנג גערוואַרט אויף אייך און פאַר איר איז די צייט נאָך לענגער געווען. זעצט זיך אַוועק.

— איך דאַרף שוין גיין אַרבעטן.

— איר וועט נאָך גיין.

— וואָס ווילט איר מיר נאָך זאָגן — כאָטש ער ווייסט אַז ער וויל אים זאָגן זיכער עפּעס וועגן מלכהלען.

גרינפעלד שטעלט זיך לעבן מלכהלען און ציט איר אָפּ פון בעט.

— דאָס וואָס דו ווילסט זאָגן, זאָג. דיינע אויגן זיינען דאָך שוין אַריין אין קאָפּ. זאָג: רודי איך קען ניט לעבן אָן אייך און פאַרטיק. זאָג: פיר מיך אַוועק פון אים. מיט דיר וועט מיר זיין גוט. באַ דיר וועל איך קענען בענטשן ליכט. פון דיר וועל איך הערן גוט שבת. זאָג!

ער לאָזט זי אָפּ און קוקט זיך איבער מיט רודין. גרינפעלד שמייכלט אָבער רודי זעט און קען גוט דעם דאָזיקן שמייכל! בא גרינפעלדן זיינען פאַר דער צייט וואָס רודי איז ניט געווען, אויך די אויגן אריין אין קאָפּ.

אזעלכע פאַרביטערטע מינוטן ווי איצט, האָט נאָך רודי ניט איבער־געלעבט. ווי מיט אייזערנע קאַמען דראַפּעט מען זיין לייב. ער ווייסט ניט וואָס זיי ווילן די דאָזיקן אומגליקלעכע מענטשן פון אים האָבן. זיך א הויב טון און א קלאַפּ טון מיט דער טיר איז ער צו שוואַך.

ער הויבט זיך אויף.

— זיצט, — זאָגט אים ווידער גרינפעלד, — איר דאַרפט מיטלייד האָבן מיט איר. זי האָט דאָך אייך מסתמא קיין שלעכטס ניט געטון. — ער טוט א ביטערן שמייכל — איר זעט דאָך וואָס איז שוין געוואָרן פון איר. אָבער זי איז נאָך שיין, ניט אמת? זי וועט אייך ליב האָבן, איר וועט זי ליב האָבן, טאָ נעמט זיך ארום און גייט אוועק פון דאַנען. איר פאַר־שטייט, הער רודי, זי דאַרף האָבן ליבע. בא מיר געפינט זי ניט די דאָזיקע ליבע וואָס זי וויל. גייט ניט אוועק! אויב איר וועט זי ניט צונעמען וועט זי אומקומען!

ער האָט זיך אומבאמערקט צוגערוקט צו דער טיר און איז נעלם געוואָרן.

— וואָס וויל מען האָבן פון מיר? — פרעגט רודי און צונעמט די הענט. — פאַרוואָס לאָזט מען מיך ניט לעבן? איך האָב דאָך אים קיין שלעכטס ניט געטון. איך האָב דאָך אייך אויך קיין שלעכטס ניט געטון. איך בין דאָך א חרובער מענטש. כ'האַלט מען מיך לאָזן לעבן אדער שטאַרבן. לעבן מיר וועט אייך זיכער ניט זיין גוט. ער איז דאָך אַן ארנט־לעכער מענטש, א גוטער מענטש. איך בין דאָך א לומפּ! איך לעב דאָך א חזיריש לעבן. וואָס וויינט איר?

— נעמט מיך אוועק פון דאַנען.

— טא וואָס וועט זיין פון דעם?

— איך וועל זיין לעבן אייך.

רודי זעצט זיך אַראָפּ און זיי קוקן זיך אָן מיט אויגן פולע מיט טרערן.

— געוויס לעבן מיר! אין ערגעץ ניט, נאָר לעבן מיר. לעבן מיר וועט דיין האַרץ ווערן פאַרסמט פונקט ווי מיינס. פונקט ווי איך, וועסטו ניט וויסן צי דו לעבסט צי דו ביזט טויט.

— לעבן אייך.

— געוויס לעבן מיר! נעם מיך אַרום שטאַרקער! מיר איז שלעכט. פאַר קיינעם האָט מיין לעבן ניט קיין ווערט. אפשר נאָר פאַר דיר לעב איך נאָך און וועל קאָנען נאָך לעבן. וויש ניט אַרום מיינע אויגן. אויב טרערן קומען דאַרף מען זיי ניט פאַרהאַלטן. אין דיינע יאָרן האָב איך נאָך אַזוי פיל ניט געוויינט ווי דו. אפילו אין קריג, ווען דער טויט איז וויפיל מאָל געלאָפן צו מיר, האָב איך ניט געוויינט. ווען איך וואָלט דיר ניט דערקאַנט וואָלט אפשר אויך ניט געקומען צו דעם אַז איך זאָל וויינען. וואָס פאַר א לעבן וועסטו דען לעבן, לעבן מיר?

— איר האָט דאָך מיר אויך געזאָגט אַז איר האָט מיך ליב. איר גע־דענקט אַף דער שיף?

— געוויס האָב איך דיך ליב. איך האָב דריי קינדערלעך, וועט זיין לעבן מיר א פערטע קינד. לאָז מיך אַוועקגיין. וואו איז ער אַוועק?

— זאָל ער גיין פון דאַנען. איר וועט שוין דאָ בלייבן. ער וועט שוין ניט קומען.

— ער וועט קומען, נאַרעלע.

— זאָל ער ניט קומען.

רודי האָט געוואָלט אַוועקגיין, ווייל ס'איז שוין געוואָרן שפּעט, אָבער ער האָט געוואָלט אַז גרינפעלד זאָל פריער קומען. ער איז אַלע ווייל צוגעגאַנגען צו דער טיר צו זען אויב ער גייט און ניט געזען. מלכהלע האָט אים ניט געלאָזט אַוועקגיין און זי איבערלאָזן אַליין. זי האָט זיך אָן אים גענומען קלאַמערן און רודי האָט זי אָפּגעקושט. רודין איז ניט איינ־געפאַלן באַלד ווען גרינפעלד איז אַרויס, אַז ער זאָל זיך שוין ניט אומ־קערן. אַף אַזא אופן וואָלט ער ניט איינגעגאַנגען איבערנעמען מלכהלען. עס קומט אים פאָר ווי מען וואָלט אים אויסגעלאַכט און אָפּגענאַרט.

אפן גאס גייט א רעגן. מלכהלע וויל אים אריינקריכן אין פנים און ער שטויסט זי אפ. זי שלעפט אים אפ פון דער טיר און ער גייט צוריק. ער איז פול מיט רציחה אף גרינפעלדן פאר זיין געמיינער האנדלונג. ער שטעלט אויף דעם קאלנער פון רעקל און וויל גיין.

— איך גיי אויך.

— וואו וועסטו גיין, עס גייט דאך א רעגן.

— איך גיי אויך. כ'וועל ניט בלייבן אליין. כ'האב מורא.

ער שטופט זי אפ פון טיר און זאגט:

— כ'וועל נאר א קוק טון, אפשר שטייט ער דא לעבן שטוב. כ'וועל זיך באלד צוריקקערן.

ער לויפט ארוים און זי בלייבט אליין.

ער גייט און דער רעגן גיסט אף אים. ער זוכט גארניט גרינפעלדן. ער גייט אן א וועג, פונקט ווי דער רעגן גייט אן א וועג. דער רעגן ווייקט אים דורך און ניט ער איילט זיך און ניט ער זוכט ערגעץ שוץ.

א פינצטערער, א שמוציקער רעגן און א פינצטערער מענטש גייט אן א ריכטונג, אן א וועג.

פלוצים בלייבט שטיין רודי. שטייט א ווייל אונטערן רעגן און לאזט זיך צוריק גיין. דער רעגן יאגט אים, און ער לויפט אונטער. שוין ניט ווייט פון גרינפעלדס שטוב, דערזעט ער, דוכט זיך אים, מלכהלען, גייענדיק קעגן אים מיט אן אראפגעבויגטן קאפ אונטערן רעגן.

ער שטעלט זיך אפ און טוט א געשריי צו איר:

— מלכהלע!

מלכהלע בלייבט שטיין, ער גייט צו צו איר. דער רעגן ווייקט זיי ביידן אן רחמנות. ניטא נאך אזא איינער וואס זאל זיך לאזן אזוי ווייקן פונם רעגן ווי זיי.

— וואו גייסטו?

— איך גיי. ווער עס וועט מיך רופן וועל איך גיין.

אַף זיך טראָגט זי אַ מאַנטל, נאָר איר קאָפּ איז מיט גאָרניט צוגע־דעקט. גיסט זיך דער רעגן איבער אירע האָר. דער רעגן לאָזט זיך זיי אַפילו ניט אָנקוקן. ער נעמט זי אָן פאַר דער האַנט און פירט זי צום שטוב. ער גייט גיך און זי לויפט אונטער. אויסער זיי זעט מען ניט קיין הונט און ניט קיין מענטשן. ער וואָלט איצט גיכער געלאָפן, אָבער מלכהלע וויל ניט אַדער קען אים ניט נאָכלויפן. זיי כאַפּן זיך קוים אַריין מיט די לעבנס אין שטוב.

אַ ווײַלע שטייען זיי אַזוי אין מיטן שטוב און דאָס וואַסער פון זיי גיסט זיך און זיי ווייסן ניט וואָס אָנצוהויבן טון. זי קוקט אַף אים אָנגע־שראָקן און ער אַף איר מיט כעס. ענדלעך גייט אים איבער דער כעס און נעמט פון זיך אַראָפּוואַרפן די זאַכן. מלכהלע, ווי אַ קינד שטייט נאָך אַלץ אין די נאַסע, קאַלטע קליידער, ווי זי וואָלט געוואַרט אַז מען זאָל זי אויסטון. די נעץ עסט איר לייב און איר פּנים קרימט זיך. ער קריגט רחמנות און נעמט זי אויסטון. ווי אַ קינד קוקט זי אים אַריין אין פּנים. אַראָפּוואַרפנדיק פון איר דעם נאַסן, שווערן מאַנטל, דערזעט ער ערשט ווי איר לייב ציטערט. דאָס פּנים שמייכלט און דאָס לייב ציטערט. ער נעמט אַ האַנט־טוך און ווישט איר אָרום דאָס פּנים, דעם האַלז און די האָר. ער הייסט איר אויסטון די שיך און זי ענטפערט ניט. דאָ ווערט איר פּנים פריילעך, דאָ טרויעריק. אירע אויגן קוקן אַריין אין זײַנע. אַף אים איז דאָס העמד צוגעקלעפּט צום לייב. ער בעט זי, אפשר האָט זי אַ העמד. זי לויפט צו צו דער שאַפע און ברענגט אים גרינפעלדס אַ העמד. זי וויל אויסטון פון אים דאָס נאַסע העמד, לאָזט ער איר ניט. ער הייסט איר פון אים אַוועקגיין. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און גייט פון אים אַוועק.

זי גייט צו צו דער שאַפע און זאָגט:

— כ'וועל אויך איבערבייטן וועש.

ער זאָגט איר, אַז אַף איר איז דאָס העמד ניט נאַס. זי פאָלגט אים ניט. זי ווייזט אים עפּעס אַ לאַנגע העמד, אַ ראָזע מיט קורצע האַרבעלעך און נאָך גאָר אַ נייע. זי פאַרשטעלט מיט דער העמד דאָס פּנים און לאַכט. ער ווייסט אַז זי לאַכט הינטער דער העמד. ער וויל זיך נעמען אָנטון. דער

רויש פונם רעגן רעדט אָפּ, זאָגט צו און רעדט אָפּ... ער טוט אַ קוק צו דער טיר און אַ קוק אויף דער העמד. דער רויש פון דער פינצטערער רעגנדיקער גאַס רעדט צו און רעדט אָפּ. אַט ווילט זיך אים געבן אַ טו זיך אָן און אַנטלויפן אין גאַראַזש אַריין, וואו ער, רודי, זעט זיך אָן, וואו אפן גלע־זערנעם דאַך זינגט די נאַכט אַ ליד. און אָט, ווען ער גיט אַ קוק אויף דער ראָזער העמד, ווערט שטום דער רעגן און קיין נאַכט איז ניטאָ.

זי פאַרלעשט דאָס ליכט. ער טוט אויף איר אַ געשריי, זי זאָל אַנצינדן, אָבער זי רופט זיך ניט אָפּ. ער אַליין גייט צו צו דער פינצטערער וואַנט און טאַפּט ביז ער טאַפּט אָן דאָס קנעפּל און מאַכט ליכטיק.

זי זיצט שוין אפן בעט אין דער ראָזער העמד און איז אומרואיק. רודי שטייט אין מיטן שטוב ווי צומישט. ווייסט ניט אויף וואָס ער קוקט. מלכהלע פון אים, דוכט זיך אים, זיצט ווייט, גאָר ווייט. זיין פּנים איז בלייך. זיינע אויגן פאַרטון אין טראַכטן. ער דערהערט:

— קום שוין אַהער!

ער ענטפערט ניט. זי גייט אַראָפּ צו אים. זי נעמט אים אָן און שלעפּט אים נאָך זיך. צוקומענדיק צום בעט גיט ער איר פון זיך אַ שפּאַר אָפּ און כאַפּט זיינע זאַכן און נעמט זיך אָנטון. זי קוקט אים אָן און רעדט גאָרניט. אירע אויגן רעדן. איר האַרץ שרייט!

אַ געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ, אַז ער זאָל אַנטלויפן אין גאַ־ראַזש, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך צוגעבויגן צו די שיך און זיי געוואָלט נעמען אָנטון, האָט זיך אַ עפן געטון די טיר און גרינפעלד איז אַריינגע־קומען מיט אַ שירעם.

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און אויף אים און אַ פרעג געטון:

— שוין געבענטשט ליכט?

ניט ער האָט געענטפערט און ניט זי האָט געענטפערט. רודי האָט פּאַמעלעך גענומען אָנטון די שיך.

גרינפעלד איז געבליבן שטיין מיטן צוגעמאַכטן שירעם באַם טיר. ער האָט געקוקט אויף מלכהלען — ניט אויף איר, נאָר אויף איר העמד. ער

האט גארניט געוואוסט, אז זי האט נאר אזא העמד. זי האט עס אים גאר־ניט געוויזן.

רודי איז שוין אנגעטון און וויל שוין גיין, גרינפעלד אבער שטייט באם טיר און זאגט נאך גארניט, אבער רוקט זיך ניט אפ. זיין ניט אפ־רוקן זיך פון דער טיר גיט אים צו פארשטיין אז ער זאל ניט גיין.

— לאזט מיר גיין — זאגט רודי ווי א שולדיקער.

גרינפעלד בייסט אים ווי א שלאנג מיט זיין שמייכל.

— און איר וועט איר איבערלאזן אליין?

— טא איר זענט דאך געקומען.

— ס׳איז אלץ איינס ווי איך בין ניט געקומען.

— ס׳איז ניט אלץ איינס.

— איך בין נאר געקומען זען צי אלץ איז אין ארדענונג.

— לאזט מיך גיין, איך דארף גיין ארבעטן.

— וועט איר פארפעלן א נאכט. מען זאגט ניט אפ אויב מען פאר־פעלט איינמאל צו קומען. איך בין ניט געקומען אייך היימן גיין נאר אייך היימן בלייבן. צו מיר איז זי געווען שלעכט, אבער צו אייך וועט זי זיין גוט. איך בין געקומען גארניט צוצוגעבן. ווען עס וואלט ניט געווען דא ליכטיק און אפן די לאדן וואלט איך אפילו ניט אריין. איך בין געקומען זען נאר צי אלץ איז אפן ארט, צו אלץ איז אזוי גוט ווי איר און זי שטעלט זיך פאר. איצט זאג איך אייך באלדביידן א גוטן שבת און גיי אוועק און איר קענט זיך צוריק לייגן אין בעט.

— לאזט מיך גיין.

— רעדט נישט קיין נארישקייט. איצט וועט איר שוין ניט גיין. וואו וועט איר זי לאזן איצט? אמת איז, אז די נעכט וועט איר דארפן טאקע ארבעטן, אפשר וועל איך פאר אייך קריגן ערגעץ א פאסטן צו אן ארבעט אפן טאג און די נאכט וועט איר בלייבן אין שטוב. נישט גוט איז פאר א פרוי צו בלייבן נאך א חתונה באלד אליין די נעכט. איצט דארפט איר שוין דא בלייבן. ס׳איז שוין אלץ איינס שפעט. ארום האלבע נאכט. טוט

ווידער אויס די שיך און לייגט זיך אין בעט אריין. איר וועט זיך טון גוטס, איר טון גוטס און מיר קיין שלעכטס.

— איך בעט אייך לאָזט מיך גיין.

— איר דאַרפט מיך בעטן גיין. אמת איז, אַז ס'איז אַ חוצפה פון מיין זייט וואָס איך בין געקומען צו אייך אַזוי שפּעט באַנאַכט. אָבער איך פאַרזיכער אייך און זאָג אייך אויפריכטיק אַז ווען דאָ וואָלט ניט געווען ליכטיק און די לאָדן ניט אָפן, וואָלט איך שטילינקערהייד זיך צוריקגעקערט. איר איז קאַלט וואָס זי זיצט אַזוי אין דער ראָזער העמדה, זי ציטערט, זי איז אומרואיק. איך גיי אַוועק און פאַרזיכער אייך אַז איך וועל צו אייך אין אַזאַ שפּעטער שעה קיינמאָל ניט קומען. אויב איר אָדער זי וועט ניט וועלן, וועל איך דאָ מער קיינמאָל ניט קומען.

— איר וועט זיך אָפּרוקן פון דער טיר צי ניט?

— איר דאַרפט אַזוי ווילד ניט שרייען. איך רעד ווי אַ מענטש און איר ווי אַן אומענטש. איך פון מיין זייט בין אפילו גרייט צו גיין איצט בא אייך אין גאַראַזש און זאָגן אייער באַלעבאָס אַז איר זענט קראַנק און קענט ניט קומען היינט, און אים זאָגן אַז מאָרגן וועט איר קומען.

רודי זעצט זיך אַוועק אפן שטול. עס שווינדלט אים פאַר די אויגן.

וואָלט רודי ניט אויסגעזען צו זיין זייער אין אַ שלעכטן צושטאַנד, וואָלט גרינפעלד שוין אַוועקגעגאַנגען, אָבער זעענדיק ווי אַזוי רודי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט גרינפעלד מורא געהאַט אים צו פאַרלאָזן. ער ווייסט ניט צי האָט ער געטון גוט וואָס ער איז איצט אַריין דאָ צי שלעכט. אים זעט זיך ניט אויס אַז רודי זאָל וועלן אַוועקגיין דערפאַר וואָס ער איז אָנגעקומען. מלכהלע מוז וויסן אַלץ, אָבער איר וויל ער ניט פרעגן. ער באַ־טראַכט זי איצט פאַר אַ פרעמדער. ער וויל איר גאָרניט פרעגן און וויל מיט איר גאָרניט ריידן. עס ברענט אים נאָר וואָס זי האָט אָנגעטון די פאַרשייטע העמד וואָס זי האָט אים אפילו עס גאָרניט געוויזן. זי רופט אַרויס אין אים אַ געפיל פון עקל.

רודי שפּירט אַז ער קען זיך ניט אויפהויבן. נאָך אַ נאַכט אַרבעט גייט ער ניט אַרויס קיינמאָל אַזאַ פאַרחלשטער און מידער. אין גאַנצן איז

פּאַרלאָפֿן אַ פּאָר שעה און איבערגעלעבט האָט ער אַזוי פֿיל! ער באַנעמט עס גאָרניט. קיין כּוחות צו ווערן זיך האָט ער ניט. אַ צענעם טון די הענט ווי אַף דער שיף און אַלעמען איבערקערן און זיך באַפֿרייען — דאָס קען ער איצט ניט באַווייזן. ער זיצט ווי אין קייטן געשמידט: ניט די הענט און ניט די פֿיס דינען אים. ער וואָלט געוואָלט אַז גרינפֿעלד זאָל אים געבן צו פֿאַרשטיין וואָס מיט אים איז געשען און אים זאָגן אַז ס׳איז גאָרניט געשען און ער איז איצט פּונקט דער אייגענער וואָס פֿריער. ער וואָלט געוואָלט אַז גרינפֿעלד זאָל אַלץ וויסן וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. וויסן וואָס ער האָט גערעדט, וויסן צו וואָס ער האָט זיך אויסגעטון און וויסן זאָל ער אַז ער זאָל צו אים מער אַזוי ניט ריידן ווי ער האָט גערעדט צו אים פֿריער. ווען ער זאָגט אַז ער ווייסט עס, וואָלט ער אים מיט דעם באַפֿרייט פֿון די קייטן און רודי וואָלט אַוועק און ווייטער פֿאַרגעזעצט זיין ניט טויט, ניט לעבעדיק לעבן. ער ווייסט עס ניט! ווען ער ווייסט עס אַלץ, וואָלט ער ניט געשמייכלט, ער וואָלט ניט פֿאַרבונדן מיט זיינע בליקן מלכהלעס ניי העמד מיט רודיס הענט און פֿיס. ווען ער ווייסט עס וואָלט ער אַזאַ דערשלאָגענער געווען ווי רודי, ער וואָלט אַנדערש גערעדט און אַנדערש געליטן — נאָך מער ווי ביז אַהער!

רודי איז ניט מער ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן. זיין פֿאַרטומלטער קאָפּ האָט אים געפּענטעט די פֿיס. אָבער ווי גיך אין קאָפּ האָט גענומען אויפֿגיין די וואָר, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף.

— איצט קען איך שוין גיין.

גרינפֿעלד האָט געפּרוּווט אים אַרומנעמען מיט דער האַנט אָבער ער איז באַלד געפֿלויגן מיט דער האַנט אַפֿן טיש אַרויף.

— וואו לויפֿט איר משוגענער מענטש?

ער איז אים נאָכגעלאָפֿן, ניט וויסנדיק אַליין צי ער לויפֿט און וואָס ער שרייט.

— איר וועט דאָך דערטרונקען ווערן, משוגענער מענטש! קומט אַהער!

ער האָט שוין איצט ניט געשמייכלט. זיין פּנים איז שוין געוואָרן פאַרביטן און ער האָט שוין ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט נאָר געזען ווי רודי דרייט אויס דעם קאָפּ צו אים און לויפט ווייטער אונטערן גוס רעגן.

רודין האָט דער רעגן ניט געלאזט שרייען, אָבער אַף וויפיל ער האָט געהאַט כוח האָט ער געשריגן:

— און דו משוגענער הונט! איך אַ משוגענער מענטש און דו אַ משוגענער הונט!

ער איז געלאָפן איינגעבויגן, ניט אַזוי צוליבן רעגן ווי צוליב דעם וואָס אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער לויפט אַרויס פון אַ שׂרפה אָדער פון אַן אַנדער געפאַר. ער איז געלאָפן פּונקט אַזוי ווי אין קריג ווען ער מיט זיינע חברים, סאָלדאַטן, זיינען צוריקגעלאָפן פון אַ פאַרשפּילטער שלאַכט און איבער זייערע קעפּ האָבן געפייפט די קוילן.

אין גאַראַזש נעמט אים דער באַלעבאָס ניט אויף.

— באַ מיר אַרבעט מען ניט מיט אַזאַ סיסטעם.

— מיין הער — זאָגט רודי פאַרביטערט — ניט נעכטן האָט עס אַזוינס מיט מיר פּאַסירט און ניט מאָרגן וועט זיך עס איבערכאַזערן. איך האָף אַז דעם טייוול האָב איך שוין אַף אַ שטיקל צייט פון זיך פאַריאָגט. מען קען אומקומען אין אַזאַ נאַכט!

דער באַלעבאָס לאַכט:

— מיטן נאָמען טייוול מוזט איר אַנרופן, פאַרשטייט זיך, אַ פרוי. דעם דאָזיקן טייוול וועט איר שוין אַף לאַנג פון זיך ניט פאַריאָגן.

— איך קען עס גאָרניט פאַרליידן וואָס די קליידער זיינען מיר צו־געקלעפּט צום לייב. איך מוז זיך דאָ איבערטון.

— באַ מיר וועט איר שוין, יונגערמאַן, ניט אַרבעטן מער. איך האָב אייך געהאַט געזאָגט ווען איר זענט דאָ אַנגעקומען: ווען איר וועט אַ נאַכט

ניט קענען קומען צו דער ארבעט, זאָלט איר מעלדן מיט אַ טאָג פריער. אױף דעם אופן ווערן צוגענומען דאָ מענטשן און ווערן אָפּגעזאָגט. קיין פאַרענטפערונגען העלפן דאָ ניט.

— ווי איר ווילט. איך פאַרענטפער זיך ניט. איבערטון זיך מוז איך. דורכן רעגן וועל איך צוריק ניט לויפן. איך האב ניט וואו אויך. אלץ איינס וועל איך שוין דאָ לאַנג ניט בלייבן אפילו ווען איר זאָלט מיך בעטן: איך האב א חבר, דזשים, צו אים וועל איך פאָרן. איך מוז זיך איבערטון!

דעם באַלעבאָס איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן וואָס ער האָט געטון צו אים אַזאַ געשריי. אין אַן אַנדער מאָמענט וואָלט ער אים שוין קיין רגע ניט געלאָזט לעבן זיך שטיין. ער האָט אבער דאס מאָל פאַרשטאַנען אז דער דאָזיקער צעקאָכטער מענטש וועט אָן ספק ארויסרופן א טומל. ער האָט דערפאר קיין מורא ניט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט שטערן זיין אייגענע רו.

— ארבעט אױף די נאַכט און אין דערפרי וועלן מיר זיך צערעכענען.

רודי האָט אים מער ניט געענטפערט. ער איז אריין אין זיין צימער, האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די נעץ, האָט אָנגעטון אױף זיך דעם פאַרשמאַדערטן אבער טרוקענעם מלבוש. האָט אָנגעטון אױף די פיס די הילצערנע שיך און זיך אוועקגעשטעלט ארבעטן.

די קישקע האָט ער שוין ניט געהאט צו וואָס צו נעמען: די אויטאָמאָבילן זיינען שוין אלע געווען ארומגעוואַשן נאָך ארומפּוצן האָט מען נאָך זיי באַדאַרפט. ברודערמאַן האָט זיך געשטעלט לעבן אים און האָט אים דערלאַנגט א סאַנדוויטש. רודי האָט ניט געוואָלט עסן, ער האָט אבער עס צוגענומען בא אים פון דער האַנט.

אױף קיינעם האָט רודי איצט ניט געוואָלט קוקן. אלע זיינען אים געוואָרן מיאוס. קיין איינעם פון זיי האָט ער ניט געוואָלט ווייזן זיין פנים. אױף אלץ און אלעמען האָט ער געטראַגן פאַראַכטונג. ער וואָלט גערן געוואָלט אז דער גלעזערנער דאַך זאָל זיך איינברעכן און אלעמען צעשמעטערן די קעפּ.

ברודערמאַן האָט צו אים א פּאָר מאָל גענומען ריידן, האָט ער אבער פון רודין קיין ענטפער ניט באַקומען. נאָך דעם אומגליק מיטן דאקטער, האָט ער, און אַלע איבעריקע, געוואָלט אז עס זאָל שוין מער קיין שלעכטס צווישן זיי ניט געשען. דעריבער, ווען רודי איז געשטאַנען דערשלאָגן און ניט געוואָלט ענטפערן, האָט עס ברודערמאַנען וויי געטון. רודיס שטומעניש, האָט אַ שלעכטע בשורה זיי אַלעמען אָנגעזאָגט. ברודערמאַן האָט אים געזאָגט, אז ער וועט פאר אים קריגן א צווייטן גאַראַזש צו אַרבעטן. ער האָט אים אפילו געוואָלט טרייסטן מיט דעם, אז ער אַליין וועט אויך אוועקגיין פון דאַנען. רודי האָט אבער פון דעם אַלעמען ניט געוואָלט הערן.

ברודערמאַן האָט זיך פון אים אָפּגערוקט און מיט די איבעריקע געזאָגט אַ שטילן שמועס. אַלע זיינען ארוים פאַרוואָלקנט פון דעם שמועס. יעדער האָט שוין איצט פון זיך ניט געטראַכט נאָר פון רודין. רודיס שווייגן האָט זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויף זייערע הערצער. אין אַ ווײַלע אַרום, האָט זיך צו אים צוגערוקט דער קרומער און האָט מיט אים געוואָלט נעמען פאַרפירן אַ שמועס, ער איז אבער געבליבן אָן אַן ענטפער, פּונקט ווי ברודערמאַן. ער האָט געזען אַז ער קען מיט אים גאָרניט מאַכן, איז ער צוריק אַוועק צו ברודערמאַנען און גוטנבערג האָט זיך צוגעשטעלט און ווידער עפּעס שטיל גערעדט אין איינעם. נאָך דעם, איז צו רודין צוגעקומען גוטנבערג און האָט אים געזאָגט אז מען וועט אים ניט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט: אויב מען וועט אים אָפּזאָגן, וועלן אַלע אַוועקגיין פון דער אַרבעט. רודי האָט אויף דעם נאָר אַ שמייכל געטון, אַ שמייכל מיט שפּאָט און שטאָלץ.

פון רודיס זייט איז עס ניט געווען קיין קאַפּריז און ניט קיין אנשטעל אויף ניט צו ענטפערן. ווען ער וואָלט זיך געגעבן רעכענונג אַז מיט דעם פאַרשאַפט ער זיי יסורים און צער, וואָלט ער, ווי ס'איז אים ניט געווען שלעכט, זיי געענטפערט. געענטפערט נאָך אפילו מיט דאנקבאַרקייט און ליבע. ער קען מאַכן וואו מען דאַרף אַ פרומען פּנים. דאָ, איז ער אבער געווען אזוי ווייט אַוועקגעשליידערט פון דער ווירקלעכקייט, אז ער האָט אפילו ניט געוואוסט וואָס ער טוט און וואו ער שטייט. די פּאָר שעה

מיט מלכהלען האָבן זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין זיין געדאַנק, אַז ער האָט ניט געוואוסט אף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

ברודערמאַן, גוטנבערג, מיטן קרומען, האָבן בשלאָסן אַז מען זאָל אים ניט אָפּלאָזן פונם אויג. איינער זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אפן אנדערן, נאָר יעדער זאָל גוט אכטונג געבן אף אים. מען זאָל זען אַז ער זאָל ניט אַוועקגיין אַליין. און אויב דער באַלעבאָס וועט אים טאַקע אין דערפרי הייסן זיך פאַרנעמען פון דאַנען, זאָלן אַלע ווי איינער זאָגן אַז זיי גייען אויך אוועק. אַלע זיינען געווען צופרידן פון דעם פּלאַן וואָס ברודערמאַן האָט געמאַכט. גוטנבערג האָט זיך איבעריק ניט אינטערעסירט, אָבער ער איז ניט געווען דאַקעגן, ער האָט זיי געגעבן רעכט אף אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט. גוטנבערג האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט ווי די איבעריקע ניט דערפאַר וואָס ער ווייסט בעסער פון זיי דעם טעם פון זיין אַרבעטסלאָז, אים אינטערעסירט עס ניט שטאַרק ווייל ער האַלט ניט, אַז אויב עמיצער וויל מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן, זאָל מען אים דאַרפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. זיי וויל ער עס אין איצטיקן מאָמענט ניט זאָגן, אָבער זיך, זאָגט ער:

— פאַר דעם טויט וועסטו דעם וועג ניט פאַרצאַמען.

גוטנבערג האָט שוין אפילו האַלב שלום געמאַכט מיט זיין לעבן, אָבער דאָס גאַנצע לעבן האָט פאַרלאָרן פאַר אים זיין ווערט. דעם דאָקטער האָט ער באַקלאָגט ווייל ער איז געווען מיט אים עפּעס פאַרבונדן. מיטן דאָקטערס טויט האָט זיך פון אים עפּעס אָפּגעריסן און אים געלאָזן אַ ווייטיק. ער ווייסט, אַז מיט קיין אַנדערנס טויט, וועט ער ניט אומשטאַנד זיין צו פאַרלירן אפילו איין טרער.

מער פון אַלעמען איז אומרואיק ברודערמאַן. ער נעמט ניט אַראָפּ זיין אויג פון רודין. שטענדיק, ווען מיט רודין האָט עפּעס שלעכטס פּאַסירט, האָט ער מער געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך ווי איצט. ער פלעגט סוף כל סוף דערכאַפּן אף זיך אַ נאָך שפּירנדיקן בליק און ער פלעגט זיך באַדענקען. דאָס מאָל ניט, כאָטש אַרבעטן, אַרבעט ער זייער רואיק: פּוצט אַן אויטאָ ניט ערגער פון אַלע מאָל, אָבער זיין קאָפּ וואָס ער הויבט

ניט אויף און קיין ענטפער וואָס ער גיט ניט — אַ־דאָס איז שלעכט. כאָטש ווען מען זאָל זיך גוט צוקוקן ווי אַזוי ער אַרבעט, וואָלט מען געקענט זען אַז בײַ אים אַרבעט ניט נאָרמאַל דער געדאַנק.

פידלמאַן זאָגט זיי אָן, אַז זיי קענען שוין לייגן די אַרבעט און גיין שלאָפן.

רודי און די איבעריקע צוויי לייגן אַוועק די אַרבעט און גייען אַריין בײַ זיך אין צימער. אַלע דריי חוץ רודין זײַנען עפּעס אַרויס מיד פון דער דאַזיקער נאַכט. ניט די אַרבעט האָט זיי מיד געמאַכט נאָר רודי. אָן חשק שלעפּן זיי פון זיך די אָנגענעצטע זאַכן. רודי וואַרפט אויך אַראָפּ פון זיך די שיך און די הויזן און וויל זיך צולייגן אַביסל. ער וויל פּרוּוון אײַנשלאָפן אויף אַ ווײַלע, אַז דער קאָפּ זאָל אויפהערן אַזוי צו פּלאָגן. נאָר אָט שטעלט זיך דער באַלעבאָס אַריין אין דער טיר און גיט אַ וואונק צו רודין.

— טוט זיך אָן און קומט מיט מיר וועלן מיר מאַכן דעם חשבון.

ברודערמאַן כאַפּט זיך אַרויס:

— כ׳מיין, אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט האָט איר ניט פאַרוואָס.

— פאַרוואָס צי פאַר ווען, דאָס פרעג איך אײַך ניט — איז דעם באַלעבאָס ענטפער.

דער קרומער קוקט אויף גוטנבערגן און רודי שטייט ווי אַ זייטיקער און קוקט ווי אַ גולם.

— טוט זיך אָן און קומט מיט מיר — זאָגט שוין צו רודין העכער דער באַלעבאָס.

ברודערמאַן רוקט זיך אַרויס צום באַלעבאָס.

— ער מוז דאָ נאָך אַרבעטן עטלעכע נעכט ביז ער וועט קריגן אַ פּלאַץ. אָפּזאָגן אים טאָרט איר ניט דערפאַר וואָס ער איז מיט אַ פּאָר שעה געקומען שפּעטער צו דער אַרבעט. מיר האָבן געמאַכט די אַרבעט פאַר אים!

—קומט! — זאָגט דער באַלעבאָס שטרענג צו רודין און גייט גיך אַוועק פון זיי.

רודי איז ניט געוואוינט אז מען זאָל צו אים אזוי באַפעלעריש שרייען און ער זאָל שווייגן ווי אַ גולם. ערשט אין אַ ווײַלע ארום, ווען דער באַ־לעבאַס איז שוין געווען אין זײַן צימער, האָט רודי דערהערט דעם געשריי צו אים.

ער ענטפערט מיט אַ ווילדן קול:

— איך גיי!

— מיר גייען אַלע — ענטפערט ברודערמאַן מיטן קרומען און גוטנ־בערג זאָגט נאָך.

רודי נעמט אַף זיך גיך ארויפציען זײַנע זאַכן. זײַנע זאַכן זײַנען נאַס און דער גוף זײַנער איז שוין טרוקן, פארקלעמט עס אים, נאָר ער פארדריקט מיט די ציין. פארקערט, ער שמייכלט.

אַלע טוען זיך אָן און גיין נאָך אים. דער ערשטער צום באַלעבאַס גייט אריין רודי. באַלד ווי רודי קומט ארוים מיט אַ אונטערגעשריבענעם פון אים פאַפירל און מיט עטלעכע פעזעס אין דער האַנט, לאָזן זיך גיין די איבעריקע דריי. רודי שטויסט זיי צוריק. ער בעט זיך און וואָרנט, זיי זאָלן דאָס ניט טון. ער זעט אז מיט די הענט קען ער זיי ניט פארהאַלטן, פרואווט ער זיי פארהאַלטן מיט די אויגן, אבער עס געלינגט אים ניט: דער ערשטער שפּאַרט זיך אריין ברודערמאַן, נאָך אים דער קרומער און נאָכן קרומען, גוטנבערג. דעם לעצטן, גוטנבערגן, פרואווט ער אַ כאַפּ טון מיט דער האַנט, אבער יענער איז שוין אינעווייניק.

ער האָט אַף זיי אונטערגעוואַרט, כאַטש שפּעטער אַ ווײַלע ווען זיי זײַנען ארוים, האָט ער אליין ניט פארשטאַנען צו וואָס ער האָט אַף זיי געוואַרט: געדאַרפט פארשווינדן, אז קיינער זאָל אים ניט אָנקוקן מער. אומצופרידן איז ער אליין, די איבעריקע, אפילו גוטנבערג, זעט ניט אויס צו זײַן פארצווייפלט.

באַלד ווי זיי זײַנען ארוים פון גאראַזש, האָט זיך באַ רודין געביטן ס׳פּנים: ער איז געוואָרן גאָר אויפגעלעבט. ס׳איז אים עפּעס געוואָרן אזוי גוט, אז ער האָט אַזש אַפּן קול גענומען זינגען. די איבעריקע האָבן ניט פארשטאַנען וואָס עס טוט זיך מיט אים. מיטגעריסן זײַנען זיי אבער פון

אים געוואָרן. זיי האָבן געלאַכט און גערעדט אַפן קול. אַלע פיר אין איין שורה זיינען זיי געגאַנגען און האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן טראָטואַר.

— וואו גייען מיר? — פרעגט גוטנבערג.

— ביז דער ברייטער גאַס — ווייזט אים אָן רודי מיטן פינגער. און ווירקלעך, ווי זיי זיינען צוגעקומען צו דער ברייטער גאַס, האָט זיך רודי אָפּגעשטעלט:

— איצט געזעגענען מיר זיך.

— וואו ווילט איר גיין? — פרעגט אים ברודערמאַן און קוקט אים אָן פאַרדעכטיק.

— אין וועלכער ריכטונג גייט איר? — פרעגט אים רודי און פון זיינע אויגן קוקט ארויס אַ געפערלעך פייערל.

— לאָמיר גיין אהער. — ווייזט ברודערמאַן מיט דער האַנט אויף לינקס.

— און איך גיי אויף רעכטס — ווייזט רודי מיט דער האַנט.

— איר גייט נישט! — זאָגט ברודערמאַן שטרענג.

— וואָס הייסט איך גיי נישט? — פרעגט רודי און לאָזט זיך פון זיי גיך אַוועקגיין מיט שרעק ווי פון אַ געפאַר.

— איר גייט נישט אָן אונז — זאָגט ברודערמאַן און הויבט אים אָן צו פאַרפאָלגן מיט גיכע טריט, רופנדיק די איבעריקע נאָך זיך.

רודי הויבט אָן צו לויפן און ברודערמאַן מיט די איבעריקע נאָך אים. רודי לויפט אַראָפּ פונם טראָטואַר און לאָזט זיך לויפן מיט דער ליניע וואו די טראַמוויין פאָרן, אָבער די איבעריקע פאַרפאָלגן אים.

רודי לויפט און זיין פּנים דריקט נישט אויס קיין משוגעת, נאָר שרעק. ער לויפט גיכער פון זיי און איז שוין ווייט פון זיי, אָט דרייט ער אויס דעם קאָפּ און דערזעענדיק הינטער זיך ברודערמאַנען מיט גוטנבערגן — דער קרומער איז ווייט הינטער זיי געבליבן — און פּאָליציי לויפט אויך! — האָט רודי נאָך שטאַרקער גענומען לויפן און דערזעענדיק קעגן אים אַנ־פאָרנדיק אַן אויטאָ, איז ער געלאָפן גלייך אַפן אויטאָ. דער שאָפער האָט

זיך ניט גערעכט אף דעם. דערזעענדיק טאַקע אז דער מענטש לויפט אפן אויטאָ ארויף האָט ער אים געוואָלט אויסמיידן אבער ס'איז שוין געווען אביסל צו שפעט! רודי האָט געוואָלט אַרויפפאַלן אפן אויטאָ מיטן קאָפ, אבער אין דעם מאָמענט האָט זיך דער אויטאָ אַ דריי געטון און אים אַ שפּאַר געטון ארונטערכאַפנדיק זיינע פיס!

זיינע נאַסע הויזן זיינען באלד נאַס געוואָרן פון בלוט. פון איין פוס איז אפגעשונדן געוואָרן אַ שטיק פלייש — און ער האָט קיין איין געשריי ניט געטון. געשריגן האָבן שוין זיינע חברים: פאַר אים, פאַר זיך און פאַר אַלע איבעריקע מענטשן אף דער וועלט!

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

דרוקעריי „קולטור״ פון מושקאַט און זאַסלאַווסקי — טוקומאַן 3067, בוענאָס איירעס.